מרדכי אַלפּערסאָן.

30 יאָר אין ארגענטינע

מעמואַרן פון אַ אידישן קאָלאָניסט.

דריטע טייל.

בועַנאָס אַיירעס, 1928.

מרדכי אַלפּערסאָן

30 יאָר אין אַרגענטינע

מעמוארן פון א אידישן קאָלאָניסט

דריטע טייל

ארויסגעגעבן פון דער בוכהאנדלונג
ג. קאַפּלאַנסקי
קאָרריענטעס 2614 בוענאָס איירעס

איבערדרוקן פארבאטן.

TREINTA AÑOS EN LA ARGENTINA

Narración Histórica por Marcos Alpershon

Editado por la Libreria de G. KAPLANSKY, Corrientes 2614.
BUENOS AIRES, 1928

א לעגענדע במקום הקדמה

דאס געבורט פון דער ארגענטינער קאָלאָניזאַציע.

הייסע, פאַרשנייטע פעלדער ציען זיך אין דער לענג. א גרויע טונקלקייט הענגט אין דער לופט. שווארצע פינצטערע וואלקנס קומען אָן פון די האָריזאָנטן, לאָזן זיך אראָפּ איבער א צוזאַמענגעדריקטע מענטשן־מאַסע מיט אויסגעצויגענע, בלייכע פנים'ער, וואס שלייכן זיך אין פעלד און בראָדזיען ביז אין די בייכער אין שניי. פרויען מיט פיצעלעך קינ־דער, זקנים מיט ספר תורה'ס אין די הענט, יונגע מיט קלומקעס אױף די פּלייצעס, שלעפּן זיך, אנטלויפן פון זייערע היימען, פון אומגליק. עפּעס גרויזאַמס, שרעקליכס קומט דאָרט פאר אין די שטעט און שטעטלעך. מענטשן ראטעווען זיך. אָבער וואוהין?

ניט ווייט פון דעם פריילעכען זאַרנלאָזן פּאריז, אין א שיינער אָפּ־געזונדערטער רייכער ווילע זיצן דריי מענטשן בא א גרויסן שרייב טיש, שפּעט אין דער נאַכט; איינער איז א דיקלעכער, עלטערער מענטש, מיט בלויע אויגן און גוטמוטיקן שמייכל; דער צווייטער — א מאגערער, שלאַנ־קער, מיט א צאַנגלן פנים און שווארצע נאַכט אויגן און די דריטע — א צארטע ערעלע פרוי, מיט א מיסטישן בליק. די מענער זיינען פארטיפט אין א לאַנדקארטע, וואס ליגט אפ'ן טיש, און די פרוי נעמט פונם טיש איין טעלעגראַמע נאָך דער צווייטער, לייענט, און בא יעדער טעלעגראַמע רייסט זיך ארויס א זיפץ פון איר הארץ און אירע ליפּן שעפּטשען אין דער שטיל:

— מיין גאָט, וואס פאר אן אומגליק! פּאָגראָם און פּאָגראָם! דער־באַרעם זיך, גאָט פון ישראל!

דער דיקער פון די מענער, ניט זיך בא יעדער זיפץ פון דער פרוי א שוידער מיט'ן גוף און קוקט זיך איין אלץ שארפער אין דער מאַפּע.

— אָט איז עס, באראן! — זאָגט דער צאנגלער הער און מאַכט א רויטן צייכן אױף דער מאַפּע.

— דאָס איז דאָך דאָס זילבער־לאַנד באַם פּלאַטאַ טײַך!

— יאָ, אָט דאָס האָט סער קעלען אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ אָנגעגעבן פאַר דאָס בעסטע. אָבער....

— וואָס איז דער אָבער, הער װענעציאַני?

— איך צװײפל אויב דאָרט איז דאָס ריכטיקע לאַנד, וואו אײַער אידייע זאָל קענען פאַרווירקליכט ווערן.

— דו און ברוים וועלן זיי דאָרט זיכער געפינען.

די פרוי האָט מיט ליבע אַ קוק געטון צו דעם דיקלעכן און אַ זאָג געטון:

— די הויפּט זאַך איז דאָס ערשטע — רו, און פאַר'ן צווייטן איז פריער גאָט און נאָכדעם מיר. מיר וועלן שוין זאָרגן. ניט אַזוי, מאָריץ?

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן גוטמוטיקן פּנים:

— עס געוועגט זיך אַ סאַך אינ'ם עלעמענט. וואָס פאַר אַ סאָרט עמיגראַנט דאָס איז. אַזוי שרייבט סער קעלען פון דאָרט.

— אַנטשולדיקט, באַראָן, — זאָגט דער צאַנגלער — דער דאָקטאָר וואָס איז דאָרט מיט סער קעלען, איז פון אונדזערע. ער קען אונדזער עלעמענט.

די פרוי האָט פאַרזאָרגט אַ פרעג געטאָן:

— איז עס ניט דער זעלבער דאָקטאָר וואָס האָט דיר וועגן אַ אידנשטאַט געשריבן?

— ניין, דער איז אַ טרוימער, מיט זייער, זייער אַ ווײַטן חלום, אין דאָ איז אַ נאָענטע ווירקליכקייט אין אַ פרייען לאַנד.

— פריי, פרייהייט! אָט אין דעם נויטיקן זיי זיך אַמשטאַרקסטן.

— יאָ, — זאָגט דער צאַנגלער — ס'איז אַ ביסל צו פיל פריי. די רוסישע אידן זײַנען דערצו ניט געוואוינט... מ'וועט מוזן האָבן ענערגישע באַאַמטע, זיי זאָלן זיי אַ ביסל אין צוים האַלטען.

די פרוי האָט אַ ציטער געטאָן: — אין צוים זיי האַלטן? מײַן גאָט! זײַנען זיי דען נאָך ווייניק אין צרות געצוימט?

— מײַן נשמה! דו וואָלסט אַ שלעכטער קאָמאַנדיר איבער אַ חיל געווען. דיסציפּלין איז די באַזע פון יעדער אונטערנעמונג.

אַ געוויין, ווי פון אַ קינד, האָט זיך דורך די ווענט פון דעם מיטער

ווי דורכגעריסען, האָט זיך ארומגעקייקלט אין צימער און אין זייערע אויערן אָפּגעקלונגען...

אלע דריי האָבן אַ שווידער געטאָן און זיך ארום די ווענט ארומגע־קוקט.

די פרוי איז אַ פאַרציטערטע געוואָרן:

— איהר האָט געהערט? באַ אונדז אין דער גאַנצער ווילע, צווישן אַלע דינער, איז נישטאָ קיין קינד...

— מאַדאַם, זייט נישט אַזוי איבערגעראַשט, מעגלעך ס׳האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט.

— אויסגעדאַכט? איר ווילט מיר איינריידן, ס׳האָט דאָך געקלאַנגט פון אַלע פיר ווענט!.. ס׳שרעקט מיך אַזוי!

— וואָס־זשע דענקסטו מיין נשמה? קיין הימל־זאַך איז עס ניט...

— אפשר די אימיגראַנטן נשמה, וואָס איר רעכנט צו דיסציפּלינירן האָט אַזוי אַ וויין געטאָן.

— פרוי! — האָט דער באַראָן בייז אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגע־הויבן פון טיש. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אָוועקגעשאַרט די גאַר־דינען און ארויסגעקוקט אין דרויסן.

די פרוי איז אַ פאַרשעמטע און איבערגעשראָקענע געזעסן און גע־שוויגן.

דער צאַנגלער האָט אריינגעלאָזט די אויגן אין די פּאַפּירן און זיך פאַרטראַכט.

אַ שאַרפע לבנה האָט ווי מיט שפּיזלעך דורכן פענסטער אויף די אַלע דריי אריינגעבליקט און האָט באַזילבערט דעם רויטן צייכן וואָס אויף דער מאַפּע.

דער באַראָן, שוין אַ באַרויקטער, האָט זיך פון פענסטער אָוועקגע־קערט און מיט אַ שמייכל צו דער פרוי זיך געווענדט:

— האָב ניט קיין מורא, מיין טייערע, ס׳איז גאָרנישט, דו ביזט בלויז אַ ביסל נערוועיאיש, מיר ביידע וועלן אהין אין דעם זילבער לאַנד פאָרן, מיר אַליין וועלן פירן די גאַנצע ארגענטינער קאָלאָניזאַציע.

אַ שטראַל ליכט האָט דאָס מיסטישע פּנים פון דער פרוי באַשיינט. אַ טרער אַ גרויסע איז פון אירע אויגן אויף דער מאַפּע געפאַלן.

איך פאָר מיט דיר ,מאָריץ!

דאָן, זאָגט די לעגענדע, איז די ארגענטינער קאָלאָניזאַציע געבוירן געוואָרן.

I.

חורבן מאוריציא

פאסירונגען און סבות. — א טרוקעניש. — אין שטאט אריין. — דער תכלית. — פופ־ציג פאר געלע שטיוול. — בארג אראפ. — די קאלאניסטן נעמען זיך צום האנדל. —

קיין שום זאך קומט ניט פון זיך אליין, יעדע פאסירונג, א גוטע צי א שלעכטע, האט זיך איר אורשפרונג, איר סבה ,און די סבה קומט אויך פון א פריערדיקער סבה. קיין חורבן פאלט ניט פלוצלונג פונם הימל אראפ...

געווים האבן מיר קיין צייט ניט, ס'פעלט אונז געדולד און ווילן. נאכ־צופארשן, באקלערן די אורזאכע פון וואנען עס האט זיך גענומען צו אונז די צרה, דער אומגליק, אין וועלכן מיר פאלן גאר פלוצלונג אריין...

קורצזיכטיק, כמעט בלינד איז דער מענש אין זיינע אייגענע מעשים, ער וויל אפטמאל אויסמיידן א קליין נישטיק גריבל, און פאלט נעבאך אריין אין א שרעקלעכן תהום.

אויך מיט אונזערע קאלאניסטן האט דאס אייגענע פאסירט, אזוי ווי איך האב אין צווייטן טייל געזאגט; זיי האבן ניט געזעען דעם תהום וואס האלט אפן דאס מויל זיי צו פארשלינגען; בלינד, קורצזיכטיג, באווירקט פון באליידיקטן צער, האבן זיי, די אומוויסנדע, זיך געלאזט אויף זייער א גליטשיקן וועג; זיי האבן ניט געזעען דעם חורבן, די רואינע, וואס האט אויפגעעפנט דעם שלונג אריינצונעמען זיי מיט זייער צער, מיט זייער בושה, מיט זייער נקמה זוכן אין זייערע אונטערדריקער און אפשר אפילו מיט די אונטערדריקער אליין אויך.

און ער איז געקומען, דער חורבן! ער איז געקומען און פרעסט, שלינגט, פארניכטעט די ארבעט פון פאטער און זון, פלאנעניש פון דריי־צענדליק יארען ווערט צוכראמטשעט אונטער זיינע שטארקע ציין. פון וואנען האט ער זיך גענומען, דער שרעקלעכער? איז ער גלייך מיט זיי, מיט דער שיף געקומען? איז ער אפשר געבוירן געווארן גלייך מיט'ן געבורט

פון דער קאַלאַניזאַציע? וואו ליגט גאָר די ערשטע סיבה זיינע? איך קען דאָס נים דערגיין, איך קען אייך נאָר איבערגעבן די פּאַסירונגען, ווי אַזוי זיי זיינען געשען.

עס איז אָנגעקומען דאָס באַוואוּסטע אומגליקלעכע קריזיס יאָר 1908—9, אַ טריקעניש. חדשים לאַנג איז קיין טראָפּן וואַסער נים נע־פאַלן, טרוקן און דאַרשטיק זיינען געשטאַנען די פעלדער. די גאַנצע ערד האָט באַקומען אַן אַש קאָלירנעם געשטאַלט, פאַרדאַרט, מיט ברייט צע־שפּאָלטענע ליפּן איז די ערד געשטאַנען און ווי מיט מעשענע אויגן געקוקט צום קופּערנעם הימל, געבעטן געלעכצט נאָך אַ טראָפּן וואַסער און ס'איז נים געקומען.

די זון, אַ צניעות'דיקע, אַ מילדע, פלעגט זיך אַלע פרימאָרגן פון ערגעץ ווייט מיטברייינגען אַ בלוי שטיק פאַרטוך, זיך איינדעקן דאָס רויטע אָנ־געצונדענע פנים אויף דער העלפט און אונז ווייזן: אָט דאָרט אַנטקעגן, נים ווייט, אין עק, שטראָמט אַ טייך, אָט קוקט, ס'פליסט אַ וואַסער....

מיר, אַלטע קאָלאָניסטן, האָבן שוין דעם מיראַזש געקענט. מיר האָבן שוין געוואוסט פון אירע שפּיצלעך, מיטן אירליכט אירן וואָס ווייזט אונז וואַסער, געוואוסט וואָס פאַר אַ „סעקיע", וואָס פאַר אַ טריקעניש ס'שטעלט זיך אונז פאַר.

אויף דער „פּ אַ מ פּ ע ר אָ", דער פּאַמפּאַ ווינט, דער עזות'ניק, האָט זיך פון זיין נעסט דאָרט הינטער די קאָרדיליערן אַפּירגערוקט, און אונז אַפּטע וויזיטן, גאָר נים קיין אָנשטענדיקע געמאַכט. מיאוסע קונצן האָט ער באַוויזן, טאַקע פּשוטע סקאַנדאַלן; דעכער פון שלאָפצימער אראָפּגעכאַפּט אין מיטן נאַכט, שווערע פּירדערדיקע וועגענער, בלע־כענע גאַלפּאָנעס (שפּייכלער) אין דער הויך אַוועקגעטראָגן, געדרייט זיי ווי אַ שפּענדל, האָט פון ערגעץ פון אַ פאַרלאָשענעם וואולקאַן אַ רויטלעכן אַש אָנגעטראָגן, גאַנצע דריי טעג מיט דעם אויף אונדזערע פעלדער גע־שנייט און נאַכדעם זיך אַזוי טייפליש הילכיק צעלאַכט, אַזוי שטאַרק זיך צעדונערט, אַז דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן. נאָר קיין רעגן איז אַלץ נים געקומען, די „סעקיע" האָט זיך צעשפּילט, און אָפּגעשרפ'עט, אָפּגע־קוילט דאָס פעלד. די נידעריקע לענדער זיינען די ערשטע אויף דער שרפה געפאַלן, קיין גרין גרעזל איז אַף זיי אפילו אַף קיין רפואה נים געבליבן.

אַלע לענדער אָרום בוענאָס איירעס זענען די ערשטע אָפּגעסמאַליעט

נעוואָרן ביזן יסוד. אַ שטיקל פּי איז דאָרט אומעטלעך געווען צו דערהאַלטן. אַלע „טאַמבעראַס“ וואָס פאַרזאָרגן די הויפּטשטאָט מיט מילך, האָבן געמוזט מיט זייערע טויזנטער מילך־קי קומען אין אונזער געגנט, אַף די לענדער וואָס זיינען פאַרזייט מיט אַלפאַלפא, וואָס קען מער אויסהאַלטן די טרוקעניש, און מ׳האָט אָנגעהויבן דינגען ביי אונדז די לוצערן פעלדער אַף פּאַשע. אומגעהויערע פּרייזן האָט מען געצאָלט, פון פערציק ביז פופציק פּעזעס אַ העקטאַר פער יאָר. אָט דערביי האָט זיך באַוויזן דער חורבן.

איינציקע קאָלאָניסטן, וואָס דער אומגעלומפּערטער יק״א־אויקאַז „קאָלאָניסטישע קינדער קאָלאָניזירט מען ניט מער“, האָט זיי אַממערסטן געקרענקט, האָבן געפונען דעם פּאַסנדיקן מאָמענט אַף זיך נוקם צו זיין אין דער ביוראָקראַטיע און טאַקע אין איין וועגס זיך אַליין מיט די איבעריקע קינדער כלומרשט פאַרזאָרגן. וואָס האָבן זיי געטון? זיי האָבן פאַרדונגען צו די גויים דאָס פעלד און אַליין זיך ארויסגעצויגן אין שטאָט.

איר וועט ניט פאַריבל האָבן אַף מיר, לאָמיך אייך פאַרשטעלן אַ פּאָר סצענעס, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען.

אַפ׳ן וועג פון אַלגאַראַבאַ ביז איך אין אַ כאור הבוקר געפאָרן. דער מאָרגן איז אַ ליכטיקער, אַ קלאָרער, די זון איז אַ גאָלדענע געקומען און געוואָרפן מיט זשמעניעס גאָלד ארום זיך. די ווייס־געקאַלכטע קאָלאָניסטן־הייזלעך, די וועלדלעך, סעדער, גערטנער באָדן זיך אַלע אין אַ ים פון גאָלד. דער שיינער טאָפּאָלן וואַלד פון חיים ליפּשיץ ארומגעוויקלט דעם שלאַנקן האַלדז מיט אַ גינגאָלדענעם שאַרף, שטייט זיך שטיל ווי אין אַ תפילה, און די טויזנטער קליינינקע זינגערלעך זיינע, וואָס פליען איבער זיין קאָפּ, צעטראָגן מיט זייערע זיסע מעלאָדיען די שטילע וואַלד תפילה און פילן אָן מיט שירה דאָס גאַנצע פעלד.

פּלוצלונג הער איך אַ כריקען פון חזירים און באַלד ווער איך ארומגערינגלט פון אַ טשאַטע רויטע און שוואַרצע שווינען מיט פּלאַטשיקע נעז און לאַנגע אויערן. מיין פערד „נעראָן“ דערשרעקט זיך, שטעלט זיך דיבאָם און האָט בדעה אריינצוּוואַרפן מיך צווישן דעם עקלדיקן געזינדל.

אַ ברייטער, שטאַרקער מענטש פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ קיילכיק פעט פנים מיט הייס שוואַרצע אויגן שפּרינגט צו, כאַפּט אָן מיין פערד ביים צוים:

— „נאָ ס'אַסוסטע, סעניאָר“! שרעק זיך ניט, חער — זאָגט ער מיר שמייכלענדיק — „קע בוען קאַוואַושאַ“, וואס פאר אַ גוטער פערד! — און ער הויבט אָן גלעטן און איינגעמען מיין איבערגעשראָקענעם „נעראָן“, און שטעלט זיך מיר פאר, ער הייסט „פראַנציסקאָ פילאָטאָ“, אַן איטאַליענער, האָט געדונגען אָט אַ די טשאַקרע מיט דעם וואַלד באַם סעניאָר ליפשיץ, און ער קלייבט זיך איצט אהין אריין.... ס'זענען טאַקע באַלד אָנגעקומען גרויסע וועגענער געשפּאַנט צו 14 פערד, און אַף זיי די משפחה פילאָטאָ, אויך פילע חפצים און מילך־קאַנען, שטיינן מיט קליינע קוויטשענדיקע דברים אחרים. פּעאָנעס האָבן געטריבן קי מיט קעלבער און זיינען גלייך געוואָרן בעלי בתים, פאַרנומען די קאַראַלן, געמאַכט „משיקעראַס“ (שטאַלן) פאר די „טמאים“, זיך צעליינט בהרחבה אַף דעם פּלאַץ, וואו ס'האָט געבלוטיקט, געהאָרעוועט און געהאָפּט אַף אַ לעבענסלענגלעכער היים אַ אידישע קאָלאָניסטישע פאַמיליע אַ משך פון צוואַנציק יאָר.

עס איז מיר אַ ביסל איבלדיק געוואָרן אַפּ'ן הארצן.

איך פאר צו צו דער שטוב.

— איר אויך, סעניאָר ליפשיץ? איר האָט אזוי פיל פאַרבויט, פאַר־פלאַנצט אייער סאָד, אייער וואַלד, אייער גאָרטן, אייער הויז. די שוויי־נען ועלן דאָך דאָס אַלעס צערויען און פאַרניכטן; וואס טוט איר?

— דער תכלית, ברודער פאַרערט אזוי, — ענטפערט ער מיר מיט צער — די קינדער...

— וואס פאר אַ תכלית, סעניאָר? אַ היבשן תכלית האָבן די שטאָט אידען פאר זיך?

— יאָ, מיין פריינט, — ענטפערט ער קורץ, — אז ניט קיין קאָלאָ־ניסט, זאָל ער כאָטש זיין אַ סוחר און אויך אַ איד. זאָל ער כאָטש ווייִ־ניקסטנס קענען קדיש זאָגען איבער הונדערט יאָר, ניט אזוי ווי דער מיטל־סטער מיינער, פון די יק“א שולן, אז ווען מען רופט אים אויף צו דער תורה, ווערט מיר דאָס פנים רויט.

— און אפשר וועט ער ניט דאַרפן זיין קיין „באַליטשעראָ“ (אַ שייִנ־קער), אזוי ווי אונדזער יאָסעל — רופט זיך אָן די פרוי זיינע, און ווישט שוין אוים אַ טרער.

דער פשוטער איד, דער צוואַנציק יעריקער פויער, זעט ווי זיין ווייב וויינט, ווערט ער גערירט, הויבט אָן שעלטן דער יק“א:

— איר מיינט, סעניאָר, — ווענדעט ער זיך צו מיר — אז ס'איז

מיר גוט? מיין יאַסעלע מיט זיין ווייב און צוויי קינדער ליגן ערגעץ אין אַ ווילדער סטאַנציע, שערט קעפּ, שאַרט דעם אומפּלייט פון די גאַאוטש־קודלעס און פאַרקויפט זיי בראַנפן... טאָקע כדאי געווען צו קומען קיין ארגענטינע!.. אַ קללה אויף די אדונים מיט זייער אוקאַז „קאָלאָניסטישע קינדער קאָלאָניזירט מען ניט".

אַ סעניאָריטע, אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, מישט זיך אַריין אין'ם שמועס:

— אוודאי לוינט עס פאַר די אַדמיניסטראַטאָרן בעסער צו קאָלאָניזירן דעם גרינעם ווי דעם קאָלאָניסטישן זון; לעבן ערשטן קען מען מאַכן אַ טאָלער און אויך מער אים טיראַניזירן...

— הערסט, פּאַפּאַ! — זאָגט זי צו איר פאַרטרויערטן פאָטער,—עס איז בעסער אַזוי; אוים קאָלאָניזאַציע. זאָל זיך איבערדרייסן די איגנאָראַנץ, וואָס די יק"א מיט אירע לערערס, מיט אירע שולעס, מיט אירע מאַראָקאַנער אינספּעקטאָרן, מיט זייערע פּראָגראַמען, האָבן אויף דער קאָלאָניסטישער יוגנט אַרויסגעלייגט... זייער שיין האָבן זיי אויסגעבילדעט די קינדער! איך — זאָגט זי — און ווערט רויט ווי אַ מאַנבלום — וואָלט ניט געוואָלט איינעם פון זיי פאַר אַ חתן, ווען ער זאָל אפילו צוויי טשאַקרעס פון דער יק"א פאַרמאָגן...

דער פאָטער לאָזט זינקען דעם קאָפּ, בייסט זיך די נעגל און דאָס מיידל רעט ווייטער:

— מיר מענן און מיר מוזן אַרויסציען זיך אין שטאָט; אַ שיינע הכנסה, אַ היבשע רענטע האָבן מיר, פּאַפּאַ! פּערציק פּעזאָס אַ העקטאַר... מיר'ן לעבן גוט אין שטאָט, און אַלעקסאַנדער'ן מיט פּעפּען ווער סטו אוועקגעבן לערנען. וואָס איז? רייצינען שטייט אָן צו האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר? ער איז דאָך דער אייגענער אימיגראַנט ווי דו!..

— אבער וואָס וועל איך טון אין שטאָט? וואָס טוט מען אַ גאַנצן טאָג? — פרעגט דער פאָטער — און דו, טאָכטער מיינע, וועסט איבערלאָזן דיין בלומען גאָרטן? און די מאַמע אירע עופות? און דער וואַלד, דער סאָד, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל געבלוטיקט אויף אים... אוי, שווער טאָכטער, דער סעניאָר האָט רעכט, — ווייזט ער אָן אויף מיר, אָבער...

אַזעלכע בילדער האָבן מיר אָפט געזעען און אַזעלכע שמערצלעכע שמועסן האָבן מיר אַ סך געהערט צווישן מערערע פאַמיליעס, און דאָס פלעגט פאָרקומען אין אַ סך הייזער אַ לאַנגע צייט, ביז דער בעס אויף דער

אדמיניסטראציע האָט גובר געווען די איינגעווייטע ליבע צום קאָמפּ און, מ'האָט זיך ארויסגעקליבן אין שטאָט.

אז אידן זיינען געגליכן צו שאָף איז דאָך שוין פון לאַנג אָן באַוואוסט. אין שאָף שפּרינגט אין גרוב און די איבעריקע פאָלגען איר נאָך...

מ'ען האָט אָנגעהויבן פארדינגען קאמפּ: די וואס האָבן נאָך ניט געהאט זייערע פעלדער אין גאנצן מיט אלפאלפא פארזייט, האָבן שפּעטער נאָך דער „סעקיע" זיך פארמשכונ'ט, זיך אויסגעבראכט, געצאָלט הונדערט פופציק פּעזאָס דעם צענטנער זריעה פון אלפאלפא און פארזייט, אבי צו האָבן וואס צו פארדינגען און קענען וואוינען אין שטאָט.

פון די סאַנטאַ טאָמאַסער יונגע לייט מיט די גרייטע לוצערן פעלדער, וואס זיי האָבן באַקומען אלס נחלה, זענען, קוקנדיק אף די אַנדערע, כמעט 70 פראָצענט גלייך ארויס אין שטאָט.

ס'איז געוואָרן מייער דירות אין קאסארעס. די אייגנטימער אין שטאָט האָבן די אויגן געעפנט, מ'האָט אָנגעהויבן חנפה'נען די רייכע מוזשיקעס: — געגוג געלעגן אויפן קאמפּ, רבי נחמן, איר זענט ברוך השם רייך, אזא רענטע, פינף טויזנט טאָלער א יאר, איר מעגט שוין לעבן אין שטאָט צווישן מענטשן, ניט צווישן די פערד און די אָקסן...

ס'זיינען דאן געשאַפן געוואָרן צוויי שולן אין קאסארעס. ס'האָט פשוט אויסגעפעלט מזרח וואנט.... דעם אלטן חיים פונס אינזל קומט דאָך מזרח! א איד פון א פּאָר הונדערט העקטאר! זיידע פעלמאַן — שישי, דעם שלישי, חזק... זעט איר א מפטיר איז דווקא ביליק געווען. א נישטיקע עליה... אויך מיר א טעם!.. ס'איז נאָך היינט אויך א מאכל נאָר פאר די לערערס אָדער שוחטים....

אויך „קאָנפיטעריעס" (קאפע הייזער, קאָנדיטערייען) האָבען זיך געעפנט נאָר גרויסאַרטיקע און א קלוב צו שפּילן ביליארד און זיך באַקענען מיט די „צוויי און פופציק גוטע ברידער" באַם גרינעם טיש.

ס'איז געוואָרן לעבעדיק אין קאסאַרעס. פון פרימאָרגן אָן האָט איר שוין געקענט זען א פופציק פארגעלטע שטיוול מיט זילבערנע פּראָזשקעס שפּאַרן אונטער די וואנט פון ראָזענצווייגס „קאָנפיטעריע", איילן אונטער דעם קעלנער, און דער פארשלאָפענער קעלנער, מיט זיך וואס גיכער אויסצוקערן דאָס באַנאַכטיקע מיסט אף ארייגצולאָזן די „קינדער" ענדיקן די נעכטיקע ניט געשלאָסענע פּארטיעס...

„טרוקא“, „ענווידא“, „קיערא“, „סי“, „גא“, (אויסרופן בא די קארטן) האט דעם פריערדיקן „וואמאס קאשטאניע“, „וואמאס נעגרא“ (אויסרופן צו די פערד) פארביטן.

אונזערע זין האבן זיך געשמאק א נעם געטון אף דעם גליטשיקן וועג און די ווייבלעך, די קאלאניסטישע קינדער, וואס האבן זיך דערצויגן און אויסגעוואקסן מיט די טעלעצעס אין פעלד, וואס האבן געוואוסט פון מעלקן קי, האדעווען עופות און יעטן דעם גארטן, — זיינען געווארן שטאטישע דאמען, האבן באקומען ווייסע פנים'ער און צארטע הענט, געקוקט אין שפיגל און הנאה געהאט פון דער שטאט...

זיי, די ווייבלעך, האבן אבער באלד זיך ארומגעקוקט און האבן אנגעהויבן גוט אונטערצוקריינקען אף דער שטאט.... ווייל זייערע ליבע מאנען, די יונגע פויערים, פלעגן זיך פארזיצן ביז צוויי דריי אזייגער באנאכט אין קאניפיטעריע און אין אריסטאקראטישן קלוב און אפט מאל אויך באטאג האבן די תכשיטים זיך ניט געקענט אפרייסן פון גרינעם טיש אף מיטאק אהיימצוגיין. דאס ווייבל פלעגט א פאר מאל שיקן די עלטערע קינדער דעם פאפא אהיימרופן און נאכדעם זיך אליין מטריח זיין אין דער קאנפיטעריע, און מיט אן עפנטלעכן סקאנדאל איר מאן אהיימנעמען.

קורץ, קאסארעס האט געוואקסן אין דער הויך און די קאלאניע האט געזונקען אין דער נידער. וואס א טאג, וואס א וואך מער, האבן אלץ מער קאלאניסטן ארויסגעצויגן זיך אין שטאט אריין.

אלע אונדזערע פאריינען האבן אויפגעהערט פונקציאנירן, די מזומענע געלטער זיינען צערונען געווארן און די ביכער מיט די וועקסלען זיינען ביי די קאסירערס ליגן געבליבן.

און די אדמיניסטראציע? וואס האט זי צו דער בהלה געזאגט?

— גיוט, פארט, ציט אין שטאט, אפילו הינטער די הרי חושך, אבי צאלט אונדזער אנואלידאד, אונדזער יערלעכע ראטע!"..

דער אדמיניסטראטאר ב. האט אליין געשריבן די קאנטראקטן פאר די וואס האבן זייערע פעלדער צו די גוים פארדונגען און גענומען באם גוי דאס האנדגעלט.

אזוי האט ער אויסגעשטעלט א קאנטראקט פאר דעם אנאלפאבעטישן קאלאניסט בנימן סאקאלער מיט דעם קריסט סעציליא סאיאנץ אף זעקס יאר און אים אזוי אומפראקטיש געמאכט, אז דער באדן איז שוין טאקע ניט ארויס פון יענע גוישע הענט.

די אידעאַליסטישע קאָלאָניסטן האָט ווי געטון צוצופּוצן דעם וועג צום אָפּגרונט, אַף וועלכן די קאָלאָניע פאַרנעמט זיך, אָבער, וואָס האָט מען געקענט טון?..

ווען אונדזערע צוואַנציק יעריקע פויערים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מיט זייערע שיפּס־ברידער, די עקס קאָלאָניסטן, די סוחרים, וואָס פון זיי איז געבויט געוואָרן קאַסאָרעס, האָבן די קליינע בלוט־קייקעלעך, וואָס רינען אין אונדזערע אָדערן אַלס ירושה פון די אַלטע פעניציער, פון צור וכנען, זיך אין אונדז דערוועקט; דאָס האַנדלס בלוט האָט אָנגעהויבן אין אונדז צו צירקולירן, צוגעקומען צום הארץ און נאָכדעם צום מח און האָט אונדזער גאַנץ וועזן צוגעוועגדט צו דער קאָמערץ. פאַרגעסן האָבן די קאָ־לאָניסטן זייער הויכן אידעאַל, זייער הייליקע מיסיע צו שטעלן העכער די אַגריקולטור ווי דעם האַנדל; פאַרגעסן האָבן זיי זייער אויפגאַבע צו ווייזן אונדזערע שונאים אַז מיר זיינען נוטע, ערלעכע פויערים און נים בלויז שאַכער־מאַכער'ניקעס; פאַרגעסן האָבן אונדזערע ברידער זייער צוואַנציק יעריקע פּראַצע, פאַרגעסן האָבן זיי אין דער ערדלער נשמה משה פאַן הירש, און האָבן זיך אַ נעם געטון צום מסחר. דער לאַנגער צוויי טויזנט יעריקער גלות האָט זיינס געטון און זיינע קינדער האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם גרויסן קאָמערץ־וויכער, וואָס האָט רעמאַלט, אין די יאָרן 1910—1912, זיך שטאַרק געדרייט און בלומרשט אַלעם מיט גוואַלד באַשאַטן.

די שיפּס ברידער אין שטאָט האָבן שוין געוואוסט ווי אַזוי דעם נאָ־איוון 20 יעריקן פויער אויסצונוצן און אים באַלייכטן דעם וועג צום גליק, צום שנעלן רייך ווערן.... — זיי האָבן אים אויך געוויזן דעם וועג צו ביל־דונג, אים אָנגעצייגט צו מאַכן פון די קינדער דאָקטוירים, יוריסטן, אינ־זשענירן... און דער קאָלאָניסט האָט זיך געלאָזט בלענדן. די בלוט ירושה פון די כנענים האָט נאָך צוגעהאָלפן און מ'האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ...

II.

בילדונג

בילדונג אלס צעשטערונגס עלעמענט פאר דער ארבעט. — די דערציונג אין די יק״א שולן. — ראבינער און דאקטאר שמואל הלפן. — די בילדונגס עפידעמיע. —

געשעפט און בילדונג, אָט די צוויי שטאַרקע קעגנער פון ערד ארבעט, האָבן זיך מיט איר צוזאַמענגעשטויסן. די עקסטרעמען זיינען אין באַרירונג געקומען, און דאָס לעצטע האָט גובר געווען און פאַראורזאַכט יענע טרויעריקע פאָלגן, וואָס אונדזער מאַאוריציאַ ליידט פון זיי, און ווער ווייסט צי זי וועט דאָס גאָר קענען איבערטראָגן, און צי וועלן זיי איר נים צעשמעטערן און צעמאָלן אַף שטויב. בילדונג און ערד ארבעט, דער בוך מיטן אַקעראייזן, קענען זיי דען שטימען? חורש בבקר איך יחקור — האָט נאָך צוריק מיט צוויי טויזנט יאר בן סירא געזאָגט. — די ערד ארבעט האָט פיינט בילדונג, לעבדה ולשמרה — דאָס האָט זי ליב. אונדזערע אידישע ערד ארבעטער אינם גליל, דאָרט אין אונדזער אמאָליקן היים, זיינען נאָר פשוטע פויערים געווען. דער כהן האָט געלערנט און בילדונג באַזעסן, אָבער נים זיי.

בילדונג און קאָמערץ, צעשטערער פון דער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט איר פון אונדז געוואָלט?

איך ווייס, אז א סך פון די לעזער, ווען זיי וועלן צוקומען צו די שורות, אויב זיי וועלן זיך נים צולאַכן אויפן קול, וועט א שמייכל דאָך זייערע ליפּן באַקרייזלען: וואָס א מוזשיק קען! בילדונג רעכנט ער גאָר פאַר א חסרון! דאָס איז דאָך גאָר אונדזער שטאָלץ! אונדזער משה האָט דאָך אונדז מיט דעם געלויבט, „עם חכם ונבון“, האָט ער אונדז אָנגערופן, מחמת האָט אונדז מיטן נאָמען „עם הספר“ באַטיטלט... און דאָך שעם איך זיך נים צו זאָגן אז דאָס גרעסטע אומגליק פון אונדזער פאָלק ליגט בלויז דארין: אין זיין פייערדיקער ליבע צום בוך; לערנען, קלערן, פילאָזאָפירן, דרייען, פליען אין דער הויך, דאָס האָבן מיר ליב, און צום באָדן,

צו קולטיווירן די ערד, האָבן מיר גאָר אַ קליינעם און ניט קיין נעהעריקן עלעמענט.

אמערסטן בולט זעט זיך ארויס די צרה בא אונדז דאָ, בא דער קאָלאָניזאַציע. צו אונדז, וואס מיר האָבן בכח געהאט אוועקשטעלן זיך פעסט און זיכער אף דעם פרייען באָדן פון דער ארגענטינער רעפובליק, זיך דערנערן בכבוד פון דער ערלעכער עבודת האדמה, צו אונדז איז אויך געקומען דער בוך און קלאַפּט ארויס דעם אקער־אייזן פון האנט, צו אונדז איז אויך געקומען דער ירושה׳דיקער האנדלס אינסטינקט, און האט פארמשכונ׳ט דאס פעלד.

אלס היימלאָזע, אלס מענטשן וואס הענגען אין אויר, אונטערגעווארפן צו אלע קאפריזן פונם שרעקלעכן נאָט מאמאָן, אלס אזעלכע זע איך שוין אַ גרויסע טייל פון מיינע קאָלעגן, די ערשטע פּיאָנערן פון מאַאוריציאָ און אפשר אויך פון דער גאַנצער קאָלאָניזאציע. און די צוקונפט איז אזוי שווארץ, אז עס פארקלעמט אזש באם הארצן און עס גלוסט זיך אויסשרייען:

— לוקסוס! בילדונג! פארדאמט זאָלסטו ווערן און פארשאָלטן זאָל זיין דער טאָג, אין וועלכן די א ד ו נ י ם האָבן פארפאסט דעם נארישן אוקאַז „קאָלאָניסטישע קינדער קאָלאָניזירט מער ניט די יק״א״! פארשאָלטן זאָל עס זיין אלס די ע ר ש ט ע אורזאכע וואס האָט אונדז צום אַלטן גלות וועג צוריק געשטופּט, און פארדאמט און הונדערט מאָל פארפלוכט זאָל ווערן דער נארישער און שלעכטער מעטאָד פון זייערע דערציונגס אנשטאַלטן און פון זייערע ל ע ר ע ר, וואס דאָס אַלעס צוזאמען האָט געמוזט ברעכן דעם קאָלאָניסטישן אידעאַל!

כדי בעסער צו באלייכטן דעם וועג, וואס האט געבראכט די קאָלאָניסטן צו לערנען זייערע קינדער פאר יוריסטן אָדער דאָקטוירים, מוז איך פאָרשטעלן אין קורצן דעם אופן פון דער קינדער דערציונג, וואס די יק״א האָט אָנגעפירט אין די קאָלאָניעס.

אזוי ווי די נאטור ציט דאָך צום אַלעם ערשטן צו זעלבסט פארזאָרגונג, צו שיצן דעם חומר, דאָס עסן, אזוי איז געוויינלעך מיט אונדז געווען; אין די ערשטע יארן זיינען אַלע אונדזערע חושים פארנומען געווען מיט דאָס נויטיקסטע. ווער האט זיך צום קינדער דערציען אומגעקוקט? די יק״א שולן לערנען, איז געגנוג... די קינדער אין עלטער פון 8 ביז 12

יאר, וואס מיר האבן פון דער חיים געבראכט, זייען געווען די ערשטע קרבנות פון די יס"א שולן. מען האט זיי געלערנט שפאניש און פון איד־דיש — „המוציא לחם מן הארץ" אדער א ברכה אף א דונער און באסטא!

מילא א י י ן דור נע'פטר'ט.

דער דירעקטאר הירש, וואס איז אליין 14 יאר געווען א לערער אין מסוה ישראל, האט געזאגט: „דער באראן האט געוואונשן פון אייך פרי־ערים צו מאכן און נים קיין פראפעסארן". און אונדזערע שול קינדער האבן אפנים אינסטינקטיוו געוואוסט וואס דער באראן האט געמיינט און וואס הירש זוכט צו פארווירקלעכן. באם עקזאמען וואס דער דירעקטאר פלעגט אמאל אין די שולן מאכן, פלעגן זיי פאר אים זייערע ריים־פערד־לעך אין געשווינדסטן קאריער לאזן, שטעלן זיך אין מיטן רייטן, מיט'ן קאפ אפ'ן פערד און די פיס אין דער הויך. ווייזן קונצן מיט דער לאסא און באלעאדארעס און דערמיט געווינען בא הירשן די פרעמיע.

איך וועל דא פארצייכענען א קליינעם עקזאמען עפיזאד. שימעלע ראזענצווייג, א בחור'ל פון צוועלף יאר מיט א אפגעשיילטן פנים, בא־שאטן מיט זומער שפרענקלעך, וואס האט זייער נים ליב געהאט די שולע און פלעגט זעען אויסמיידן זי מיט אלערליי תירוצים, האט זיך איינמאל דערוואוסט אז דער דירעקטאר הירש קומט אף עקזאמען. ער האט אפ־געוואשן די צורה, פארקעמט דאס פלאקסענע קעפל האר, ארויפגעכאפט זיך אויפן פערדל, איז אויסגעוואקסן אין שולע און פארנומען א פלאץ אף דער ערשטער באנק. ווען פון די קינדער הירש האט עפעס געפרעגט, האט דאס דאזיקע בחור'ל געהויבן זיין פינגער אין דער הויך, ד. . ער וועט ענטפערן. דער לערער פון שולע, רויזענפעלד דער פחדן, איז געשטאנען אין אנגסטן, מורא האבנדיק אז דאס אינגעלע זאל דעם גאנצן עקזאמען פאר־שעמען. וויסנדיק אז דאס אינגעלע ווייסט לחלוטין גאר נישט, האט ער אים געוואונקען מיט די אויגן ער זאל אפזיצן. דאס בחור'ל האט געזשמור־רעט ממזר'יש מיט די קליינע אויגלאך און אף צו להכעים דעם רבי'ן זיך געוואָרפן דעם דירעקטאר אין די אויגן. דער עקזאמינירער הירש האט עס באמערקט און באטראכטנדיק א ווײַלע דעם קליינעם שיבעניק, פרעגט ער אים אין שפאניש:

— סע סאבע אוסטעד? (וואס ווייסט איר?).

דער בחור'ל גיט זיך א צי אין דער הויך און ענטפערט מיט שטאלץ:

— ושא? סע ארא, סע באזשעריאר, סע ארדעניאר לאס וואקאס

קאָלאָניסטן פון מאוריציע.

דר. שמואל חלפן צווישן די פ

'איך? סען שפערן, סען פאשען די בחמות, סען מעלקן די קי) און ווען איך האָב צייט קום איך אין שולע אריין און איך לערן די ברכות און אויך פּרקאָרען (חתמ'ענען) אין שפּאַניש און אין רוסא (אידיש) — פארענ־דיק ער אין אידיש און קוקט מיט נצחון צום איבערגעשראָקענעם רבי'ן. דאָס פּנים בא הירשן האָט אויסגעשטראַלט פון פרייד: — מוי ביען, היר־באַ מיאָ! מוי ביען! אסי מע גוסטא! (זייער גוט, זון מיינער, זייער גוט, אזוי האָב איך ליב) — גלעט ער אים איבערן ווייסן קעפּל.

אדי האָט זיך דער חנוך געפירט, און מיר האָבן זיך ניט אומגעקוקט, דער חומר איז בילכער געווען. שפּעטער ווען די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך געבעסערט, האָבן מיר דערזעען וואוהין דער יק"א חנוך האָט אונדז פאַרפירט. מיר האָבן דערזעען, אז ניט קיין אידישע פויערים וואַקסן בא אונדז אויס, נאָר פּשוטע מוזשיקעס און זייער פאַרגרעבטע דערצו. האָבן מיר זיך דאַן געווענדט מיט א פּאָר הייסע ביטעס צו דער אַליאַנץ (חברת כל ישראל חברים) קיין פאַריז. זיי האָבן אָפּגים איינגעזען אונ־זער צער און האָבן דאַן אַראָפּגעשיקט קיין ארגענטינע א ראַבינער.

דער ראַבינער, א יונגערמאַן פון א יאר 30, א אומפאַרהייראַטער, איז אַראָפּגעקומען אין קאָלאָניע, זיך פאַרנעשטעלט אונטערן טיטול ראַ־בינער און דאָקטאָר חלפן, געענדיקטער סעמינאַריסט פון פאַריז, און דער ראַבינער האָט אונדז מבשר געווען אז די גאַנצע „ענסעניאַנסאַ העבראַ־איקאַ", דער אידישער למוד, הייסט עס, אין אַלע קאָלאָניעס, גייט אי־בער אונטער זיין השגחה, און די פּראָבלעם פון די שולן איז שוין אזוי ווי פאַרענטפערט.

דער שיינער, סימפּאַטישער ראַבינער, מיט אײדעלע געזיכט שטריכן און מיט זייער דערצויגענע מאַנירן, מיט א שווארצע ליינגלעכע באָרד און קאַרע אויגן, וואס רעט פּראסט אידיש, ווייל ער איז אליין א רוסישער איד און האָט ליב דעם רוסישן אידן, און מיט א ערלעכער נשמה, האָט אָפּגענומען אין אַדמיניסטראַציע א צימער פאַר זיך אַליין, אַוועקגעלעגט א פּאָר תפילין און א מזוזה בא זיך אפ'ן שרייב טיש און געמאָלדן דורך דער אַדמיניסטראַציע, אז די קאָלאָניסטן זאָלן קומען מיט אים שפּרעכן.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן אָפּריכטען באַם ראַבינער.

מיט יעדן קאָלאָניסט האָט ער זייער פריינטליך גערעדט און באַם ריידן אַלע ווײלע די האַנט זיינע ארויפגעלעגט אף די תפילין אין דער רעכ־טער, זייט אָדער אף דער מזוזה אין דער לינקער זייט.

אייניקע קאַלאַניסטן האָבן אין זיך געלאַכט אַף דער נאַאיוויטעט פון דער פראַנצויזישער אַליאַנץ, מיט אירע סעמינאַריסטן אָדער ראַבינערס וואָס זי גיט ארוים צו פאַרזאָרגן מיט אידעשקייט די וועלט.

א געוויסער זבולן גאַלאַנטערניק, א מילנער פון דער היים, פרעגט זיך בתמימות: דענקען די פראַנצויזישע אידן אז מיר זיינען גויים, וואס זיי האָבן אונדז געשיקט א „פּאָפּ", וואס ער טאָפּט דעם גאָלדענעם „שתי וערב" ווען ער רעט מיטן מוזשיק? וואס טאָפּט ער דאָרט, באַ די תפילין אויפן טיש?..

דער ראַבינער האָט מיך און נאָך א פּאָר קאָלאָניסטן איינגעלאַדן בייצווויין דעם ערשטן עקזאמען זיינעם אין אונדזערע קינדער שולן. מיט דער כאַראַקטעריסטישער שוויינזאַמקייט פון אַן אַליאַנץ מענטשן, איז ער קאַלט און שטום פאַרבייגעגאַנגען אַלע קלאַסן, אויסגעהערט די אַלע ענטפערס פון די שילער, ווי: לוט איז שרה׳ס א זון געווען און חם איז דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט...

ווען מיר האָבן אים אַנגעוויזן אַף דעם טרויעריקן מצב פון די שולן, האָט ער מיט די אַקסלען אויפגעצויגן און קאַלטבלוטיק זיך אָפּגעענט־פערט:

— ס׳איז טאַקע ניט פריילעך, אָבער ניט געפערלעך. קאָלאָניסטעשע קינדער, וואס ווילט איר?

כמעט דער זעלבער ענטפער וואס הירש האָט געגעבן.

איך האָב זיך דאַמאָלסט טיפער אין דער זאַך איינגעטראַכט און איך בין זיך מודה ומתודה אָהן שום בושה, אז איך האָב דעם ראַבינער דאַן געפונען גערעכט. קאָלאָניסטעשע קינדער, וואס פאַר א בילדונג דאַרפן די צוקונפטיקע פּויערים האָבן? א ביסל תנ״ך, אידישע היסטאָריע, פינף זעקס גראַדן אין דער לאַנדשפּראַך און ס׳איז די והותר. אַט ווען עס ווייזט זיך ארוים אַמאָל צווישן די פּויערים־קינדער איינער א זשעני, א גאון, וואס ס׳איז א שאָד די וועלט זאָל זיין כאַלאַנט פאַרלירן, דאַרויף וואָלט באַדאַרפט זיין א העכערע שול, א בילדונג אינסטיטוט איבער אַלע קאָלאָניעס, וואס זאָל דינען צו דעם צוועק...

דעם פּלאַן האָב איך טאַקע באַלד פאַרן ראַבינער פאַרגעלייגט און ס׳האָט זיך גלייך ארויסגעוויזן אז די אידייע וועט פאַרווירקלעכט ווערן; די ביוראָ האָט דעמאָלסט צוויי קאָלאָניסטעשע קינדער, מאַרקוס רויזענ־פעלד און איסאַק ניסענזאָהן, זייער גראָטענע,ביידן אין נאָרמאַל שולע

קיין בוענאָס אײַרעס אַוועקגעשיקט, זײ זאָלן אויסשטודירן אױף לערער, כּדי מיר זאָלן האָבן אייגענע לערער אין די שולן.

דער פּלאַן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. ביידע קינדער האָבן די נאָרמאַל שולע געענדיקט, זײ האָבן אָבער די יק״א קאָפּריזן ניט געקענט פאַרטראָגן. דער ערשטער איז היינט דירעקטאָר אין אַ רעגירונגס שולע און דער אַנדערער איז עם דער אַדוואָקאַט ניסענזאָן, וואָס האָט דער יק״א דער ערשטער אַ פּראָצעס פאַרפירט פאַר אונדזערע קויפשיינגען.

מיר וועלן שפּעטער צוקומען דערצו. מילא, פון טאַלאַנטן רעדט מען ניט, אָבער די פּשוטע קינדער — האָב איך און אויך מײַנע געציילטע חברים גערעכנט — אַז די קאָלאָניע שולן אונטער דער אויפזיכט פון אַ גוטן אינספּעקטאָר ווי ד״ר חלפן, וועט פאַר אונדז איבערגענוג זײַן. — זאָלן זיך בילדן די קינדער פון שטאָט, די וועמענס עקזיסטענץ עס הענגט אין דער לופט. אַנשטאָט זיך לערנען אומצוגיין מיטן האַמער, מיט דער זעג, צי מיט שער און נאָדעל, לערנט ער זיך מיטן בירורגישן לאַנצעט, צו ווערן דעם מלאך המות׳ס אַ שותף און טראָגן אַ דאָקטאָר קרוין; אָבער פאַר אונדזערע קאָלאָניסטעשע קינדער — שמייכלט ניט, איך בעט אײַך — איז דען די קרוין פון אַן אַגריקולטאָר, פון אַ ברויט פּראָדוצירער ניט גענוג שוין? וואָס דאַרפן אונדזערע קינדער די שטאָטישע בילדונגען?..

מיט דעם געדאַנק זײַנען מיר געגאַנגען און דעם ראַבינער זייער געאַכטעט און געהאָפט אַז די דאָרפס שולן וועלן אַוועקגיין פאַרטרעפלעך.

ס׳איז אָבער צו אונדזער אומגליק ניט אַזוי געשען. דער ראַבינער איז דאָך אויך ניט מער ווי אַ יק״א דינער געווען; אַ פּאַרטיקע פּראָגראַם, מיט אַ פראַנצויזישער מעטאָדע איז אים איבערגעגעבן געוואָרן.

די מאַראָקאַנער אַליאַנץ תּלמידים, די שפּאַנישע לערער, האָבן דאָן געהאַט מער דעה אין די שולן — און היינט אויך — פונם ראַבינער מיט אַלע אידישע לערער צוזאַמען; און די קינדער זײַנען נאָך מער פאַרגרעבט געוואָרן.

מיר האָבן עס געזען און געדולדעט, ביז עס האָט אויסגעבראָכן דער „לאַ עספּעראַנסאַ“ קאָנפליקט, ביז דער דומער — פון אַלע דומהייטן דער דומסטער — אוקאַז פון דער יק״א איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין פענסטער, אַז:

„קאָלאָניסטעשע קינדער קאָלאָניזירט מען מער ניט“, —

נו, אַז ניט קיין קאָלאָניסט, מוז ער דאָך שוין זײַן אַ לופט מענש,

און אז לופט און האנדל, דאן זאל ער שוין כאטש זיין געבילדעט, און אפשר טאקע גאר א דאקטאר צי א אינזשעניער....

עס האט זיך אנגעהויבן א עפידעמיע פון בילדונג. קאלאניסטן פשוטע, וואס אף צו דערקענען זייער אונטערשריפט און אין וואס פאר א שפראך זיי זיינען, טערקיש, כינעזיש, אדער גאר אפשר אותיות פונם מארס פלאנעט, האט מען באדארפט האבן דריי עקספערטן, אזעלכע פויערים האבן אלע מעגליכקייטן — און אויך אומעגליכקייטן — אנגעווענדעט, אבי דער רויטער אינגעל זייערער זאל אויך זיין א סטודענט. און מ'קען נים לייקענען, געלערנט האבן די קאלאניסטעשע קינדער בעסער פון די שטאטישע און אויך בעסער פון אלע אנדערע נים אידישע קינדער פונם לאנד.

לייבל, דער אינגל פון משה דוד גרונמאן, האט צו צוויי קלאסן אף א מאל דורכגעמאכט און צו איינאונצוואנציק יאר, איז ער שוין דאקטער מעדיצין, מיט א גאלדענעם מעדאל. א ברודער זיינער איז א פראוויזאר אדער אפטייקער און כעמיקער, פון רייצינס צוויי זין, איז איינער א דאקטאר און דער צווייטער א אינזשעניער, ווייסמאן, קווייטעל, רוויזענוואסער, לעמבערסקי, ראבינאוויטש, אלץ דאקטוירים, אינזשעניערן, טעכניקער און נאך און נאך.

די קנאה האט זיך צושפילט, די קאלאניסטקעס האבן זייערע מאנען אנגערעט ארויסצוציען אין שטאט און. לערנען די קינדער. הלמאי יענער?..

איך געדענק ווי איין מאל אין חודש מארץ, ווען די שולן עפנען זיך, בין איך אין קאסארעס בא דער באן געשטאנען און מיט שברון לב צוגעקוקט, ווי אכצן קאלאניסטעשע קינדער פארן אפ אין דער הויפט שטאט אריין צו גיין דארט אין גימנאזיע. אייניקע, וואס ס'איז נאר א רחמנות געווען זיי צו פארשפארן אין די דלת אמות של הלכה, געזונטע און קרעפטיקע יונגען וואס זיינען געבוירן געווארן צו דער פעלד ארבעט, בחורים וואס ווילן און קענען בעסער רייטן אפ'ן ווילדסטן אגער און קולטיווירן די ערד, נאר זיי מוזן צוליבטון די עלטערן זייערע און פארן זיך פארשפארן אין די ענגע קאזעמאטן צווישן די וואנצן און דארטן ווערן קראנק, דארט באקומען א טיטול אדער די ווייסע פעסט...

צוויי פון די קינדער זיינען טאקע פונ'ם זינען געווירט געווארן. איינער איז געשטארבן, דער צווייטער איז א קראנקער אויפ'ן מוח פארבלי-

נן, א פאר נעבאך אויף די לונגען קראנק. קורץ, מ'האט נעלערנט. געצוויי־נע אין שטאט אריין און נעלערנט. פון אלע קאלאניסטישע גרופעס, דוכט זיך, איז ניט פארבליבן איינע קיין גאנצע. אומעטום האט נעפעלט, אז ניט איין משפחה איז צוויי אדער גאנצע דריי. ס'איז שיטער געווארן אין דער קלאָניע.

III.

די יק"א מאנט און די קאלאניסטן צאלן

די יק"א „קאברירט". — די קוואלן פון וואנען די קאלאניסטן נעמען צו צאלן. — א רעוויזאר איז געקומען. — אדמיניסטראטארישע געשעפטן. —

און די אדמיניסטראציע? וואס האט זי געטאן? אנגענומען א פול מויל מיט וואסער און געשוויגן. האט איינגעקאסירט איר „אנואלידאד" (יערליכע ראטע) און זיך געמאכט בלינד.

בלינד? זי האט אפילו ניט געוואלט זען פון וואנען עס קומט דאס געלט וואס זי קאסירט איין.

די פעלדער זיינען איינציקווייז איבערגעגאנגען אין גויאישע הענט אין ארענדע. א סך קאלאניסטן האבן זיך אין די שטעט באזעצט און זי האט זיך געמאכט כלא ידעה. זי האט געוואוסט אז דאס איז א פארברעכן, אבער זי האט אים, ווייזט אויס, בכיון פארשוויגן.

באריכטן זיינען קיין פאריז געגאנגען, אז מאאוריציא איז שטארק רייך געווארן, מען מוז אף די מאנאטן מערץ און אפריל צוויי קאסירערם האלטן. פאר איינעם איז די איינקאסירונג צו שווער צום פארזארגן. — בארימען האבן זיי זיך געקאנט אז זיי זיינען טיכטיגע קאלאניזאטארן — יא פיינע קאלאניזאטארן! דער שפעטערער היסטאריקער וועט זיי שוין נאך די יארן אויסגעפינען. די יארן 1909, 10 און 11, זיינען די פארשאלטנסטע פון זייער הנהגה געווען, אין יענע דריי יאר האבן די באאמטע פון דער יק"א דעם טויט אורטייל פון מאאוריציא אונטערגעשריבן.

און אייך, לייענער פון די שורות, אייך וויל איך בעטן, איר זאלט ניט שעלטן אונדזערע קאלאניסטן, ווען איר וועט זען דעם גרויסן אומפארמיידלעכן חורבן וואס וועט קומען אויף אונזער קאלאניע, ווען איר וועט הערן ווי די קאלאניסטישע פעלדער ווערן אין די יארן 1921 און ווייטער — ווען עס ענדיגט זיך דער יק"א קאנטראקט — אין עפענטליכער „רעמאטע" (אוקציאן) פארקויפט; ווען איר וועט דערפארן אז פון

אלע קאָלאָניסטן איז אפשר א פערט חלק געבליבן; ווען איר וועט וויסן אז איטאַליענער און פראנצויזן וואוינען אפ׳ן פלאץ פון די חלוצים הראר־שונים; ווען איר וועט שפּעטער מיט יארן געוואר ווערן, — הלואי זאל איך ליגן זאָגן — אז גויים, די אייננטימער פון אונזערע פעלדער, וואר־פן פון דער ערד ארוים די ביינער פון די אומגליקלעכע גרינדער פון מאָ־אוריציאָ; ווען איר וועט דאָס אלעס צוזעען זאלט איר ניט שעלטן, נאָר א טרער א הייסע, א גרויסע טרער זאלט איר לאָזן פאלן אויף אונזער גורל, אויף אונזער פינסטער מזל, אויף דער קללה, אונטער וועלכער מיר זיינען שטענדיק אונטערוואָרפן, אָט די פאלשע מנהיגים, מיט וועלכע אונזער פאלק איז שטענדיק געשטראָפט. פאר א קריגס געריכט זאלט איר שטעלן אט א די פאלשע פירער די פאררעטערישע פאסטוכער, די אדמיניסטראטארן און דירעקטאָרן! חשבון, דין און חשבון זאלן זיי אָפּ־געבן פארן דעת הקהל!... די ביכער און די קאָפּיעס, וואו ס׳איז פאר־שריבן די פארברעכערישע „קאבראנסא״ פון יענע יארן וועלן זייער שולד באווייזן און ווען אונזערע קאָלאָניסטן האבן אויך א חלק אין דעם פאר־ברעכן, פאלט דאך די גרעסטע טייל שולד אויף זייערע קעפּ. — נאָר דאָס איז אייער זאך, א שפּעטערע ארבעט... איך וועל אייך נאר דער־ציילן פון וואָס פאר א קוואל די „קאבראנסא״ איז דאן געקומען. און ווי ארום זי האָט דעם חורבן מאאוריציא פאראורזאכט.

פון זייער א טריבער קוועלע זיינען די געלטער וואָס די יק״א האָט אין יענער צייט איינגעקאסירט געקומען, ניט פון די פּרוכט וואָס די קאָ־לאָניסטן האבן פון זייערע פעלדער אראָפּגענומען זיינען זיי געווען, אזוי ווי די באריכטן האבן קיין פאריז מיט בארימערײ זיך געטראָגן, ניין, נאָר פון דעם שווינדל פּראָדוקט וואָס די ארומיקע קאָמערציאנטן האָבן עקספּלואטירט.

עס איז געווען אין יענער צייט פון „באדן פיבער״ ווען יעדער וואָס האָט נאָר חשק געהאט שנעל רייך צו ווערן, האָט געהאנדלט מיט חלקים ערד, ווי איר וועט עס אין די וויטערדיקע קאפּיטלען לייענען. שניידער, שוסטער, אלערליי בעלי מלאכות און קליין הענדלער, אפילו לערער און חזנים, ווער ס׳האָט נאָר פארמאָגט א פּאָר פּעזעס האָט געלט צו געבן, האָט זיך געקויפט א חלק ערד אדער צוויי.

פלאנען מיט אויסגעמאָלטע פּארטיקע שטעטלאך, שוין מיט געברוי־

סירטע נאסן און בולווארן, צעשניטן אויף „לאטעס“ (חלקים), אין די פאמפעס, ביים ים אויסנוס און א טייל גאר אויף דער לבנה.... האבן די באדן־סוחרים אין בוזעם סעשענע אומגעטראגן און מ׳האט געקויפט און פארקויפט. מיר שיינט אז ס׳איז דאמאלסט ניט געבליבן איין ארבעטער, איין פאבריק מיידל, וואס זאל ניט האבן פאר א „טערענא“ איינגעצאלט. דער שווינדל מיט די לענדערייען איז אונגעהויער ווייט געשטיגן, קרעדיט האט זיך ווי שטויב געשאטן, געלט איז א שפע געווען! דריי בענק האבן דאמאלסט פונקציאנירט אין קאסארעס, און אלע קאמערציאנטן האבן פון זיי געלט געשלעפט.

די פארוואלטער פון די בענק, די „כערענטעס“ זיינען מיט די סוחרים בלאט געווען; אבי א חתימה מיט א „מאניפעסטאסיאן דע ביענעס“ (פארמיגנען דערקלערונג), האבן זיי שוין דעם קאמערציאנט געגעבן קרעדיט וויפיל ער האט אליין געוואלט.

איינער, אונזער אן עקס קאלאניסט, זייער א כיטרע סוחר, האט אזוי ארום א פאפירענע בריק אף סאמע קרעדיט, פון א דריי מיליאן פעזאס אויפגעבויט. מאטעריאל צום בויען די בריק האט מען באם אידישן מוזשיק געקריגן. מען האט דעם נאאיוון מענטשן אין באנק אריינגעפירט, דער אפגעבעטער „כערענטע“, האט אים מיט א פנים יפות אויפגענומען, אויסגעפרעגט וויפיל לאנד, בהמות, אגראר מאשינען ער האט. און האט באלד זיינע צוויי הונדערט העקטאר אויף „לאטעס“ צושניטן. שטיין רייך האט דער שעף פון באנק אים אפגעשאצט. אזויפיל פארמעגן...

מיט א קווארט שוויים איז דער אומוויסענדער מוזשיק דארט אין באנק אפגעגאנגען, איידער ער האט זיין אונטערשריפט, די רייכע חתימה אין דעם גרויסן קרעדיט־בוך אנידערגעלעגט. איין איינציק מאל נאר איז ער אין באנק געווען, און אבי די חתימה איז רעגיסטרירט געווארן, האט מען אים שוין מער ניט באדארפט. דער סוחר פלעגט שוין די באנק אפעראציעס אן אים מאכן און אויף זיין חתימה שווערע טויזענטער ארויסנעמען. זעט איר דאס יא, ווען דער קאלאניסט האט א הונדערטער אדער גאנצע צוויי באדארפט, איז ער צום סוחר געגאנגען און יענער האט גלייך געגעבן. בלויז א חתימה, אפט מאל גאר אף א ריין שטיקל פאפיר, האט ער, דער סוחר, פארלאנגט.

ווען ס׳איז געקומען דער ערשטער אפריל, דער טערמין צום צאלן די יערלעכע ראטע דער יק״א, האט דער קאלאניסט, וואס איז מיט די

סוחרים אין באַנק געשעפט געשטאַנען, שוין נאַרניט גענאַרגט. אַ צעטע־לע פונ׳ם סוחר צום אַדמיניסטראַטאָר, אָדער דער אַרון אַליין האָט דעם קאַמש מיט׳ן יק״א חותם געשפּאַנט און איז אויף מיטאָג צום מיליאָנער, דעם סוחר, פאַרפאָרן און בא אַ גוטן ביסן מיט אַ גלעזל ליקאָר, פונ׳ם מוזשיק אָפּגעשטעמט און אָן אַנווייזונג פאַר צען קאָלאָניסטן מיט איין מאָל צו דער פירמע בונזש און באַרן געגומען. און די אַרונים אין קאַושאַ 216, האָבן שוין דאָס געלט באַקומען.

פאַרמאַכט האָבן זיי, די גדולים, די אויגן, האָבן ניט געוואָלט זען דעם זינדיקן קוואַל פון וואַנען די קאָלאָניסטן שעפּן דעם אָפּצאָל, טויב זיינען זיי געווען צו אונזער געשריי.

מיר, עטלעכע קאָלאָניסטן, האָבן צו די אַרונים געשריבן און זיי אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף דער פּאַפּירענער בריק, אַז ווען זי וועט פּלאַצן וועלן די קאָלאָניסטן מיט זייערע פעלדער איינגאַנצן דערטרונקען ווערן.

אַזוי ווי ס׳איז מאַקע איצט דער פאַל.

מיר האָבן דעם אָפּצאָל יענעם יאָר ניט געקענט צאָלן און קריכן אין די בענק צו פאַרדינגען די גוים די פעלדער — ווי די גוטע פּינקט־ליכע צאָלערס טוען — האָבן מיר ניט געוואָלט. מיר האָבן דאָס אַלעס אין אַ ביטע צו די דירעקטאָרן געשריבן.

נו, האָט מען אונז נעענטפערט מיט „עמבאַרגאָס“, מיט געריכטליכע אָפּשרייבונגען.

— צאָלט! — האָט דער אַדמיניסטראַטאָר ב. געזאָגט, — מאַאוריציא איז רייך, ניט געלט! די ביוראָ וויל ניט וויסן פון וואַנען דאָס געלט קומט. אַז ניט, וועט שוין די פּאָליציי געפינען וואָס צו נעמען...

מיט ווייטיק האָבן מיר צוגעקוקט ווי די אַרונים מיט זייער „קאַ־בראַנסאַ“ שטויסן די קאָלאָניע אין אָפּגרונט אַריין. אייניקע פון אונז האָבן די שאַנדע פון דער „עמבאַרגאָ“ ניט געוואָלט ליידן, האָבן פאַר־קלעמט מיט די ציין און זיינען אויך גלייך מיט די אומוויסענדע צו די קאָמערציאַנטן אַריינגעקראָכן, מען האָט צו אָט די סוחרים — ניט צו גוים הייסט עס — די פעלדער דווקא אויף אַ גוטן פּרייז פאַרדונגען, און זיי האָבן זיי פון זייער צד, סוב־אַרענדירט צו גויים און פאַר דער טובה האָט מען שוין אַלס מענטשלעכקייט, דעם בעל־טובה׳ניק אַ „פּאַוואָר פּאַ־גאַרע“ אויסגעליען, און מען איז אַזוי אומגערן אויך אין די בענק אַריינ־געפאַלן.

דער דלות; אט דער ממזר וואס האט שוין לאנג ביי אונז קיין פוס ניט געהאט, איז געקומען, האט לאנגזאם די קאלאניע מיט זיינע קאלטע, שטארקע לאפעס ארומגענומען און אזוי שטילענקערהייד אנגעהויבן ווארגן, דריקן אויפסניי. אי מיט דעם דלות איז ערשט דער ריכטיגער צע־שטערער אנגעקומען, דער רוסישער אדמיניסטראטאר.

מען ווייסט ניט, צו דער טייפל פון טיראניי, צו דער מלאך פון פרייהייט, צו גאר אונזער פראטעסט אויף דער אויפפירונג פון דער אדמיניסטראציע, האט די דירעקטארן א געדאנק ארייגעגעבן איבערצוביטן דעם פראנצויזישן מאנסיע ב. אף אונדזערן א רוסישן אידן. ער, אונזערער און אייגענער, פון דעם זעלבן וואלד געוואקסן, איז ערשט די ריכטיקע טאפאריסקע, דאס אמת'ע הענטל צו דער פראנצויזישער האק געווארן. און רחמנות האט ער אונז געהאקט, שרעקליך טיראניזירט און אזוי ארום אונז צו דער פרייהייט און אויך צום חורבן געבראכט.

א הויכער, א מאגערער, מיט זייער לאנגע פיס און הענט איז ער, דער נייער אדמיניסטראטאר, געווען. אין רויטע כאליעוועס, מיט א „רעווענקע" אין האנט, האב איך אים דאס ערשטע מאל אין קאסארעס, שפאנענדיק איבער דער גאס דערזען. א שמייכלענדיקער, מיט א סימפאטישן אויסזען, און אויגן אזעלכע גרויע, אז ס'ווערט מוטנע גרוי אויפ'ן הארצן ווען מען קוקט אין זייער גרוי־בלויען גלאנץ אריין, אבער ווער קוקט עפעס א מושל אין די אויגן אריין! ער האט די מאכט פון מאסיע ב. איבערגענומען און זיך בארימט, אז ער וועט מאאוריציא רעארגאניזירן... די פליגן האבן גלייך דערשפירט דאס פלייש, און וואו עפעס א וואגאבונד פון די גרינע — און אויך — מיינע רייד זאלן זיי ניט שווער זיין — פון די תושבים, האבן זיך קאנצענטרירט ארום אים. עס האט זיך געבילדעט א גאנצע באנדע, „כוליגאנעס" האט מען זיי א נאמען געגעבן, א מין שפיאנען, טעלערלעקער, אויערן־צוטראגער, א סארט הייבלער קאמפאניע, אפשר כדי מיטצוהעלפן אים אין דער גראנדיעזער אונטער־נעמונג פון זיין רעארגאניזאציע...

אט דער נייער האט באלד אויסגעפונען, אז די ערשטע אורזאכע פון אלדאס שלעכטס, דאס ארויסציען זיך אין שטאט און די מגפה די קינדער צו בילדן, איז די קאנסעקוועג פון דער אומגערעכטער לא עס־

פעראנסאַ־פּאַרטיילונג. און וויסענדיק, אַז דאָס דומסטע פון אַלע דומהייי־טן איז דער יס"א אוקאַז „קאָלאָניסטישע קינדער קאָלאָניזירט מען נים", האָט ער אַלס רוסישער איד און בטבע נים קיין שלעכטער, געוואָלט דעם פעלער צורעכט מאַכן און אונדזער קאָלאָניע אומקערן איר פריער־דיקן גלאַנץ. אַזוי האָט ער דאָן געזאָגט. — ווי אַזוי האָט איר אייער מאַאוריציאַ אַזוי שרעקליך דעמאָראַליזירט? — פרעגט ער ביי אונז. — אַלע אייערע כּאָסיעדאָרן און פּאַדריינען זיינען פּאַראַליזירט, איר זענט אָן אַ דאָהאַכאָר, אָן אַ שטיקל אַפּטייק. הזאת נעמי? אָט דאָס איז די רייי־כע מאַאידיציאַ, וואָס נאַרסים לעווין אין פּאַריז באַרימט זיך אַזוי אין זיין־יערליכן בולעטין מיט איר? — העלפט מיר — טענה'ט ער ווייטער— איך וועל אייך רעאָרגאַניזירן, איך וועל אייך גוטס טון, איך בין אייער אַ ברודער...

מיר האָבן געדענקט אַז אַ מלאך רעט פון זיין מויל. און מעגליך אַז ער האָט עס דאָן ערנסט געמיינט, ווייל טרערן זיינען אים אין די אויגן געשטאַנען. אַ בעל בכי איז ער געווען ביז גאָר.

ער האָט זיך גענומען שיקן באַריכטן אין דער ביורא, גאַנץ לאַנגע און גאַנץ וואַרימע. נעכטוויז פלעגט ער זיצן און שרייבן. ער האָט זיי גע־מאָלן אונדזער קלעגלעכן מצב מיט דעם קומענדיקן חורבן אין די ריכטיקע פאַרבן. וויינינגסטנס, אַזוי האָט ער אונדז דערציילט. די ביוראָ האָט זיך אָפּנים צוגעהערט צו זיינע רייד, און האָט באַלד צו אונדז אַראָפּגעשיקט אַ רעוויזאָר.

דעם 16־טן יוני פון 1909 איז אָנגעקומען אין קאָלאָניע דער אויי־בער בוכהאַלטער און במקום דירעקטאָר — ווייל ווען איינער פון די צוויי אַדונים איז אָפּוועזנד געווען, פלעגט ער די קאָרעספּאָנדענץ און אויך די קאָנטראַקטן אונטערשרייבן. פראַנציסקאָ גראָס האָט ער געהייסן, און ער איז מיטן נייעם אַדמיניסטראַטאָר אַרומגעפאָרן אין די גרופּעס, אויסגע־פרעגט יעדן איינעם איבער דער סיבה וואָס האָט געפירט צום פאַרדינגען די פעלדער, מיט וואָס פאַר אַ מיטל קען מען עס פאַרמיידן און אין וואָס קען באַשטיין די הילף. דאָס וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געענטפערט האָט ער פאַרצייכנט, און צוגעזאָגט, אַז נאָכן שטודיום, נאָך זיין טור איבער דער קאָלאָניע, וועלן די „הערשאַפטן" וויסן ווי אַרום צו העלפן.

אין אַ שיינעם טאָג, צום מיטאָג, זיינען זיי ביידע צו מיר געקומען. באַם עסן און נאָך אַ פּאָר גלאָז וויין, און ווי די טבע פונם פראַנצויז איז צו „פּאַרלן" באַם טיש, האָט זיך דער קריסט צערעט:

— ווייסט איר, סעניאר — זאָגט ער צו מיר, — וואס איך האָב אַף דער רעוויזיע ביי אייך אין די קאָלאָניעס אויסגעפונען? אז מיר האָבן נים קיין עלעמענט פאר אגריקולטור ארבעט. ווען דער פארשטאָרבענער באראָן זאָל געווען איטאַליענער אָדער פראנצויזן קאָלאָניזירן, וואלט די קאָלאָניזאציע אין א סאך א שענערן שיין געשטאַנען...

איך האָב מיך דאָן מיט דעם אדמ־ניסטראטאר מיט די בליקן באַגעגנט, און דער אמת פון דעם לאכנדיקן פראנצויז׳ס רייד, האָט אונדז די גאָל אין מויל אריין געבראכט און מיר האָבן שוין פארשטאַנען וואס פאר א ראפאָרט ער וועט זיינע אדונים אין קאָזשאָא 216 אריבערשיקן.

דער גוי איז א פאָר וואכן אַפּגעווען בא אונדז, אלעס גענוי אונטער־זוכט, זיך זיינע קאָמענטאַרן צוגעגעבן, אזוי ווי עס פירט זיך שטענדיק בא דער יק״א, און איז זיך אוועקגעפארן .

צען טעג שפּעטער האָט מען שוין גאָר אַן אנדער הויט אַפן פּנים פונ׳ם אדמיניסטראטאר געקענט באמערקן. דער מענטש האָט זיך געננצ־ליך איבערגעביטן, אָדער בעסער צו זאָגן, — דעם מענטשן אין זיך, דעם רוסישן אידען, האָט ער ערגיץ וואו באהאלטן אָדער ארויסגעוואָרפן, און ער איז בלויז א יק״א משרת, א טרוקענער, א פראנצויזישער מושל פאר־בליבן .עס האָט זיך גלייך צעטראָגן א ריח פון טיראניי, פון עפּוש׳דיקער אונטערדריקונג, דער עקלדיקער געשטאַנק פון אן עבד אז ער ווערט מלך. אונטער דעם אידעאליסטישן מאנטל פון הייליקן בארא֗נס אידעאל, האָט ער א היבשע פאָרציע דעספּאָטיע צוזאמענגעשאַרט, און זיך עפנט־ליך אויסגעדריקט „מען מוז באַם אידן די לוסט אין שטאָט צו וואוינען, דעם חשק צום מסחר און צו דער בילדונג, מיט אייזערנע צוואַנגען ארויס־רייסן“.

מעגלעך, ער האָט דאָס געמיינט ערנסט, נאָר סיי ווי סיי, ערנסט צו ניט, א טיראניי האָט זיך אין דער קאָלאָניע צעטראָגן. און נאָך אַפן נידער־ריקסטן, עקלהאַפטסטן אופן.

מענטשן פון ענטרע ריאָס, וואס האָבן דעם ארון געקענט נאָך פון לאַפּינ׳ס צייטן, וואס ער איז דאָרט שטענדיק קאסירער בא אים געווען, האָבן געגאַפט:

„ווי אזוי בייט א מענטש אזוי איבער די נאַטור? בא אונדז, אלס שרייבער, איז ער גאָר א גוט מענטשעלע געווען“ — האָבן זיי פאַרזי־כערט.

דער ארון האָט אָנגעהויבן דערקוטשען די קאָלאָניסטן. מעגלעך, ער

האט געהאט אזא באפעל פון אויבן. ער האט אנגעהויבן שרייען, אז מיר זיינען עובר אף די פונקטן פונ'ם יק"א־קאנטראקט און זיך גענומען אריינ־קוקן יעדן איינעם אין קאפ.

די באנדע כוליגאנעס, זיינע פריינט, וואס האבן זיך ארום דער קאַ־לאניע געפונען, האבן אנגעהויבן שפיאנירן די קאלאניסטן, אלעס צוגע־טראגן דעם פריץ, אזוי אז ער האט געוואוסט וואס מען רעט אין יעדער שטוב.

א גאנצן לעניאן מיט שפיאנען האט ער ארום זיך געהאט און אום צו פארניטיקן דער באנדע, זיין גווארדיע, האט ער באלד א שיין מיטל אויסגעפונען, געמליך דאס טראנספארטירן פערד, אדער האנדלען מיט פערד.

אזוי ווי די יק"א האט דאמאלסט אין דער „גליקלעכער" בערנאס־קאני פון דער פאמפא קאלאניזירט עמיגראנטן און יעדן נייעם קאלאניסט געגעבן רעמאנענט און פערד צו דער ארבעט, האט זיך אונדזער אדון מיט דעם דארטיקן איינפארשטאנען און א הערלעכן שותפות געשלאסן. מ'האט פון אונדזער געגנט אהין די נויטיקע פערד טראנספארטירט און וועל־כע פערד אונדזער אדון האט פאר גוט אנגענומען, האט שוין די יק"א דאס געלד פאר אים באצאלט.

די אדמיניסטראציע איז אזוי ארום אין א מארק פון פערד פאר־וואנדלט געווארן. ליפעראנטן, פערד הענדלער, נים קיין טרייפענע חלילה, נאר סתם סוחרים בשר'ע פון דעם מין, גרינע וואס האבן נושא חן געווען באם אדון, האבן צוזאמענגעבראכט פערד און אלע זיינען זיי אלס אויס־געצייכנטע און כשר'ע באשטעטיקט געווארן.

דער אדון האט דעם יק"א חותם אויף זיי געלייגט און א פרייז אויס־געצאלט. און אפט מאל דעם סוחר אליין מיט די פערד אהינצו געשיקט מיט אן ארענטלעכער רעקאמענדאציע אין אוצלכער איז דארט טאקע גלייך קאלאניזירט געווארן.

א צייט לאנג האט זיך דער פיינער מסחר געפירט. און מיר האבן צוגעזען דעם פערד מארק מיט אלע זיינע פארשוינען, מיט אלע זיינע דינים פון איסור והיתר ,וואס פירט זיך אין דער אדמיניסטראציע, און מיר האבן שוין פארשטאנען וואס מיר האבן צו דערווארטן פון אזא רע־גירונג.

IV.

מיינער א באריכט קיין פאריז

מיר האָבן צוזאַמענגערופן אין געהיים אַן אסיפה פון געציילטע קאָ־לאָניסטן, וועמען די קאָלאָניע ענינים האָבן באמת געקרענקט, און זיך בעראטן וואס צו טאָן.

ס'איז באַשטימט געוואָרן: אַזוי ווי די גאַנצע איבערקערעניש שטאַמט דאָך פון דעם שטודיום וואס דער רעוויזאָר פראַנציסקאָ גראס האָט צו־געשטעלט דער ביורא, זאָלן מיר אליין אָנשרייבן אַן אויספירלעכן באריכט און אים איבערשיקן צו די גאָר גרויסע אדונים, קיין פאריז און זיי אויפ־קלערן איבערן ריכטיקן מצב פון דער קאָלאָניע, און אויך אָנווייזן זיי דעם אמת'ן וועג, ניט דעם דעספאָטישן, „ניט מיט צוואַנגען רייסן“, ווי אַזוי מ'קען צוריקשטעלן מאַאוריציאָ.

אָף אַכט בויגעלעך פּאַפּיר האָב איך דעם געווינשטן באריכט אויסגע־שטעלט און זיי אָנגעצייגט, אַז דער שליח מאָסיע גראס האָט אַן איינזייטיקן ראַפּאָרט געמאַכט. איך האָב זיי דעם ריכטיקן אמת אויפ־געדעקט, האָב זיי אין ריכטיקע פארבן די גאַנצע ארגענטינער קאָלאָניזאַ־ציע אָפּגעמאָלן. מיטן בלוט פון מיין האַרצן האָב איך זיי דעם באריכט געשריבן און זיי אָנגעוויזן פון וואַנען די רואינע פון מאַאוריציאָ, — און אפשר שפּעטער פון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע — שטאַמט. איך האָב זיי אויך אָנגעצייגט אַ וועג, ווי נאָך אונדזער פארשטאַנד און פּראַקטיק פון 18 יאָר, מיט וואס פאר אַ מיטלען מען קען דעם וואַקסנדיקן חורבן פאר־היטן און פארזיכערן דעם קיום פון דער קאָלאָניע.

איך האָב זיי דאָרט געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן זיך איצט אויך ניט וועלן רעכענען מיט דער מיינונג און דער פּראַקטיק פון די קאָלאָניסטן און וועלן קוקן נאָר בלויז אויף די אינפאָרמאַציעס פון זייערע באַצאָלטע דינער, דאַן זאָלן זיי מיין שרייבן אַוועקלייגן אין זייער ארכיוו אָף צען יאָר צייט און אין פארלויף פון די יאָרן וועלן זיי שוין אין מאַאוריציאָ

נאָר צוואַנציק פּראָצענט אידישע קאָלאָניסטן פאַרמאָגן און אַכציק פּראָצענט גויים... די פעלדער וועלן פאַרקויפט ווערן און דער גרויסער אידעאַל פונ'ם באַראָן וועט לאיבוד גיין און די שולד וועט די געשיכטע צושרייבן ניינציק פּראָצענט אַף אייך, די מנהיגים, און צען פּראָצענט אַף אונדז — קאָלאָניסטן...

דעם 20־טן יולי פון 1909 האָב איך דעם באַריכט פאַרפערטיקט, אונטערגעשריבן און וויסענדיק פון דעם יק"א געזעץ, אַז יעדע שריפט מוז דורך דער אַדמיניסטראַציע געשיקט ווערן, האָב איך אים, דעם אַדמיניסטראַטאָר אייגנהענטיק איבערגעגעבן. ער האָט עס אין דער אַנוועזנהייט פונ'ם פּראָפעסאָר אויס קאַזאַבלאַנקאַ, סעניאָר הלוי, געלייענט. דער לעצטער האָט זיך באַם קאָפּ אָנגעכאַפּט און מיט עמיל זאָלאַ'ס ווערטער אויסגערופן: „דער אמת גייט קיין פּאַריז".

ער אַליין, דער אַדון איז אויך געריהרט געוואָרן, ס'איז ניכר געווען, אַז ס'האָט אין אים אַף יענער רגע דער רוסישער איד אויפגעוואַכט. ער האָט עס אין אַ יק"א קאָנווערט אַריינגעלעגט, און צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין די זאַך בדרך המלך איבערשיקן. און כדי זיכער צו זיין אַז דער באַריכט וועט דערזעען פּ אַ ר י ז, האָב איך צוויי בריף פּריוואַט גלייך נאָכגעשיקט, איינעם צו דר. זאַנגענפעלד און דעם צווייטן צום דירעקטאָר קאַזעס, און איך מיט מיינע אינטימע חברים, האָבן מיר גענומען וואַרטן אַפן ענטפער פון פּאַריז.

די ביוראָקראַטיע האָט דאָ דערווייל אָנגעהויבן פעסטער און דריקענדיקער זיך פאַנאַנדערצופירן די הענט. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך צוזאַמענגענומען זיינע בייטעגצערם, האָט אָפּגענומען דעם פּאַראַליזירטן פאַריין מיט זיין „פּערזאָנעריאַ", דעם „צענטראָ אַגריקאָלאַ", הייסט עס, האָט אים רעפאַרמירט אַזוי, אַז ער זאָל אָנגאַנצן בלויז מיט יק"א שמעקן, האָט זיך אַליין פאַר פּרעזידענט פונם פאַריין אויסגעוויילט, און האָט אַף אַזאַ אופן, שוין אַלס געמיינדע פאַרשטייער, נים אַלס אַדמיניסטראַטאָר, אָנגעהויבן דעם אייזערנעם ווילן זיינעם אַף אונדזער האַלדז אַרויפצולייגן. מיר האָבן פּראָטעסטירט, האָט ער די שרעקעדיקע קאָלאָניסטן גענומען טעראָריזירן, און זיי אַלס שונאים אַף אונדז אָנגעשטעלט. ער האָט, ווי די אַלטע רוימישע שטאַטס לייט, אָנגענומען דעם רעספּאָטישן מיטל „צעטייל און הערש". און דער צירקל פון זיינע שפּיאָנען איז דורך דער צערייסונג און צעטיילונג פון די קאָלאָניסטן נאָך גרעסער געוואָרן.

מיר האָבן דערפילט דעם רוסישן אוראדניק מיט זיין דרוק און — ווי זיינע טענצע־ס זאָגן איצט, הנם איך גלויב זיי גאָר ווייניק — מיט זיין באוואוסטן „נקי כפים" סיסטעם.

עס האָט זיך אָנגעזאמלט א שרעקליך רוגזה־פייער אין יעדנס הארץ, מען האָט זיך צוגעהויבן פרעגן, ביז וואנען וועט מען ליגן אונטער אזא קנאפל, אפשר וואלט מען גאָר אין גאנצן אָפּגעבראָכן מיט דער דאָזיקער הערשאַפטס־סיסטעם, ארויסנעמען די קויפשיינען אַף די פעלדער און פטור ווערן פון די הערשער.

דעם געדאנק האָבן נאָר גאָר געציילטע קאָלאָניסטן בא זיך טיף אין מה געטראָגן, מורא האָבנדיק אים אפילו אַף די ליפן צו ברייננען. דער צו־פאל אָבער, און אפשר גאָר די געטליכע השגחה וואס האָט זיך אירע שליחים אויסגעטון, האָט אזוי געפירט, אז לעאָן כאזאנאָוויטש זאָל צו אונדז אין קאָלאָניע קומען, און די פרייהייטס אידייע איז דאן ארויסגעשפרונגען.

V.

לעאָן כאַזאַנאָוויטש

כאַזאַנאָוויטש אַרעסטירט. — ווענענס האָט שטעקט דערין. — מוסרים! —

דעם 17־טן אָקטובער פון 1009, פּונקט אום יו"ט שמיני עצרת אין אָוונט, איז ער צו מיר אין גרופּע 55 צו גאַסט געקומען. ער האָט שוין געהאַט אַרומגערייזט אַלע קאָלאָניעס פון ענטרע ריאָס און סאַנטאַ פע און פאַרצייכנט די נאָטיצן פון זיין באַריכטן בוך „דער מאַראַלישער באַנקראָט פון דער יק"א־קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע".

אַ גאַנצע נאַכט בין איך מיט אים אָפּגעזעסן און אים אַלעס, אַלע אונדזער'ע ליידן דערציילט. ער האָט די קאָפּיע פון מיין באַריכט קיין פּאַריז אויפמערקזאַם און מיט גרויס נייגעריקייט אויסגעהערט. אַלע צען פינגער האָט ער אין זיין גרויסער פּאַטלע האָר אַריינגעגריבלט:

— „מיין גאָט! — האָט ער פאַרצווייפלט אַ פּאָר מאָל איבערגעחזר'ט — אין אייראָפּע ווייסט מען גאָר ניט פון אייך, אַ כינעזישע וואַנט איז אַרום דער יק"א־קאָלאָניזאַציע, איך וועל זי צעברעכן, איך וועל אויפדעקן פאַר דער וועלט וואָס עס טוט זיך דאָ מיט אייך..."

ער האָט נאָך יו"ט, אין שוהל פון אַלנאַראַבאַ פיר שעה כסדר גערעט, געטרייסט די קאָלאָניסטן און זיי איינגעפּלאַנצט מוט. די קאָלאָניסטן האָבן אים פאַרגעטערט, אַף די הענט האָט מען אים געטראָגן, און די שפּיר הינט פון דער אַדמיניסטראַציע האָבן צום אַדמיניסטראַטאָר צוגעטראָגן אַז כאַזאַנאָוויטש בונטעוועט די קאָלאָניסטן קעגן דער יק"א.—

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך געמאַכט גלייך ווי עס אַרט איהם ניט.

כאַזאַנאָוויטש איז בּאַ מיר אָפּגעווען עטלעכע טעג, איז רייטנדיק אַרומגעפאָרן אויסצוקוקן אומעטום, איז מיט מיין קליינעם אַלבערטאָ געגאַנגען טויבן שיסן בּאַ מיר אין וואַלד... און זיין יונג וואַרים אידיש האַרץ האָט זיך זייער געפרייט איבער די אידעאַליסטישע פעסט־איינגעפּלאַנצטע קאָלאָניסטן, וואָס ער האָט בּאַ אונדז געטראָפן.

ווען מיר האָבן אים די פּאָליטיק פון אונדזער אדון מיט דעם „צענ־טראַ אנריקאַלאַ“ דערציילט, האָט ער מיט ווייטיק געזאָגט, אַז אין אַלע קאָלאָניעס איז דער זעלבער ספּעקטאַקל דורך די אדונים אָנגעפירט גע־וואָרן און אַז די פאַריינען זיינען נאָר אָגענטן באַ דער יק"א צו העלפן איר נאָך מער פאַרשקלאַפן און איין חובות צו פאַרזינקען דעם פשוט'ן אידישן פּויער, אַז אין אַלע קאָלאָניעס געפינען זיך נאָך אייניקע רוסישע קהל'ס־לייט, וואָס האָבן ליב אומצוגיין מיט'ן קאַנטשיק אין האַנט און אויסנוצן אָפּ זייערע ברידער דעם רוסישן „שטאָ“ און „פּאַשאָל וואָן“...

דעם ריינעם אמת האָט דער עדעלער נאַציאָנאַלער איד דאַן געזאָגט, אָבער מיט וויפיל יסורים האָט ער דערפאַר שפּעטער מיט דריי חדשים באַצאָלט! פאַר אַן אַנאַרכיסט האָבן זיי אים דערקלערט און אין קייטן האָט מען אים פון מאַאוריציאָ אוועקגעפירט און פון אַרגענטינע אַרויסגע־שיקט.

מען ווייסט ניט אָפּ געוויס וועד ס'האָט אים גע'מסר'ט, אָבער אַז אידן און יק"א'איסטען האָבן אַ האַנט דערין, דאָס איז גאַנץ זיכער.

לייבל דער רויטער האָט אָפּ זיין ווילדן „סאַינאַ“ ווי אַ בליץ די קאָ־לאָניע דורכגעקרייצט און אין יעדן הויף אַריינגעשריען:

— כאַזאַנאָוויטש אַרעסטירט! לויפט קיין אַלגאַראַבאַ!

ווי בעת אַן ערד ציטערניש, אַזאַ לויפעניש איז געוואָרן. אַ ציטער אַ שרעקלעכער האָט די קאָלאָניע אַרומגעכאַפּט. קינד און קייט זיינען אָפּ דער גאַס אַרויס, איינער דעם אַנדערן האָט געפרעגט: כאַזאַנאָוויטש אין תפיסה? כאַזאַנאָוויטש אַרעסטירט? פאַר וואָס? און ניט ווייסנדיק וואָס און ווען, האָט מען מיט אָנגעבויגענע קעפּ פון פאַרדרוס און צער קיין אַל־גאַראַבאַ זיך געלאָזט

איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אָפּ אַ פערד און בין אין שנעלסטן גאַ־לאָפּ אהין געקומען.

דער ברייטער שליאַך, וואָס לויפט פאַרביי דער קוזניע פון פנחס ברון ביז דער פּאָסט־געביידע אַנקעגן דעם אַדמיניסטראַציע־טויער איז שוואַרץ געווען פון מענטשן.

מיט פאַרטרויערטע פנים'ער און אויסגעשטרעקנדיק די הענט אַקעגן דער רויטער מצרים וואַנט, האָט זיך פון זייער ברוסט איין וואָרט אַרויס־געריסן: נו?

אָט פון דאַנען, פון דער פּאָסט, בעת ער איז געקומען אָפּנעמען די קאָרעספּאָנדענץ, האָט אים אַ קאָמיסאַר מיט דריי אָפיסיאַלן ארעסטירט און אוועקגעפירט, אונדזער ליבן כאַזאַנאָוויטש. — דערציילט אין אַ גלאַ־גנדיקן קול שלמה'לע מעלנא.

איינער אַ קאָלאָניסט אַ טויבער, משה ברונשטיין, אַ איד אַ גבר, שרייט הייזעריק:

— מיר ווייסן ווער ס'האָט געמסור'ט. אַ בילבול געמאַכט! אַן עלילת דם! אַ דרייפוס! קומט מיט מיר, נאָמיר אונטערצינדן די אַדמיניסטראַ־ציע! אין אַ דיימשער קאָלאָניע וואָלט מען אַזעלכע דאַנאָסטשיקעס לע־בעדיקע פארברענט!.. — און ער נעמט זיך אויסרעכענען די נעמען פון די מוסרים.

איך וויל ניט פארשעמען זייערע קינדער און וועל זייערע בשר'ע נעמען פארשוויינן

עטלעכע זקנים מיט ווייסע בערד דערהערן די נעמען, רוקן זיי זיך אָפּ ביז צו דער אַלאַמבּרע, לאָזן זיך אראָפּ אויף דער הוילער ערד, נעמען די פיס אונטער זיך, קייען די שפּיצן פון די בערד, ריידן אין דער שטיל צווישן זיך און בושה און צער דריקן זייערע גרויע קעפּ ביז צו דער ערד. אַ שטומער געוויין, אַ נשמה געוויין, אַ געוויין אָן טרערן גליווערט איבער זייערע צעקנייטשטע באַקן, און דער עלטערער פון אלע, יאָסל אָריץ, זיפצט ארויס: — ולמלשינים! ולמלשינים! אומעטום זיינען זיי דאָ, די מלשינים...

רויט פון כעס, מיט איבערגעקערטע אויגן, פארלאָפן מיט בלוט, לויפט אָן דוד משערניץ. דער גיבור, וואָס האָט מיט זיינע ציין דעם גאָוטש די נאָז אָפּגעביסען (ווי ס'איז באַשריבן אין ערשטן טייל) שטעלט זיך אָפּ לעבן די זקנים און ווילד משוגע פון פאַרדרוס, דרייט ער דעם „טיראַדאָר", וואו ס'שטעקט דער קינזשאַל מיט'ן רעוואָלווער, און קריצט מיט די ציין:
— זאָגט, ערווירדיקע זקנים! — ברומט ער ווי אַ לייב — שופטים אונד־זערע, רעט! פּסק'נט! איך וועל אויספירן דעם פּסק... אלע זעקס קוילן יאָג איך דעם מסור גלייך אין הארצן אריין...

דריי רויטע היטעלאַך און בלויע שינעלן זיינען אויסגעוואַקסן צווישן עולם, און דער „סאַבאַ", דער עלצטער, גיט אַ געשריי: — סאַזשעסע! שווייג! און זיי נעמען יאָגן דעם עולם אהיים. איך האָב זיך צווישן דער מענגע אַ דריי געגעבן און בין אין דער אַדמיניסטראַציע, אין דער ביורא

פון אדמיניסטראטאר ארייננעלאָפן. איך זע ווי ער זיצט און שרייבט. געוויס האָט ער ראַפּאָרטירט צו די אדונים די בשורה פונם ארעסט.

— איר זענט דאָך אַ חשוב אין דער פּאָליציי, ווי האָט איר דער־לאָזט דעם ארעסט פון אונדזער ליבן כאַזאַנאָוויטש? — פרעג איך אים.

ער קוקט מיר ניט אין די אויגן אריין און הויבט אָן שטאַמלען:

— איר ווייסט דאָך אז דעם 14־טן נאָוועמבער האָט אַ אידישער אנאַרכיסט, ראַדאָוויצקי, דעם שעף פון דער בוענאָס איירעסער פּאָליציי, דעם קאָלאָנעל פאַלקאָן, דער׳הרג׳עט. זוכט מען אַנאַרכיסטן... ס׳איז „עס־טאַדאָ דע סיטיאָ", קריגס צושטאַנד, דערקלערט ער מיר — און אַ קוים באַמערקבאַרער ביטרע שמייכל האָט זיינע ליפּן באַרירט.

איך לויף צוריק ארויס אין דרויסן. ס׳איז שאַ שטיל, קיין נפש פון אַ קאָלאָניסט איז ניט צו זעען, אָפּגעלייִדיקט דאָס פּלאַץ. נאָר אַ בינטל ווייבער שטייען רונד ארום דער הויכער שיינער חנה דער פּאָטשטאַרקע, וואָס ווישט די אויגן מיטן פאַרטוך און דערציילט די איינצעלהייטן פונם ארעסט.

אַ קלייניטשקער ווישילאַנט, לאָרענצאָ, וואָס איז אַ סאַך יארן בײַ מיר אַ „בוזשירער" (פּאַסטוך) געווען, קומט צו מיר צו:

— פּאַטראָן! — זאָגט ער אין דער שטיל, נעם זעץ זיך אָפּ׳ן פערד און פאָר דיר אַהיים.... די פּאָליציי ווייסט אז דער „פרעסא" מיט דער „מעלענא" (דער ארעסטירטער מיט דער קודלע) וועלכן מיר האָבן דאָ ארעסטירט, איז דיינער אַן „אַמיגאָ" (אַ פריינט)... ס׳איז „עסטאַדאָ דע סיטיאָ"... גלייכער זאָלסט... — און ער לייגט ארויף צוויי פינגער אויף זיין גראָבער ליפּ.

אַ ברירה איז געווען? איך האָב געפאָלגט.

אַ משוגענע זון, עפּעס אַ גרין־געלע, וואָס האָט זיך באַם עק האָרי־זאָנט געהאַלטן, איז מיר אין פּנים געקראָכן און מיר געטשמעליעט אין מח. אַלץ האָט זי, די משוגענע זון, אין שטיקער צובראָכן; דעם הימל, די ערד, די בוימער, דעם וואַלד, אונדזער פרייע היים... געלע שטיקער בראָך איז מיר אין די אויגן געפאַלן. כאַזאַנאָוויטש אַ זארעסטאַנט!.. און וואו איז די פרייהייט? וואו איז די ליבערטאַד? משוגע! משוגע געל גרין, פע! ס׳איז מיר איבלדיק געווארן אין מויל, און דאָס האַרץ האָט מיר פאַר־קוועטשט. אָט אָט פאַל איך ארונטער פון פערד...

איך האָב אראָפּגעכאַפּט די פּאַטשײַלע פון האַלז, זיך איינגעבונדן

דעם קאפ, אפגעקערעוועט פון וועג און בין פארקראכן אף אן אפן שטיק פעלד, אונטער די „וויסקאטשא“ בערגלאך נעבן בנימן יתום'ס וואלד. גע־פענטעט דאס פערד און זיך אריינגעוואָרפן אין טיפן גראז און אפנים איינגעשלאפן.

איך ווייס ניט וויפיל איך בין אפגעלעגן. ווען איך האב מיך אויפגע־כאפט, האט א קלארע, שיינע זילבערנע לבנה מיר אין די אויגן אריינגע־קוקט. אלץ ארום מיר האט אין דער ווארימער שטילער נאכט - לופט גע־דרימלט. איך האב נאר ניט געדענקט, ניט געקלערט, נאר געפילט האב איך א זיסע רו און צופרידנהייט גליטשט זיך מיר איבער אלע מיינע גלי־דער. ניט ווייט פון מיין געלעגער האבן פיצינקעלעך קוראפאטקעלעך, קליינע פויגעלעך, אונטער די פליגל פון זייער מוטער געפישטשעט, א פאר „מוליטאס“ (ערד חזירים'לאך) האבן מיט זייערע דימענט שווארצע אויגעלעך מיר אין די אויגן אריינגעבליטשטשעט. א שטילער מורמלען, דער סוד פון דער נאכט, האט זיך אויסגעשפרייט איבער'ן פעלד און רו און פרידן האבן הימל און ערד געשלאסן. א מילד ווינטעלע האט דעם רצון פונם בורא געטאן, מזווג זיווגים געווען; ער האט אין דער שטיל און בנעימות זיין שליחות דערפילט, ליבע זאמען צווישן די גראזן צעפירט, מין מיט מין צוזאמענגעפארט, קעפלעך צו קעפלעך האבן זיך מיט חן און ליבע געבויגן, מיט דעם ריינעם לויטערן הימל טוי זייערע לייבער געוואשן און דאס אייביגע געבאט פון דער יצירה, ועשב מזריע זרע, האט זיך פאר מיינע אויגן געשפילט. דאס גאנצע פעלד איז מיט זימן לעבן באנאסן געווארן, טויזנטער עלעקטרישע לעמפלעך האבן קליינינקע פליגעלעך, די חתונה־שמשים, צווישן די ליבע פארלעך ארומגעטראגן און די נאטור־חתונה באשיינט.

איך בין מיר אזוי שטיל רואיק געלעגן, אזוי אנגענעם גליקלעך זיך געפילט, אז איך וואלט שוין באמת גערן געוועזן טאקע אזוי, אף אייביק צו פארבלייבן צוזאמען מיט די אלע ברואים'לעך אין שוים פון דער שטילער נאטור.

פלוצלונג האט זיך א פרעמד קול, עפעס ניט קיין געוויינלעכעס, צו מיינע אויערן דערטראגן. איך האב א קער געטאן דעם קאפ און געזעען: א גאנצע משפחה, אדער שבט, פון די וועגעטאריאנער חיה'לעך, די „וויס־קאטשאס“, האבן זיך אקעגן מיין געלעגער, אף א בערגל, זייער טעריטאריע

פארנומען. ס'האָט מיך אָנגענומען אַ חשק צו זעען וואָס טוען זיי, די אַל־
טע היגע תושבים, וועלכע מיר האָבן שוין באַלד פאַרניכט און דערצו באַבערט
זייער לאַנד. איך האָב פּאַמעלעך אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געזעען:
אַ שטיק צוועלף „ווישקאַטשאַס", גרויס ווי אַ מיטלמעסיקער הונט, די
זקנים אַ פּנים — זיינען זיך רואיק געזעסן אויף די הינטערשטע פיס און מיט
זייערע גרויסע געלע פאַספאַר־אויגן געקוקט, ווי פאַרקלערט, גלייך דער
לבנה אין פּנים אַריין. די טונקל גרויע פוטערנע טולעפּלעך זייערע, מיט
די ווייסע און געלבלעכע קעלנער, האָבן זיך געוואַשן אין קלאָרן נאַכט־טוי,
שעמערירנדיק ווי מיט פליטערלעך זילבער, אַז ס'האָט אַנטציקט דאָס אויג.
דאָס שטילע ווינטעלע האָט זיך געקרייזלט צווישן זייערע שיינע, גרויע,
לאַנגע וואָנצעס און זייערע ליפּן האָבן זיך פּיבערהאַפטיק באַוועגט —
מעגלעך זיי האָבן דאַן זייער תּפילה דער נאַכט קעניגין געשיקט. אין
מערב־זייט פון דער טעריטאָריע, האָבן עטלעכע יונגע חיה'לעך פלייסיק גע־
אַרבעט; קיזיק, שטעקעלעך צעגויפגעשלעפּט און דאָס רונד אַרום די גרוי־
בער אויסגעגליינט. אַ פּאָר גאָר יונגעטשקע פון זיי, האָבן זיך הינטערן
בערגל ווי פאַרגנב'עט און זיך אין ליבע דאָרט דערקלערט.

— אַך וואָס פאַר אַ הערלעכע טייערע משפּחה דאָס איז! — לויפט
מיר דורך אַ געדאַנק. — שענער און הערלעכער ווי בא אונדז...

איך שטרענג אָן די אויגן און קוק: פון'ם צווייטן בערגל, וואו אַן אַנ־
דער שבט וואוינט, זיינען צוויי שיינע ווישקאַטשאַס אָנגעקומען, האָבן
זיך פונקט אַקעגן די צוועלף זקנים אַנידערגעזעצט, מיט די לאַפּעלעך
די וואָנצעס אויסגעווישט און עפּעס אויף זייער שפּראַך געמורקעט.

עס האָט מיר אַ ברי געטון אין מח:

— ווער זיינען זיי אָט די צוויי? זיינען עס געזאַנדטע, שליחים וואָס
ברייגנען אַ שלום ברכה, צי אפשר מוסרים „אַלקאַהועטעס"?

בא דעם געדאַנק האָט מיין קערפּער אַ ציטער געטון, איך האָב זיך
דערמאָנט וואו איך בין, ווי איך קום אַהער און, ניט ווילנדיק, האָב איך
אויסגעשריען:

— מוסרים, דאַנאַסטשיקעס! פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן!

די חיה'לעך האָבן זיך דערשראָקן, האָבן אָנגעהויבן צו מיזרקען אין
זייערע אַריין אין די נאָרעס.

איך האָב אויפגעפּענטעט דאָס פערד, בין אויפגעשטיגן אין זיך גע־

אזוי אהיים. ניט ווייט פון מיין טויער איז מיר מיין געטרייער רייטש, דער שוין דערמאָנטער מיכאל, אקעגנגעקומען:

— אזוי שפעט! מיין גאָט! מיר האָבן געדענקט אז מ'האָט אייך אויך איינגעשפאַרט. דאָנער וועטער! פארפלוכטע ארגענטינע! אזא הערליכן יונג, כאזאנאוויטש, האָבען זיי פארהאפטעט! ס'איז די אדמיניסטראציע! דער קרומער גלאזערמאן, דאָרי דער שוחט, זאָגט אויך אזוי... זיי האָבן זיך באַנוצט מיט'ן קריגס צושטאנד, א ליכטיק אויג אוועקצושיקן פון דאַ־נען...

שפעטער, אין מאי פון 1910 האָט מיר כאזאנאָוויטש פון לעמבערג געשריבן: אין קאָמיסעריע אין קאסארעס האָב איך אייער סעניאָר ר. געַ־זעען.... אן עקלהאפטן איינדרוק האָט ער אוף מיר געמאכט.... און דער ארון אליין אייערער, א צדיק? איך וועל אייך אין זינען האָבן — שרייבט ער ווייטער — איך וועל מיט זאנגוויל'ן איבערריידן פון אייך, פאלט בא זיך ניט אראָפ".

מיר, די גאנצע קאָלאָניע, האָבן געוואוסט אז ס'איז זייער ארבעט, די קליקע מיט די אדמיניסטראטאָרן, זיי האָט די פערזאָן מיט'ן פרייען אויג, ווי כאזאנאוויטש, ניט געשמעקט, האָבן זיי דעם שעת הכשר פון קריגס צושטאנד אויסגענוצט און אים גע'מסור'ט. אָבער, ס'האָט זיי ווינציק וואס געהאָלפן. דער אויפרייס שטאָף איז שוין געווען צוגעגרייט פון פריער. עס האָט נאָר דאָס קנויטל געפעלט, און מיט דעם ארעסט פון כאזאנאָוויטשן האָט דער פולווער פאס אויפגעריסן און די פרייהייטס אידייע איז דאן געבוירן געווארן.

אין דער שטיל האָט מען צווישן זיך גערעט אז מ'מוז זיך זען באפריי־ען פון זיי און וואס פריער איז בעסער.

VI.

„טיטולאס“

דער ענטפער פון פאריז אף מיין פלאן. — א נכיעה צו דער דירעקציע אין בוענאס איירעס. — א סקאנדאל אין דירעקציע. — די בילדונג קומט צונוץ. — קווייטל און סעגאל פארערן זייערע קוימשיינעו דורכ׳ן געריכט. —

אלע גוטע זאכן קומען אומגעריכט. מ׳זוכט א וועג קיין אינדיע, געפינט מען אמעריקע.

די צוויי קאלאניסטן לייב סעגאל און מאיר קווייטל, די ערשטע וואס האבן אנגעגעבן אין געריכט אף דער יק״א וועגן ארויסנעמען די קוימשיינען אפ׳ן לאנד, האבן זיך קיין מאל מיט דער פרייהייטס אידייע נים אינטערעסירט, זיי האבן די פרייהייט גאר נים געזוכט, און אויך זי אין אנהויב ווינציק וואס פארשטאנען; א גוט ווארט, א שמייכל פונ׳ם בעל הבית האבן זיי פארלאנגט; זיינען צום פריסטאוו סלאגן זיך אפ׳ן אוריאדניק געגאנגען... וואלט זיי דער פריץ געווען צוגעלאזט צו זיך און א גלעט געגעבן איבערן שקלאפן־קאפ, וואלטן מיר נאך היינט אויך קיין קוימשיינען אף אונדזערע פעלדער נים געהאט. אבער געהיימניספול זיינען די וועגן פון דער געטן פרייהייט. אויך אין מדין האט זיך נאר א דארן, א סנה אנגעצונדן און האט דעם שקלאפן וועג פון די בני ישראל אין מצרים ליכטיק געמאכט. א „כבד פה“ איז דער ערשטער פרייהייטס קעמפפער געווען, און אף אונזערע צוויי תמימים, שטום און אן א שפראך, נאר מיט א ריין פשוט האריץ, האט די געטן פון פרייהייט איר גורל געווארפן, אז זיי זאלן די שעפן פון דער קאלאניזאציע אף דער אנסלאנג־באנק אנידערזועצן און די פרייהייט בא זיי ארויסרייסן.

נאר לאמיר אייך דערציילן אויספירליך ווי אזוי אלעם איז געשען.

סוף סעפטעמבער 1909, האב איך פונם דירעקטאר קאזעס באקומען א בריוו דורך דער דירעקציע, ענטפער אף דעם פריער דערוואַרטן באריכט, וואס איך האב אין דער גענעראל דירעקציע פון דער יק׳א אין פא־

ריז געשיקט. דער בריוו איז געווען געשריבן אין שפאניש בזה הלשון:

París, Agosto 26 de 1909.
2. Rue Pasquier 2

Señor Marcos Alpersohn
Mauricio.

Muy Señor mío:

He recibido su muy grata del 20 de Julio, y leído con atención y simpatía el proyecto de reorganización de la Col. Mauricio que dirigió a nuestra Sociedad.

Sin estar, en todos los puntos que en él expone, de acuerdo con todas sus ideas, reconozco que contienen partes que me parecen exactas.

Pero bien sabe Vd. que para que un tal proyecto pueda ser estudiado utilmente, es preciso que nos llegue por intermedio de nuestros representantes de Bs. Aires, con su opinión al respecto.

Le saluda muy atte. S. S. S.
D. Cazés.

וואס אין אידיש איבערזעצט, באטייט דאס:

פאריז, 26 אויגוסט 1909 — גאס פאסקוויע 2.

הער מארקוס אלפערסאן!

זייער געערטער הער:

איך האב באקומען אייער זייער אנגענעמען שרייבן פון 20 יולי און מיט אויפמערקזאמקייט און סימפאטיע געלייענט דעם רעארגאניזאציע פראיעקט פון דער קאָלאָניע מאאוריציא, וואס איר האט געשיקט צו אונזער געזעלשאפט.

ניט זייענדיק אין אלע פונקטן וואס איר לעגט דארין פאר איינשטימיק מיט אלע אייערע אַנזיכטן, דאך אנערקען איך, אז זיי אנטהאלטן טיילן, וועלכע שיינען מיר צו זיין פונקטלעכע.

אבער איר ווייסט דאך גוט, אז כדי אזא פראיעקט זאל קענען מיט נוצן שטודירט ווערן, איז נויטיק אז ער זאל אונז אנקומען דורך דער פארמיטלונג פון אונזערע פארטרעטער אין בוענאָס איירעס, צוזאמען מיט זייער מיינונג בנוגע דעם.

עס גריסט אייך פריינטלעך

אייער זיכערער דינער, ד. קאזעס.

איך האב פון דעם ענטפער פארשטאנען, אז ס'איז עפעס ניט גלאט צוגעגאנגען באם איבערשיקן מיין באריכט, אדער דער אדמיניסטראטאר האט אים פריוואט, ניט דורך דער דירעקציע, קיין פאריז אפגעשיקט, אדער די דירעקטארן אין בוענאס איירעסער ביורא, האבן בכיון ניט גע־וואָלט זייער מיינונג אַף אים געבן, בכדי עס זאָל הייסן, אז דאָס אי זאַ פריוואטע זאך, ניט אָפיציעל. און דערפאר שרייבט קאזעס, אז כדי ער זאָל קענען „מיט נוצן שטודירט ווערן", מוז עס האבן די מיינונג פון די „בוענאָס איירעסער פארטרעטער".

איך האב דאָס מיינע אינטימע חברים דערציילט. מיר האבן צוזאמען פארביסן די ליפן און געשוויגן.

דאָס האט זיך אזוי אוועקגעצויגן ביז צום ארעסט פון כאזאנאַ־וויטשען. נאך יענעם פרייטיק פון זיין ארעסט, האבן מיר שבת באנאכט אָפגעהאַלטען אַן אסיפה באַ לייזער גירסטעל אין הויז און עס איז באַ־שלאָסן געווארן צו שיקן פינף דעלעגאטן קיין בוענאָס איירעס און בעַ־טן די דירעקטאָרן, זיי זאלן געבן זייער הסכמה צו דער רעארגאניזאציע פון דער קאָלאָניע, לויט דעם באריכט, וואס מיר האבן קיין פאריז געַ־שיקט און אויף וועלכן פאריז פאדערט זייער מיינונג. (אין דעם פּלאן איז געווען א פונקט אפצושאפן איינגאנצן די אדמיניסטראציע).

כדי די דירעקטאָרן זאָלן ניט האָבן זייער שטענדיקע טענה, אז נאָר די אויפגעקלערטע, די גמרא קעפּלעך, זיינען די בונטאוושטשיקעס, אז נאָר זיי פאדערן רעפארמען, אבער די גאנצע קאָלאָניע די פשוט'ע קאָלאָניס־טן, פארלאנגען גארניט, האבן מיר צווישן די פינף דעלעגאטן אויסגע־קליבן צוויי שטילע, רואיקע קאָלאָניסטן, גוטע ארבעטער און אויך אַן א שום חטא, ד. ה. צאלערס, אזעלכע וואס צאלן יאר בא יאר, פארדינ־גען ניט קיין קאמף, מישן זיך ניט אין פּאָליטיק און אָלע אדמיניסטראטאָ־טארן זיינען מיט זיי צופרידן. די צוויי זיינען געווען: לייב סעגאל און מאיר קווייטל, קאָלאָניסטן, וואס טראגן אף זיך שוין צוואנציק יאר דעם אדמיניסטראציע יאך בתמימות, ווער שמועסט דער לעצטער, אַן אויסגע־דינטער סאלדאט פאר אלעקסאנדער דעם דריטן און ווייסט „סלוזשבע" און האט דרך ארץ פאר נאטשאלסטוועס.

מיט אָט די צוויי תמימים זיינען מיטגעפארן לייזער ניסענזאָן, לייזער גירסטעל און דער שרייבער פון די שורות אלס פינפטער. דעם גאנ־צן וועג האבן מיר צווישן זיך גערעט, אז איצט נאך דעם ענטפער פון דיי־

רעקטאָר קאזעס, וועלן זיי, די דירעקטאָרן, אונדז וואָרעם אויפנעמען און וועלן צושטימען צו אונזער פּראָיעקט פון רעאָרגאניזאציע, און מיר וועלן נאָך אפּראטעווען אונזער ליבע, שיינע מאָאוריציאַ...

צען א זייגער פרי, זיינען מיר געשטאנען אלע פינף בא די טרעפּ פון קאזשאא 216. איידער מיר האבן די טרעפּ באטראטן, פאלט קווייטלען איין א געדאנק:

— לאָמיר ניט אלע ארויפגיין צוזאמען — זאגט ער — איך בין נאָך אף מיין לעבן ניט געווען אין ביוראָ, צוואנציק יאָר בין איך זיי א געטרייער סאלדאט, לאָזט מיך מיטן אלטן סענאל ארייננגיין צו זיי, איך וועל זיי פשוט אלעס אויסדערציילן און זיי טאקע בעטן אז זיי זאלן רחמנות האבן אף דער קאָלאָניע, אז זי זאל ניט דארפן חלילה איבערגיין אין גויאישע הענט... — פארענדיקט ער פרייליך — מיר מיטן אלטן וועלן זיי ניט אָפּזאָגן, מאָרגן בא דער צווייטער אוידיענץ וועלן מיר שוין אלע פינף זיין...

דער געדאַנק איז אונדז געפעלן געווארן. גירסטעל און ניסענזאָן זיינען אויך געגאנגען אף דער אכסניה און איך האָב זיי איבערגעגעבן צום שווייצאר, פריץ, ער זאל זיי מעלדן צו די הערשאפטן, און אליין בין איך ארייננגעגאנגען רעכטס, אין צימער פון דר. חלפן, אף זיי אָפּצוווארטן.

איך וויים ניט ווי לאנג איך האב דאן מיט'ן ראבינער חלפן גערעט, ער האָט מיך דאמאָלסט שטארק פאראינטערעסירט וויייזנדיק מיר אנגעזאמעלטע פאר דריי יאָר אויסשניטן פון די היזיקע שפּאנישע צייטונגען, וואס זיינען אמאָל א ביסל אנטיסעמיטיש געשטימט און גיבן אָפּטכאָל א ביל אויף אונז אידן.

— זעט איר, סעניאר אלפערסאָן — האט ער מיר געזאגט — איך פאר די וואך אָפּ קיין אייראפּע, איך וועל זיי, די גדולים פון דער חברת כל ישראל חברים, וויזן וואו דאָס ארגענטינער אידנטום שטייט איין, איך וועל זיי אויפפאדערן מען זאל זען זארגן פאר דער יוגנט פון ארגענטינע; מילא די קאָלאָניסטישע קינדער זיינען שוין ווי באשטימט צו אומוויסנהיים, ווייל די שפּאנישע לערער מיט די אדמיניסטראטאָרן זיינען אין די שולן די גאנצע בעלי בתים, איך בין מאכטלאָז קעגן זיי... נאָר ס'איז נאָך פארט אן בייז; די קינדער וואקסן אויס גראָב, אבער כאָטש אידן; ניט אזוי איז עס אבער מיט די קינדער פון די קליינע שטעטלאך און באַן סטאנציעס — זאגט מיר דער ערלעכער ראבינער און די טרערן שטעלן זיך

אים אין די אויגן — דארט גייט דאס אידישע קינד צוזאמען מיט'ן קריסט־לעכן אין שולע, און זונטיק באזוכן זיי צוזאמען די קירכע... מען מוז זעען גרינדן אין די אלע פארוואָרפענע שטעטלאך אידישע שולן, תלמוד תור־רה'ס איך וועל אויפשטורמען דאָרט אלע אונדזערע מנהיגים. אז ניט — זאגט ער — קום איך מער קיין ארגענטינע ניט צוריק.

א דאנק דעם ערעלן, טרייען אידן, דר. חלפן, וואס האט זיך דאן ממש מוסר נפש געווען פאר חנוך הבנים, ער איז דאן קראנק געווארן אפ'ן וועג, — האָבן מיר דאַ באקומען אַ ערך פון 150 תלמוד תורות מיט אַ אינסטיטוציע „ועד החנוך", וואו די קינדער באקומען אַ אידישע דער־ציונג.

מיר האבן דאן אזוי גערעט און גערעט, ווען פלוצים עפענט זיך די טיר און דער שווייצאר, אַ צעשראָקענער רופט אויס:

קומען זיי שנעל, אן אומגליק! אייערער איז פונ'ם זינען אראפ... דער רויטער, דער יונגער — שטאמלט דער משרת — ער וויל אַ סקאנדאל מאכן...

מיר זיינען אין ווארט־צימער ארויס און מיר האָבן דערזעען ווי דער אלטער סענגאל האלט ארומגענומען קווייטלען, וועלכער ברומט און קריצט מיט די ציין און רייסט זיך מיט געוואלד פון זיינע הענט — לאָזט מיך! ברומט ער מיט כעס, איך וועל אלע שויבן אויסברעכן! אזעלכע באנדיטן! צוואנציק יאר האב איך זיי די שוועל ניט איבערגעטרעטן, געארבעט ווי אן אָקס, אויסגעפאָלגט אלע דיסציפּלינעס און איצט לאָזן זיי מיך אפילו ניט אריין צו זיך, מיך כאָטש אויסהערן... אין „סלווישבע" אז איך בין מיט אַ „זשאלאָבע" אפ'ן ראָטנע קאָמאנדיר געקומען, האָט מען מיך אויסגע־הערט... שקלאָפן הענדלער! — שרייט ער — איך וועל זיי די מטאָקעס מיט די ציינער אויסרייסן.

ווען ער האָט מיך מיטן ראבינער דערזעען, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ שלוכצען ווי אַ קינד. ווי אן אָפּגענאַרט קינד.

אַ פּאָר באַאמטע פון די זייטן טירן זענען ארויסגעקומען, צווישן זיי אויך אונדזער גוטער עקס אדמיניסטראטאר סעניאָר ב. און אלע האָבן געפונען אז די דירעקציע האָט אַ אומרעכט באגאנגען קעגן דעם נאאיוון מענטשן, וועלכער רעפּרעזענטירט דאָס ערשטע מאָל אָף זיין לעבן די קאָ־לאָניע מאאוריציאָ. וואס הייסט ניט אריין לאָזן גאָר!?

— פריץ! — גיט אַ פרעג דער סעניאר ב., — איז שוין הייטע די קאָרעספּאָנדענץ אויס מאאוריציאָ אָנגעקומען?

— ניין, מיין הער, — האָט דער משרת געענטפערט — בלויז אַ טע־לעגראַמע, וועלכע איך האָב די הערשאַפטן אָפּגעגעבן.

אַ שמייכל האָט באַגאָסן זיין צאַנגלע פּנים און די אונטערשטע ליפּ זיינע, האָט זיינע גאָלדענע ציין אַרויסגעוויזן.

איך מיט'ן ראַבינער, האָבן מיר זיך איבערגעקוקט און שוין גע־וואוסט, אַז די טעלעגראַמע האָט די טיר פאַר זיי געשלאָסן.

עס האָט גענומען פיל צייט ביז מיר האָבן דעם צעבייזערטן קווייטל עטוואַס באַרויקט און מיר זענען אין אונזער האָטעל אָוועקגעגאַנגען. ביז פינף פאַרנאַכט האָט ער נאָך אַלץ געשאָלטן, געוויינט און געוואָרפן וואָס ער האָט נאָר באַקומען אין האַנט.

וואָס מיינע קאָלעגן האָבן דאַן געפילט, ווען זיי האָבן געזען ווייר־נענדיק דעם באַליידיקטן תמים, דעם פאַרוואונדעטן מאַמין אין „דער יק"אָ, דאָס ווייס איך ניט; איך פון מיין זייט, הגם טרערן רירן מיך זייער, זאָג עס נאָר אָן בושה, אַז אין האַרצן האָב איך מיך געפרייט, מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז קווייטלס טרערן וועלן גרייט מאַכן דעם באָדן פאַר פרייהייט, אַז פון זיי וועט אַרויסוואַקסן די שיינע בלום, אָט אַ די ווייסע געטלעכע פרייהייטס קווייט, וואָס יעדער אונטערדריקטער גאַרט אַזוי נאָך איר.

ווען מ'האָט אַ לאָמפּ אָנגעצונדן, האָט ער זיך שוין געהאַט אינגאַנצן באַרויקט און געלאַסען, מיט דעם אויפריכטיקן פויערשן ערנסט, האָט ער אָנגעהויבן ריידן:

— איר הערט, ברידער, זיי זיינען גראַביטעלעס, זיי וועלן בײַ אונדז צונעמען די ערד, זיי וועלן אונדז פאַר אַנאַרכיסטן דערקלערן, אַזוי ווי כאַזאַנאַוויטש'ן, זיי וועלן אונדז פאַרקויפן... איך וויל אַרויס פון זיי... טויט אָדער רויט!...

— איר זענט דאָך אַ גמרא איד — ווענדעט ער זיך צום אַלטן ני־סענזאָן — איך בין אַ פּראָסטער; נאָר חומש האָב איך געלערנט. פּרעה האָט אויסגעהאַרעוועט משה'ן, אים געלאָזט שטודירן און נאָכדעם האָט משה זיינע שקלאַפן פון אים באַפרייט. די יק"אָ האָט אייער זון אויסגעביל־דעט ער זאָל אונדז, אירע מאָדערנע שקלאַפן, באַפרייען. פירט מיך צו אייער איסאַאַק'ן, איך וועל אים אַ דאָווערענאָסט (פולמאַכט) געבן און איינגעבן אין סוד (געריכט) אויף זיי, איך וויל אַרויסנעמען די „טיטולאָס" אויף מיין לאַנד... יאָ, גיט ער אַ דריי מיט זיין רויטן קאָפּ — איסאַאַק איז אונדזער קינד, ער וועט אונדז באַפרייען...

עס איז שטיל געווארן אין צימער. קיינער האָט זיך ניט אַ ריר גע־
געבן און אים ניט געענטפערט, ניט יאָ און ניט ניין. פלוצים גיט זיך אַ
הויב אויף דער ווײַס בערדיקער סעגאַל און שטרעקט קווייטלען אויס די
האַנט.

— איך גיי מיט דיר, ברודער, איך גיב אויך אַ „פּאַדער“ (פולמאכט),
דעם יונגן אדוואָקאַט ניסענזאָן, זאָל ער אונדז באַפרייען פון דער ממשלת
הזדון.

— פותחין בשלום — זאָגט דער אַלטער ניסענזאָן, נאָמיר נאָך אַ
מאָל פּרובען מיט גוטען.

די צוויי האָבן אָבער ניט געוואָלט הערן און ניין אזייגער אַוונט
זיינען שוין די פולמאכטן פון קווייטל מיט סעגאַל'ן אונטערגעשריבן גע־
ווארן באַם נאָטאַריוס, אין דער שטודיע פון אַדוואָקאַט כעסום ה. פּאָם,
און דורך אים צוזאַמען מיטן יונגן ניסענזאָן געשטעמפּעלט געוואָרן.

VII.

פּאָליטיק צי כּאַבּאַר?

פּייער. — דער שעף פון דער „רושואיש" אף דער באשולדינונגס באנק. — א פּריקאַז צום אדמיניסטראטאר. — דעם אדמיניסטראטארס המצאה. — עספּעראַנסער פעלדער. — וואס מען דערציילט. —

בא דער באַן אין קאסארעס האָבן אונדזערע קאָלאָניסטן שוין גע־וואַרט אף אונדז. געקומען זיינען אויך אייניקע פונם אדונ'ס שפּיאָ־נען. די קאָלאָניע אין גאנצן האָט אויפגעשטראַלט פון שמחה. נאָר די מחותנים, די פּאַציפיסטן, האָבן געבעטן, אז איידער דער פּראָצעס גייט איבער אין געריכט, זאָל מען נאָך איין מאָל שרייבן צו דער דירעקציע און בעטן, אפשר וועלן זיי גאָר מיט גוטן ארויסגעבן אונדזערע קויפשיינען אפ'ן לאַנד:

— לאָמיר ניט שפּיען אין דעם ברונען, פון וועלכן מיר האָבן גע־טרונקען, הגם זייער בימערע וואסער — האָבן זיי געדרונגען.

די קאָלאָניע האָט געפאָלגט און געשיקט צו דער דירעקציע א מין אולטימאַטום: גיט אונדז מיט גוטן די פּרייהייט מיר זאָלן אייך מעגן באַ־צאָלן אייער רעשט געלט און דאָס לאַנד זאָל אונדזערס ווערן. לאָמיר ניט דאַרפן גיין מיט אייך אין געריכט.

מען האָט זיי אפילו אף דעם שרייבן ניט געענטפערט.

א פּייער האָט זיך אָנגעצונדן אין די הערצער פון די קאָלאָניסטן, און די פּרייהייטס אידייע האָט ארומגענומען יעדער נשמה.

א קליין אומבאדייטנדיק פּייערל האָבן די צוויי קאָלאָניסטן סעגאַל און סוויטל אָנגעצונדן, א סנה־פּייערל, וואס ברענט און ברענט און ווערט קיינמאָל ניט איבערגעברענט.

וואַרף אראָפּ דיינע שיך ווען דו קומסט צו דעם פּלאַץ, עס איז א הייליק ארט, וואו דאָס פּרייהייטס פּייערל באווייזט זיך, דאָרט רוט דער

נאָט פון דיינע אבות, אהין שטרעבן און בענקען אלע ערעלע נשמות. די פרייהייט, דאָס איז די גאָטהייט, דאָס איז דאָס אייביקע פייער וואָס האָט אַף אונדזער מזבח געברענט, דאָס איז דאָס הימלישע פייער מיט וועלכן אונדזער פאָלק איז געהייליקט... דורך אלע ימים מענשליכע ליידן, זיינט די מענטשהייט עקזיסטירט, הערן מיר נים אויף צו טראָגן איר פאָן, און מיט אלע אונטערדריקטע פילן מיר מיט און העלפן זיי אין זייער פריי־הייטס קאַמף, עס איז פאַלש וואָס אונדזערע שונאים ווילן אונדז אלס פרייהייטסלאָזע באַטיטלען. אמת, דער גלות האָט אונדז איינגעבויגן, דער־נידעריקט, אָבער נים צעבראָכן; אונטער דעם גרויסן בארג גלות־אַש טליעט דאָס געטלעכע פרייהייטס פייער און באַם קלענסטן ווינטעלע פלאַקערט דאָס אויף.

די צוויי פשוט'ע אידן מיט די געדיכטע בערד, האָבן בתמימות, אָן שום חכמות א זאָג געטאָן:

— מיר ווילן זיין פריי, צוואַנציק יאר איז גענוג גלות געליטן, אין די „טריבונאַלעס“ וועלן מיר זוכן אונדזער רעכט!

און די ווערטער זיינען טיף אריינגעדרונגען אין יעדער האַרץ; ווי דורך אן עלעקטרישן שטראָם האָט זיך די אידייע צעטראָגן. אפילו עכט קאָנסערוואַטיווע נאַטורן, וואָס טענה'ן שטענדיק: לאָז זיין ווי ס'איז, מ'דאַרף נים איינרייסן א וועלט“, האָבן זיך באַגייסטערט, אויך אַף זיי־ערע פנים'ער האָט מען די רעוואָלוציאָנערע שכינה געזעען שיינען.

א רחמנות איז נאָר געווען אפ'ן נייעם אדון. דער אָרעמער אדמיניס־טראַטאָר האָט זיך געפונען שטאַרק געקרענקט; די שטענדיקע „רעווענ־קע“ אין האַנט האָט זיך געבעך נאָכלעסיק געטעלעפעט און געפּאַטשט מיטן ברייטן רימען די רויטע שטיוול פון זיינע אייגענע פיס. א צער האָט זיך אַף זיין פנים צעגאָסן און מיט שרעק האָט ער יעדן קאָלאָניסט אין די אויגן געקוקט ווי פרעגנדיק: אונדזערער, אָדער שוין אויך צו די רעוואָלו־ציאָנערן איבערגעגאַנגען?

די ביורא אין קאַזשאַא*) זי האָט זיך נאָך פון דער מרידה נים וויסנ־דיק געמאַכט. זי האָט דעם אדמיניסטראַטאָר וואָס האָט איר אַלעס רעפּאָרטירט—אַזוי ווי דער דין פון די אדמיניסטראַטאָרן—געענטפערט, אַז ס'איז נאָר א פּוסטער סטראַשונעק, ער זאָל נים גלויבן.... וואָס הייסט — האָבן זיי זיך געטראַכט — אונדזערע קאָלאָניסטן, אָט די שפּל'דיקע

*) די גאַס אין בוענאָס איירעס וואו די יק"א דירעקציע האָט זיך דעמאָלט געפונען.

עבדים, וועלן איינגעבן אין געריכט אף דער גרויסער „דזשוֹאיש קאָלאָני־דיישאָן", ווי אזוי איז דאָס מעגלעך?

אונדזער אדוואָקאט האָט אָבער ניט געשפּאַסט, נאָר באַלד ארויס־געוואָדערט צום געריכט דעם שעף פון דער פירמע „דזשוֹאיש", ער זאָל געב זיין ערקלערונג וועגן אונטערשריפט אף די פּונקטן פון דעם „פּראָמע־סא דע וועגטא"־קאָנטראַקט, און האָט דעם דירעקטאָר אַנידערגעזעצט צוזאַמען מיט די „נישטיגע שפּל'דיגע ברואים", די קאָלאָניסטן, אף איין באַנק..

א פּריקאָז איז דאָן צו אונדזער אדמיניסטראטאר ארויסגעגעבן גע־ווארן ער זאָל די בונטאָוושטשיקעס אָפּזונדערן פון די קאָלאָניסטן, די גאַנ־צע קאָלאָניע זאָל חלילה ניט אָנגעשטעקט ווערן מיט דער רעוואָלוציע... אַלצדינג זאָל ער די שטילע, די מאמינים, געבן, א חוץ די פרייהייט, און די עזות'ניקעס וועט שוין די בורא אליין גוט אין זינען האָבן...

א סגעכט אז ער ווערט קעניג, וואס איז נאָך ערגערס פאראן? אונד־זער „עבד־מלך", ווען ער האָט דעם פּריקאָז פון די אדונים באקומען, וואס האָט ער געטאָן? ער האָט אויפגעזוכט די שוואכע כאראקטערן, די וואס האָבן נאָך באהאלטן אין זיך די ירושה פון זייערע עלטערן, די „פריץ־אידעלאך — זיך לאָזן שמייסן פונם פּאָליאַק, זיך לאָזן בייסן פון זיינע הינט, און נאָכדעם די קרעטשמע אלס שאַנד ערזאַץ באקומען — אָט די נשמה'לאָזע, האָט ער צו זיך געצווינגן און זיי א שכר א גרויסן אפּ'ן ארט געענגבן, אבי זיי זאָלן שרייען „מיר ווילן ניט קיין טיטולאָס! מיר דארפן ניט קיין פרייהייט!..." און ווייסט איר אין וואס דער שכר פאר דער בגידה, פאר דער שקלאפעריי איז באשטאנען? אין לאַנד, „טשאַק־רעס"*) פאר די קינדער האָט ער זיי באַלד געגעבן, און זיי נאָך מבטיח געווען אפּ'ן אדמיניסטראציעס הן, אז ווען די בורא וועט די רעוואָלוציאָ־נערן באַזינגן — און דער זינג איז דאָך זיכער, מעג ער אפילו קאָסטן מי־ליאָנען — דאַן וועט מען די פעלדער פון די חוצפה'ניקעס, צו זיי, די גע־טרייע יק"א־חסידים אויך אָוועקגעבן.

דערוויל, צו באַפרידיקן זיי, צו באַצאָלן טאַטע א חלק פונם לוין אפּ'ן ארט, האָט ער אַן המצאה אויסגעזוכט, אָפּגעשניטן שטיקער פעלד באַ די איינגעאָרדנטע קינדער אין לאַ עספּעראַנסאַ, מיטן אויסרייד אז די

---

*) נחלות.

פריערדיקע אדמיניסטראציע האָט זיי צו פיל לאַנד נעגעבן. און אַט אַ די אָפּגעשניטענע לענדערייען צו זיי, אלס שכר פאַרן מה יפית זינגען, אָפּ־געגעבן.

עס איז ווידער ארויסגעשוואומען די לאַ עספעראַנסאַ פראגע. וואו אַ פרעניות, וואו אַ צרה, הויבט זי זיך אָן פון יענער ערד. אפנים ניט אין קיין מזל׳דיקער שעה האָט די „דזשואיש״ יענע ערד געקויפט. דער ער־שטער אדמיניסטראטאָר, סעניאר ב., האָט דאָרט דאָס אומרעכט פאַר־זייט, מיט איר פארטיילונג און עס וואקסן שוין די עולות, איין עולה גרע־סער פון דער אנדערער. שפעטער, אין 1916, איז דאָרט נאָר אַ צרה; די יק״א וויל זיי אראָפּוואַרפן פונם לאַנד, און זיי לאָזן זיך ניט. אדוואָקאטן פון ביידע זייטן לעקן דערווייל אַ ביינדל.

איך וועל שפעטער נאָך ריידן פון זיי.

כדי צו אילוסטרירן די המצאה פונם אדמיניסטראטאר מיט דעם קאַמף שניידן אין לאַ עספעראַנסאַ, מוז איך דאָ אָנמערקן: דאָס לאַנד דאָרט איז אָף דער העלפט אַ זומפיקער, אומנוצבאַרער באָדן. דער אינזשע־ניער האָפּמאַן, וואס האָט צעמאָסטן און צעטיילט אָף חלקים („טשאַק־רעס״) יענע ערד, האָט אַ סאך הונדערטער העקטאַרן פאר נול גערעכנט. ער האָט, למשל, 70 העקטאר גוטע לאַנד און 150 זומפיקע, ד. ה. פשוטע וואסער, פאר איין חלק גערעכנט, און אזוי איז עס פארטיילט געוואָרן צו די קאָלאָניסטן.

דער אדמיניסטראטאר, זוכנדיק אַ שכר פאר זיינע נאָכטענצער, און אויסנוצנדיק דעם שעת הכושר וואס יענץ יאר איז אַ טריקעניש גע־ווען און די וואסער פון די זומפן איז פארשוואונדן געוואָרן, האָט ער אַ ראַפּאָרט אין ביורא אריינגעשיקט, אז די טשאַקרעס אין לאַ עספע־ראַנסאַ זיינען ניט ריכטיק צעטיילט געוואָרן און מ׳דאַרף דעריבער אָפּ־שניידן לאַנד באַ די איינגעאָרדנטע און דארויף באַזעצן נייע קאָלאָניסטן.

די ארנטלעכע דירעקטאָרן וואס האָבן דאָס לאַנד קיינמאָל ניט גע־זען און ווייסן באמת ניט פון קיין שווינדל, האָבן מסכים געווען צו דער דעה פון זייער דינער. און דאָס פארברעכן איז געשען. אָפּ׳ן ארט וואו איין קאָלאָניסט האָט זיך געקענט דורכלעבן האָט מען באַזעצט צוויי און זיי אומגליקלעך געמאַכט.

די פארקויפטע נשמות וואס האָבן דאָן די לענדער גענומען, אומ־ווילנדיקע ברואים, האָבן געדיינקט אז זיי כאַפּן אַ מציאה. זיי האָבן

יט געוואוסט, אז א כם, א גיפט נעמען זיי איין אין זיך. און ווי קריענקט זיי עס שרעקלעך איצט אף יענער זינד!

א טייל פון די געשניטענע זיינען טאקע באלד אומגעזאמט געגאנגען פוי דער וועלט, זיינען אוים קאלאניסטן געוואָרן און א טייל מאַטערן זיך נאָך, לאָדן זיך מיט דער פילאנטראָפיע, ווייל צאָלן קענען זיי פאר קיין פאל ניט.

אָבער דאמאָלסט האָט די אדמיניסטראציע גערעגקט צוויי האָזן אף איין מאָל צו כאפן; ערשטנס, אָנשרעקן די מורדים; אָט נעמט מען צו בא זייערע קינדער דאָס לאנד, וועלן זיי זיך צוריקציען פון דעם קאמף פאר קויפשיינען; צווייטנס, וועלן די גלויביקע, ווען זיי וועלן זען דעם לוין, ערד, וואס דאָס איז דאָך דער עיקר, זיך האלטן פעסט בא זייער אמונה, און וועלן בסדר פארראטן זייערע אייגענע ברידער. דאָס דריטע האָבן מיר זיך ערשט איצט דערוואוסט: — די קראנקע נשמות, די ברידער פארקויפער, דערציילן עס. — גיי גלויב זיי! — שוחד, זאָגן זיי, האָבן זיי גענעבן, פשוט כאבאר! מ. טאבאקמאן, משה ליידערמאן, חנה גרינמאן און פישל מוינער האָבן צו גאנצע טויזענטער באצאָלט. זיי שווערן בא אלע הייליקע אז דער סיסטעם נייט אן אין אלע קאָלאָניעס פון דער יק״א, די באאמטע נעמען אין יד אריין און מ׳שנייט פעלדער, מען מאכט טראנספערענצן, מ׳דעסאלאָכירט, ד. ה. מען ווארפט אראָפ אלטע קאָלאָניסטן און מען פארשרייבט אף זייער פלאץ נייע; טעלערלעקער, קהל׳ס לייט, אויך שטאָטישע מענטשן, רייכע דאָקטוירים און בלאטע קרעמער, אבי די מטבע. א רוסישע כאבארסטווא און פטור. מיט דעם כשר׳ן מיטל פארמאָגן היינט אייניקע פון „אידישן אדל“ צו צוויי דריי טשאקרעס אף פארשידענע נעמען...

איך לאָז די באהויפטונג אף זייער פאראנטווארטלעכקייט.

איך געדענק אז שפעטער, ווען דירעקטאָר קאזעס איז דאָ צום לעצטן מאָל געווען, האָט אים אדאָלפא רייצין וועגן דעם כאבאר סיסטעם דערציילט. ער האָט אף אים זיינע גרויסע אויגן ארויסגעשטארצט.

— זיי פארלאנגען באווייזן, סעג אָר? — פרעגט אים רייצין.

קאָזעס צעקרומט זיין פנים פון צער און ענטפערט אין שפאניש:

Oh, no! En tales asuntos no hay recibos...

— אָה, ניין! אין אזעלכע ענינים גיט מען ניט קיין קבלות...

נאָר, ווי דאָס איז געווען, כאבאר צי פשוט פאָליטיק, די אדמיניס־

טראציע האָט געארבעט מעשים; אַ מורא האָט זי געוואלט ארויפוואַרפן אַף די פרייהייטס קעמפער. אָבער אַ וואונדער איז געשען; אנשטאָט מיט דעם קאמפ׳ שניידן אפצושוואכן די קעמפער, האָט זי זיי נאָך מער געשטאַרקט.

—אזוי? — האָבן די רעבעלן געדרונגען — מען באראבעוועט אונדזערע קינדער, מ׳נעמט צו בא זיי דאָס לאַנד און מאָרגען אַז זיי וועט זיך פארוועלן, אנולירן זיי אונדזערע „פראָמעסאס דע ווענטאַ“ און שמייסן אונדז, אלטע, צוואַנציק־יעריקע קאָלאָניסטן, ארויס פון אונדזערע נחלאות... וואו איז יושר? מען זעט דאָך שוין וויפיל זיי פארמאָגן פון דעם מין...“

דער קאמף איז נאָך גרעסער געווארן. נייע פולמאַכטן זיינען דעם דר. כעסוס ה. פאס איבערגעגעבן געווארן. אַ גיהנום האָט געקאָכט אין קאָלאָניע, א רוגזה, אַ כעס אַף דער ממשלת הזדון, דאָס שלאָג ווארט אין יעדנס מויל איז געווארן „טיטולאָס“!

מ׳האָט אָבער דעם סכסוך איבערגעלאָזט אַף אַ ווײַלע איבער׳ן אָנקומען פון דער קאָסעטשע.

VIII.

דאָס זאַטע יאָר

קאַבעטשע־גערעכץ. — דער שדכן. — מען האָדעלט אײַן „בלעכער“. —

עס האָט זיך אָנגערוקט די קאָבעטשע.

א פרײליכע, זאַטע און א געדאָטענע האָט זי זיך געװיזן, די אַלטע, שײנע מאַאוריציאַ, מיט אירע צװײ ליבע יונגע טעכטער סאַנטא טאָמאַס אין איר רעכטער זײַט און לאַ עספעראַנצאַ לינקס. מיט זײערע גראַציעזע שװאַנגערע פעלדער האָבן זײ דעם אומעט פון דער קאָלאָניע פאַרטריבן. א קוק טוענדיק אַף זײערע שױן פאַרמירטע פולע ברוסטן מיט גאָטס ברכה, מיט קאָרן, װײץ און ליאָן, װאָס האָבן זיך אײנס ליכטיקן מאָרגן אַף די טױ פעלדער געװיגט, איז דאָס האַרץ, דאָס פאַרביטערטע האַרץ אַף דער נאַרישער אבזריות׳דיקער ביוראָקראַטיע, װײכער געװאָרן, מ׳האָט דעם טיטולאָס־ספסוך אַרויסגעיאָגט פון געדאַנק און זיך פרײלעך געגרײט צו עמפּאַנגען דעם מזל׳דיקן שניט, דאָס געבױרענע קינד פון דער מוטער ערד.

אפ׳ן גאַנצען שטח פון די 17 לעגואַס*) קאַמפּ, װאָס די דרײ קאָלאָניעס פאַרנעמען, האָט זיך א רירעװדיקע טעטיקײט אָנגעהױבן. די שנײד מאַשינען זײַנען אױסגעפּוצט געװאָרן, אַלע אַרבעטס מכשירים אין אָרדנונג געבראַכט, די אַלטע דערפאַרענע מוטער האָט אירע יונגע טעכטער נענעבן לעקציעס אין הלכות געבורט.

די קאָסעטשע געבורט איז שױן איצט פיל גרינגער און אױך מער מאָדערנע צוגעגאַנגען. ניט מיט אַזױפיל מי און מאַטערנעש װי אין די ערשטע יאָרן.

דאָס שניט־ליד, דער „ברינה יקצרו“, האָט זיך מיט שמחה געטראָגן אין דער לופט.

---

*) א לעגואַ איז קנאַפּע פינף קילאָמעטער.

די „בערעאַליסטן“, די תבואה סוחרים, הייסט דאָס, האָבן דעם זאַט געראַטענעם שניט דערשמעקט און ווי שדים האָבן זיי גענומען אומלויפן מיט זייערע אויטאָמאָבילן צווישן די פעלדער, וואַרפענדיק חניפה־קאָמפּלימענטן און זוכנדיק ווי אַרום צו באַשווינדלען, אַריינצונאַרן דעם מוזשיק.

קרעמער פון שטאָט און סתם לייִדיקגייער מיט אונטערגעפּוילטע לונגען פון דער שטאָטישער ענגשאַפט, שמוץ און זנות, וועלכע פון זיי עס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ באַקאַנטן, אַ ווייטן קרוב אין קאָלאָניע, האָט זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, איז געקומען טרינקען פרישע מילך, אייער, עסן היימיש געבאַקן ברויט, שפּאַצירן אין אונדזערע סעדלעך און נאַכדעם, דאָרט אין שטאָט, אַ צייט לאַנג צווישן חברים, אַזעלכע פּוסטע פּאַסניקעס ווי ער, געקענט חוזק מאַכן, אָפּשפּאָטן פון די פאַרברוינטע פּנים'ער פון אונדזערע פּרויען, און פון דער תמימות'דיקער האַלטונג פון אונדזערע טעכטער.

אויך די שטודירנדע יוגנט איז אין דער וואַקאַציע צייט — קאַסעטישע — אַנגעפלוינן אין דער קאָלאָניע אַריין. זי, די יוגנט, אויסגעמאַטערט פונ'ם צען־חדשים'דיקן שטאָטישן לעבן, אויסגעצערט, בלאַס, אייניקע מיט אָנגעגריפענע לונגען און איינגעפאַלענע ברוסטן, פלעגן זיך כנופיה'ס ווייז אַרומשלייען צווישן די פעלדער, צופוס אָדער רייטנדיק אויף פערד, קלעטערנדיק אויף די ביימער, וואַרפן אויגלעך אויף די שיינע פרישע בלום־שמעקנדיקע קאָלאָניסטישע מיידלעך און שאַצן דאָס פּאַרמעגן פון דעם טאַטן דעם מוזשיק, געשאַצט: וויפיל טויזנטער פּעזאָס נדן קען אַט דאָס שיינע שטילע נאַאיווע „טעלעטשקעלע“ מיטברייענגען מיט זיך?..

דער שדכן משה קושניר, אַ הויכער שיינער איד, מיט געדיכטע בערעמען און אַ צוויי־שפּיציקע שניי־באָרד, גיים נעט געקליידט, רעט שטיל און בנעימות, האָט אַ שטאַרקן חוש צו דערקענען וואָס פאַר אַ סחורה און פאַר וואָסער פּרייז דער מוזשיק וויל איינהאַנדלען און אויך וועלכער סטודענט איז גרייט צום מאַרק, פאַרטיק צום פאַרקויף.

אַ גאַנץ יאָר זעט מען אים ניט דעם ר' משה'ן; צען חדשים כסדר טראַכט ער אפנים, קוקט נאָך די עקזאַמענעס פון דער שטודירענדער אַרעמער יוגנט, מאַכט זיך גרייט זיין פאַרטפעל, סאָרטירט אויס זייערע מעשענע „טשאַפּאַס“ (שילדלעך), שוין אויפגעקלאַפּטע, אָדער צוקונפטיקע, וואַלוועלע און מיטעלע און נאָר טייערע... ערשטער סאָרט „טשאַפּאַ“ —

דאָקטאָר מעדיצין, צווייטע — אינזשעניער, דריטע — אדוואָקאט. און אזוי כסדר, פון אויבן אראָפּ, ביז לערער און אפטייקער...

אין דער צייט פון קאָסעטשע, און ווען נאָך די ברכה ווייזט זיך אפ'ן פּעלד, וואקסט אויס ר' משה מיט זיין מזל'דיקן פּאָרטפעל באַם קאָלאָניסט אין שטוב:

— אייער דבורה'לע, רבי שכנא, איז ווערט א דאָקטאָר צו האָבן פאר א מאַן. — טענה'ט ער אין דער שטיל צום אלטן בעזגראמאטנעם שכנא — און איר הערט, ניט טייער, א מציאה כ'לעבן, איר קענט אים איינבייטן, צען טויזנטער אין מזומן און א קאָנסולטאַריע (קאבינעט) איינסטרויען. כלים? בע, מע! אינסטרומענטן וועט מען אייך געבן אף א גאראנטיע...

דער אלטער, וואס ווייסט ניט קיין צורת אלף קראצט זיך אין פּאטיליציע און שטאמלט:

— אפשר וועט איר קענען עפּעס אָפּרינגען, ר' משה? צי טאקע אפשר אן אנדער „בלעכל", א ביליקערס? צען טויזענטער! ס'איז א גוואלד!..

ר' משה נימט א געשמאקן שמעק טאבאק, ניסט זיך אוים און ווייזט אָן דעם תמים אז דער שידוך איז פון גאָט:

— אָט האָב איך גענאָסן דארויף, דבורה'לע וועט איה"ש א דאָקטאָרשע זיין...

IX

אַ נצחון פון דער יק״א

„די עפּענטלעכע מיינונג“. — דער משפּט. — א רחמנות. — פּרעצעדענט אף פּרעצעדענט פון פּרעצעדענט. — די יק״א האָט געוואונען. — די אדמיניסטראציע טיילט אַנטיסעמיטישע ביכלעך. —

אט פון די אַלע קאָסטעשע־געסט, וואס פלעגן ווי בינען צום האָניק אָנ־לויפן אין קאָלאָניע אריין, האָט זיך דאַן, אין יענעם יאָר, פאַרמירט א בינטל: קרעמער, סוחרים פון אַלטע קליידער און נאָך אַזעלכע אביונים. זיי, צוזאַמען מיט די פערד הענדלער, די לעקער פון דער אדמיניס־טראציע און אירע שפּיאָנען, האָבן א טומל אויפגעהויבן, געשאָטן פעך און שוועבל אף די קאָלאָניסטן וועלכע פאַרלאַנגען די פריייהייט. זיי האָבן גע־וועקט מיט זייער גרילצן די כלומרשטע עפנטלעכע מיינונג, האָבן געשריבן אין דער „פאָלקס־שטימע“. דער דירעקטאָר אירער, אברהם ווערמאַנט, וואס פלעגט זיך דוקא אמאָל איינשטעלן פאר די קאָלאָניסטן, איז דאַן פלוצים אנשוויגן געוואָרן. דאָס צייטונגל „דער קאָלאָניסט“, וואס דער פאריין „פּאַנדאַ קאָמונאַל“ אין ענטרע ריאָס האָט דאַמאָלט געדרוקט און איז נעבעך באַאיינפלוסט געווען פון דער אדמיניסטראציע, האָט געווים גע־מוזט שווייגן.

ערשט ווען מאָוריציאָ האָט זיך געווענדט דירעקט צו די קאָלאָניסטן דאָרט און זיי איבערגעוויזן ווער ס'איז גערעכט, איז ארויס זייערער א קאָלאָניסט, פּסח נחלת, און האָט אויפגעשטורמט אַלע קאָלאָניעס פון ענטרע ריאָס, אז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין מאָוריציאָ אום צו צעברעכן דער יק״א'ס יאָך.

דאַן האָט אויך „דער קאָלאָניסט“ זיך אָנגערופן און אָפּגעדרוקט מיינעם אַן ארטיקל „קאזשאַאַ 216“, וואס האָט פון דער פרייהייטס אידייע גערעדט. מיט איין וואָרט, דאָס פרייהייטס פייער האָט זיך צע־שפּרייט אין אַלע קאָלאָניעס, מען האָט נאָר איבערגעוואָרט די קאָסטעשע,

און מיט געשפּאַנטער אומגעדולד האָט מען אויך געוואַרט אַף דעם משפּט פון „כוסגאַראַ“.

דער אדוואָקאַט דר. פּאַז האָט אַף זיכער געזאָגט אַז מאוריציאָ וועט געווינען דעם פּראָצעס און אַלע קאָלאָניסטן וועלן באַפרייט ווערן. די אַדמיניסטראַטאָרן האָבן געזאָגט דעם היפוך.

דער טערקישער בחור, דער איבערגעדערמאָנטער אַדמיניסטראַטאָר, האָט אין אַ דעבאַטע מיט מיר אין בוענאָס איירעס אין דער אָנוועזנהייט פון אַכט אַדמיניסטראַטאָרן וואָס זיינען דאַן צוזאַמענגעפאָרן אין ביורא, מיר געזאָגט:

— אַלנפאַלס, מיר וועלן די „אַסונטאָ“ ניט פאַרשפּילן... מיר האָבן — האָט ער זיך מיט דער האַנט געפּאַטשט אַף דער הויזן־קעשענע — מיר זיינען שטאַרק...

דער קלוגערער און עלטערער פון אים, סעניאָר באַרוך, דער דאַמאָלס־דיקער בראַזיליאַנער במקום־דירעקטאָר, האָט אים אַרויפגעלעגט די האַנט אַפ׳ן אַקסל:

— „נאָ טאַן קאַליענטע, אַמיגאָ“! — ניט אַזוי צעהיצט פריינט מיינער!

יאָ, היימ, היציק, פייערדיק זיינען זיי, די אַדונים, דאַן געווען. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ס׳איז אַ סוף צו זייער ממשלה געקומען, אַז די שקלאַפן וועלן זיך באַפרייען פון זייערע ברוטאַלע הענט.

ס׳איז פשוט אַ רחמנות אַף זיי אומגעקראָכן.

רחמנות! כּפּוי זאָל עס ווערן! ווען ס׳קומט מיר אויס אוועקצושטעלן אַפ׳ן פּאַפּיר דאָס וואָרט רחמנות, כאַפּט מיך אָן אַן עקל און ס׳ווילט זיך אויסשפּייען דערביי. ווער האָט דאָס מין אויסגעטראַכט אַף דער וועלט?! רחמנות!

ימים־וויַיז גיסט זיך עס אַף דער ערד. די גאַנצע מענטשהייט איז מיט דעם איבערגעפּולט. זיי טראָגן עס אונטער מיט שעפל און לעפל אין אַלע צדקה אַנשטאַלטן, אין אַלע באַרמהערציקע אינסטיטוציעס. וואו האָבן זיי עס גענומען? פון וואַנען וואַקסט אָט די פאַרקללה׳טע מידה אַרויס?.. רחמנות, די פּרוי פון אמת, ביידע אינאיינעם ניט קיין גרעסערע פּאָר; זי, די שוועסטער פון גנבה און גזלה, און ער, אַ אומגליקלעכער נאָך ניט געבוירענער, אויסגעטראַכטער וועזן...

זעט איר ר ח מ נ ו ת, און אויך באַלד אַן אמת'ער רחמנות, איז דאָן אַף די באַאמטע פון יק"א יאָ געווען. איך זאָג אייך, אז ס'איז טאַקע צום באַדויערן געווען.

שטעלט אייך פאָר, למשל, ווען באַהיט גאָט, עס ווערט אוים מיט דער גאַנצער עפּוש'דיקער קעניגרייך; ווען, אַ שטייגער, עס שטייען אויף ענערגישע מענטשן און זאָגן צו די קהל'שע אַפּיטרופּסים: „סטאָפּ"! איר האָט זיך אַרויפגעלעגט אַף אַ פרעמדן אוצר, איר שאַלטעט און וואַלטעט ווי אייער הארץ גלוסט, איר באַשטימט פאַר באַאמטע אַלע אייערע קינ־דער, איר גיט שטעלעס אַלע אייערע קליאַמקע קלאַפּערס, איר נעמט זיך אַ פעטן געהאַלט. איר פּענסיאָנירט אייערע זקנים, די וואָס האָבן אָפּ־געלעבט אַן איבערזעטיקטן לעבן אַף דער קהל'שער שיסל, איר האָט גע־טון וואָס איר האָט געוואָלט, איצט קומט צום חשבון: זאָגט, וואָס האָט איר עפּעס געטאָן פאַר די וואָס דער באַראָן האָט פאַר זיי זיינע מיליאָנען איבערגעלאָזט? וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט איר אין דעם דריטל מאה יאָרן געטאָן פאַר די שאָף וואָס איר ווילט זיך באַטיטלען אַלס זייערע פּאַסטוכער? וואָס טוט איר פאַר די טויזענטער אימיגראַנטן וואָס וואָל־גערן זיך בײַ די האַפנס פון די ימים בעטן לאַנד, ערד צו דער אַרבעט?.. ווען גאָט זאָל שומר ומציל זיין, עס וואָלטן געקומען מענטשן מיט הארץ, מיט נשמה און וואָלטן באַטראַכט די גאַנצע אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע־שפּיל, מיט דער כאַליאַסטרע דינער, וואָס לעבן אַ משוגענעם טאָג אַפּ'ן באַראָנס מיליאָנען; ווען זיי רעווידירן זייערע ביכער מיט זייער פּראָ־צענט נעמען?..

ווען מענטשן וואָלטן געזען אַזאַ מין קבלה פון דער אַדמיניסטראַ־ציע, אָט ווי די אונטערן נומער 562, וואָס איך ברענג דאָ:

Col. Mauricio, Abril 20 de 1917

Recibimos de Mactas Isaac la cantidad de noventa centavos, intereses de $ 446 por 20 días (del 1 - 4 - 917 al 20 - 4 - 917.

Administr. Col. Mauricio
P. Mellibovsky.

ווען זיי דערוויסן זיך, אז די 446 פּעזאָס אַליין, זיינען בלויז פּראָ־צענט פון פּראָצענט, ווייל דער קאַפּיטאַל איז דאָך שוין איין מאָל מיט פּראָצענט אַף צוואַנציק יאָר אָפּגערעכנט געוואָרן; ד. ה. אז מען נעמט

איצט פאר 20 טאָג ניינציק סענטאוואס פּראָצענט צום דריטן מאָל; אז פאר דריי טעג פּראָצענט ווערט אויך ניט געשיינקט!.. איך וועל ניט אזוי־פיל ריידן פון זיי. זיי זיינען דאָך אונדזערע אייגענע פּראָצענטניקעס. לאָמיר בעסער שווייגן... נאָר פּשוט, ווען מענטשן קומען און זעען וואס מ'טוט מיט אונדזערע ברידער אין די אור וועלדער פון בראזיל, אין די קאַליטרע־זאַליץ פעלדער פון סאנטיאגאָ דעל עסטערא, בעסער געזאָגט, אין דער קאָלאָניע דאָרא, צי אונטער די אייביק שניידנדיקע ווינטן פון דער פּאמפּאַ, אין מאָנטעפּיאָרע, אין בערנאסקאָני; ווען מען וואלט זיך איבערצייגט אז בא די יק"א משרתים זיינען אַלע מיטלען כשר, אבי צו דערהאַלטן דעם צוועק זייערן — די מ מ ש ל ה; ווען מענטשן קוקן אָן די מוטערס מיט די טעכטער און פארגרעבטע זין, ווען זיי גיבן אַ קוק אפ'ן יונגן דור און זיין צוקונפט; ווען זיי קוקן ארונטער אונטער דעם פּי־לאַנטראָפּישן מאנטל; ווען זיי זעען און פילן דאָס, וואס מיר, קאָלאָניסטן, וואס זעען צו זייערע מעשים 30 יאר כסדר; אָ, דאן, שווער איך אייך, אז דאמאָלסט וואלט קיין מחילה ניט געווען. עס וואלט אַן עק, א סוף געקומען צו זייער הערשאפט.

נו, וואס־זשע וואָלטן די אַלע לײדיק־גייער, די אַלע נוגשים געטאָן? און וואס וואָלטן טאקע נאָר די גרויסע, מיט די גובערנאטאָרסקע געהאַל־טער, געטאָן? זיי זיינען דאָך אודאי געוואוינט צו לעבן אזוי גוט. אַ שאָד, כ'לעבן, אזא קעניגרייך, אזא ניט קאָנטראָלירטן פארמעגן ארויסצולאָזן פון האנט...

אָט טאקע דערפאר האָבן זיי דאן אויפגעציטערט און מיט אַלע מיטלען אין דער וועלט געזוכט צו געווינען דעם משפּט.

די יוסטיץ, אָדער אפשר די הייליקע געטין טעמים, בא וועלכער די גערעכטיקייט איז טייערער פון אַלץ אין דער וועלט, זי האָט אירע אויגנ־בענדער פעסטער ארויפגעדרוקט. זי האָט דעם צער פון די באאמטע ניט געקענט צוזעען און מצד ההכינות און אויך צוליב דעם גרויסן אידעאַל פון בּאראן, האָט זי זיך אַף זייער זייט געשטעלט. זי האָט מיט איר גאָלד־גלאַנצנדיקן שווערד אַלע קאָלאָניסטישע האָפנונגען אַף פרייהייט—צעק־לאַפּט. דער משפט האָט די קאָלאָניסטן געפונען פאר חייב.

טריומפירט האָבן די מושלים. זיי האָבן געזיגט. און האָבן אָנגעהויבן פעסטער צו מאַכן די קייטן אַף די קאָלאָניסטן־הענט און ענגער איינגע־צוינן די שטריק ארום זייער האַלדז.

דעם 25־טן נאָוועמבער פון 1910 איז דער פסק דין ארויסגעטראָגן געוואָרן אין דער פעדעראַלער געריכטס פּאַלאַטע פון בוענאָס איירעס לטובת דער „דזשואיש" און די קאָלאָניסטן זיינען געפונען געוואָרן אלס די אומגערעכטע אין זייער פאַרלאַנג צו באַצאָלן אויף איין מאָל דעם גאַנצן חוב און ארויסבאַקומען טיטולאָס אויף דער ערד. מ'האָט צוגעפּסק'נט דער יק"א אז די קאָלאָניסטן דאַרפן נאָך באַצאָלן די גע־ריכטס הוצאות.

א פלאַם־פייערדיקע רעדע האָט דער פיסקאַל, אָדער פּראָקוראָר, אָפּגעהאַלטן פאַר'ן ריכטער אין בית המשפט. — ער האָט איבערגעוויזן די עדלקייט פון דער געזעלשאַפט „הירש", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר א צוועק איבערצומאַכן דעם שאַכערניק, דעם „כודיאָ", אין אַן ערד־אַר־בעטער און — האָט ער געזאָגט — ווייל ס'איז זייער א שווערע זאַך אָפּצוגעוויינען דעם „כודיאָ" פון מסחור, האָט די יק"א געמוזט אריינ־שטעלן אַזעלכע שאַרפע פונקטן אין די „פּראָמעסאַ דע ווענטאַ" אָפּמאַכן, למשל ווי דער ארטיקל 7, און אז דער ציוויל קאָדעקס פונקט נומער 1169 דערלויבט צו מאַכן אַזעלכע שאַרפע פונקטן. אין דעם ארטיקל 1197 פון דעם זעלבן קאָדעקס ווערט געזאָגט: אויב די צדדים האָבן זיך איינמאָל איינפאַרשטאַנען און האָבן די פונקטן אונטערגעשריבן, איז דאָס שוין אליין פאַר זיי ביידן א געזעץ. ס'העלפט ניט די טענה אז דער עמי־גראַנט איז אומוויסנד געווען און האָט ניט געוואוסט וואָס ער שרייבט אונטער. און אויב דער קאָלאָניסט וויל זיך איצט אָפּטרייסלען פון'ם קאָנטראַקט, פאַלט ער אונטער דעם פונקט פון דעם זעלבן ארטיקל, וואָס זאָגט, אז ער מוז אָפּגעבן דער געזעלשאַפט „הירש" צוריק דאָס לאַנד מיט אַלץ וואָס איז אויף דעם אויפגעבויט געוואָרן, אז ער פאַרלירט אַלע אריינגעטראָגענע צאָלונגען (מעג עס זיין פון גאַנצע 18 יאָר כסדר) און אַלצדינג גייט איבער אַלס אייגנטום צו דער געזעלשאַפט „הירש" און דער קאָלאָניסט מוז אָפּטרעטן אָן רעכט אויף וועלכע עס איז טענות.

א פייערדיקע רעדע איז דאָס געווען. ער האָט איבערגעוויזן די טובות וואָס „הירש" האָט מיט די עמיגראַנטן געטאָן, אפילו רייזע הוצאות האָט ער זיי געגעבן, אויך גרויסע סומעס אין מזומן געלט, עקסטראַ—זריעה, ארבעט מכשירים און הלוואות.

אז מען מאָנט עס אָפּ מיט פּראָצענט צען מאָל אַזויפיל, דאָס האָט ער ניט געזאָגט.

— אַט — האָט ער געטענה'ט — איז דער סענאַל. אַ חוץ זיין לאַנד וואָס באַטרעפט 6357 פּעזאָס, האָט ער נאָך מזומן מיט רייזע הוצאות און רעמאַנענט באַקומען אַ סומע פון 4858.76. פון דעם האָט איט די ערעלע געזלשאַפט אַראָפּגעשענקט אַ פערטל. דאָס מאַכט אויס 2094.50, וואָס יעדער פּלייסיקער פויער באַקומט פון איר אלס מתנה (אַ שכר מוחלט).... דאָך אַלץ באַווייזט דאָס ערלקייט פון דער יק"א, וואָס וויל פאַרוואַנדלען דעם קאָמערציאַנט, דעם דריי־קאָפּ אין אַן אָרנטלעכן פויער בא אונדז אין לאַנד. עס איז אַ מאָראַלישער און רעליגיעזער אינסטי־טוט מיט אַ פּילאַנטראָפּישן צוועק! — האָט ער, דער פיסקאַל, אויסגע־פירט.

וויפיל ליגן ער האָט דאַן געזאָגט און וואָס פאַר אַ פּילאַנטראָפּן זיי זיינען, ווייסן שוין די לעזער פון די פריערדיקע קאַפּיטלען.

דער „כועז", אויסהערנדיק די „גאָלדענע" רעדע פון'ם פיסקאַל — מ'זאָגט אז אַ איד האָט זי אים אָנגעשריבן אויף „פאַזיט" פּאַפּיר, — האָט ער דאַן זיך דערקלערט אלס ניט קאָמפּעטענט, ד. ה. אומפּעאיק דעם פּראָצעס צו אַנטשיידן און האָט, במחילה, צוגע'פּסק'נט דער „דזשוואיש", אז זי קען ווייטער טון וואָס זי וויל.

און אָט וואָס זי האָט געוואָלט:

ארום זעקס אזייגער פאַרנאַכט, אין דעם זעלבן טאָג פון'ם משפּט, איז אַ טעלעגראַמע מיט דער בשורה אין מאַוריציער אַדמיניסטראַציע, ווי אין אַלע קאָלאָניעס פון יק"א אָנגעקומען, אז די יק"א האָט געוואו־נען דעם משפּט.

פאַר גרויס שמחה האָט דער אַדמיניסטראַטאָר אַליין דעם „אַלאַ־סאַן" זיינען אָנגעזאָטלט, געכאַפּט די „רעווענקע" אין האַנט און אוועק־געגאַלאָפּירט קיין קאַסאַרעס. לעבן רויזענצווייגס קאַנדיטאָריי האָט ער זיך מיט די הענט אין די זייטן אוועקגעשטעלט און ארום זיך צוזאַמענגע־קליבן די טענצערס זיינע און מ'האָט יעדן איינעם, סיי איד, סיי קריסט, די טעלעגראַמע געוויזן.

— אַזוי ווי די הינט וועל איך זיי פון דער קאָלאָניע פאַריאָגן. איך וועל זיי ווייזן ווי אַזוי בונטן צו מאַכן, זיך לאָדן מיט אונדז... יעדער פון זיי, אפילו די קוטשערס זייערע, זאָגן אונדז...—האָט דער אַדון זיך ברייט־לעך פאַר אַ יעדען ב א ר י מ ט און מיט'ן „רעווענקע" אין האַנט אַ פּאַכע געטאָן צום קאָלאָניסט מרדכי ווייסמאַן:

— פאַקעוועט די זאַכן און, היידאַ! מיר וועלן באַ אייך צונעמען דאָס לאַנד מיט אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט.

— פריידע, מיר זיינען אומגליקלעך! — האָט מרדכי צו זיין ווייב אין אָוונט געזאָגט — ער מיינט אין יד אריין, און מיר האָבן גאַרניט!..

דאָס האָט ער געלאַכט, דער אַדמיניסטראַטאָר, זיך גערייצט מיט די באַזינגטע, הייסט עס, און די אוריאַדניק־שכינה האָט אַף זיין פּרצוף גע־שיינט.

די ידיעה האָט זיך צעטראָגן איבער דער קאָלאָניע און דאָס פּנים פון די קעמפער איז שווארץ געוואָרן ווי די נאַכט.

אָפּ'ן דריטן טאָג זיינען אָנגעקומען אין אַדמיניסטראַציע געדרוקטע ביכלעך אין שפּאַניש און אין אידיש. דאָס איז געווען די „גאָלדענע" רעדע פונם פּיסקאַל, צוגעפּראַוועט מיט לעבעדיקע קאָמענטאַרן פון דער דירעקציע. און דער אַדמיניסטראַטאָר האָט די האַרציקע ביכלעך, מיט דעם רייכן אינהאַלט, מיט דעם כבוד וואָס דער פּראָקוראָר האָט אונדזער פאָלק אָפּגעגעבן, באַטיטלענדיק אונדז פאַר שאַכערניקעס, דריי־קעפּ, מעק־לער, סוחרים און פּראָצענטניקעס, פאַנאַנדערגעטיילט צווישן גויים און אידן.

מיט טרערן האָבן די קאָלאָניסטן זיך געוואָרגן. עס איז אין דער קאָנדיטעריי שיר צו הריגות געקומען צווישן זייערע קינדער מיט די שפּאַניער. מעסערס און רעוואָלווערן האָט מען איינער קעגן צווייטן גע־צויגן. די גויים האָבן זיך מיט די ביכלעך שטאַרק דערפרייט: — זעט — האָבן זיי געזאָגט — אייערע דירעקטאָרן זאָגן אַף אייך עדות אַז איר זענט שווינדלער, „כוריאָס". מ'וועט אייך קיינמאָל קיין פּאָזיטיווע קויפ־שיינען ניט אַרויסגעבן...

איך האָב דעם דירעקטאָר וועגעציאַני דעם זעלבן אָוונט איבער דער פּאַרטיילונג פון די שמוציקע ביכלעך אַ בריוו געשריבן, אַז „דאָס קוימיקע גרעט וואָשט מען אין דער היים און ניט צווישן פרעמדע", און געבעטן ער זאָל טעלעגראַפירן אין אַדמיניסטראַציע מען זאָל אויפהערן טיילן די שפּאַנישע ביכלעך צווישן די גויים, ווייל זיי וועלן אַף אונדז אָנוואַרפן אַזאַ שמוץ, אַז די יק"אַ מיט אַלע אירע מיליאָנען, וועלן דאָס ניט קענען ריינוואַשן. ער האָט געפאָלגט, דער עדעלער מענש, ווייל אַף מאָרגן האָט דער אַדמיניסטראַטאָר שוין געזוכט אַריינצוציען צוריק די אַנטיסעמי־טישע ביכלעך. דערפאַר אָבער זיינען זיי באַהאַלטן באַ יעדן קאָלאָניסט.

די קאָלאָניע איז ווידער אַמאָל אין אַ טעראר אריינגעוואָרפן געוואָרן. אַ מורא האָבן די בייטענצערס פון דער אַדמיניסטראַציע אַנגעוואָרפן אַף די בעלי עבֿרה'ניקעס און עס זיינען טאַקע געווען זייער פיל אַזעלכע וואָס האָבן געזינדיקט, עובֿר געווען אפ'ן יק"א קאָנטראַקט, און זיי, די חטאָ־ניקעס, האָבן זיך דערשראָקן, אין די מייזנלעכער האָבן זיי זיך פאַר־שטופּט. ווען זיי האָבן דערזעען דעם נעלן קאַטש מיט'ן חותם .J. C. A צופאַרן צו זייער הויז, איז באַ זיי דאָס בלוט אַנטרונען געוואָרן.

רימטן מיליאָן. דאָס איז געווען פּשוט אַ שווינדל אויפטו פון דעם אדון מיט די ארומיקע קרעמער, וואס זיי, נאָר זיי, האָבן דערביי אַ ביינדל אַ פעטן אָפּגעלעקט. אגב, האָט די אדמיניסטראציע גערעכנט דערמיט צו באַזייטיקן די מיטולאָס"־מכה, וועלכע איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז און האָט געשטעלט אין געפאַר איר ממשלה.

דאָס פּאַפּיר וואס דער נעמער האָט געחתמ'עט האָט מער ניט ווי פאַר'משכונ'ט, פאַרזעצט, בײַ דער יק"א זיין רעכט אָפּ'ן קאַמפּ. ד. ה., ער האָט אונטער־געשריבן, אַז ער האָט קיין ר ע כ ט ניט צו פאָדערן דעפי־ניטיווע מיטולאָס, און ער מוז אויספּאָלגן אַלע באַפעלן פון דער אדמיניס־טראציע, סיידן ער וועט אָפּצאָלן, אין די טערמינען פון די יאָרן, די גײַע הלוואה מיט איר פּראָצענט.

דערפאַר אליין וואָלטן די נישטיקע נשמות ניט געווען זיך אָפּגע־שטעלט צו נעמען די מזומנים; איז ניט קיין מיטולאָס, באַצאָלן מוז מען דאָך סיי ווי סיי... די צרה איז אָבער אַ פיל גרעסערע געווען: דער חשבון! דעם קאָלאָניסט איז גאָר ניט געבליבן פון דער הלוואה. ווי נאָר דער קאָ־לאָניסט האָט אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר און געוואָלט ציילן די אלפים, איז פאַר אים אַ פאַרטיקער חשבון צוגעגרייט געווען: ערשטנס, די יק"א, מיט אַלע הינטערשטעליקע חובות, וואס זי מאָנט מיט'ן פּראָצענט, ווי אויך אַלע אַ ל ט ע קאָמונאַלע הוצאות אראָפּגענומען כדבעי, און נאָכ־דעם די קרעמער מיט דעם מיליאָנער. זיי האָבן ארויסגעלעגט די האַנט אָפּ'ן רעשט געלט און עס צוגענומען כמעט אינגאַנצן.

דער אדמיניסטראטאָר, וואס זוכט דאָך כלומרשט די טובה פון זיין קאָלאָניסט, האָט זיך שוין דאַמאָלסט ארייַנגעמישט צווישן דעם קאָמער־ציאַנט מיט'ן קאָלאָניסט און געזען פועל'ן בײַם ערשטן ער זאָל דעם צווייטן אַ גאַנצן טויזנטער אָדער אַנדערהאַלבן צוריק געבן, געוויינלעך, אַף אַ שפּאָגל נייעם וועקסל, מיט אַן הבטחה אומצוקערן אים די פריערדי־קע באַצאָלטע וועקסלען, צוזאַמען מיט די „בלאַנקע" אונטערשריפטן זיי־נע, ווען ער, דער מיליאָנער, וועט צייט האָבן זיי אויפצוזוכן און זיי געפינען דאָרטן צווישן די טויזנטער אומגוציקע קאָלאָניסטישע „פּאַגאַ־רעען" וואס ליגן אין באַנק, ווי לפנים.

אָט מיט דעם שווינדל האָט מען ארייַנגעכאַפּט 64 תמימים, אומ־וויסנדע קאָלאָניסטן, יעדער איינער באַזונדער האָט זיך אָפּגעבריט און האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן. ס'איז אָבער געוואויר געוואָרן און ס'האָט

ניט די בונטאוווטשיקעס. יעדער קאָלאָניסט קען באַקומען אַ הלוואה פון דריי טויזנט ביז צען און פופצן טויזנט. די הלוואה ווערט צוגערעכנט צום פריערדיקן חוב און צעוואָרפן אויף די יערלעכע ראטעס ביז צום סוף טערמין פונם קאָנטראַקט. די אדמיניסטראַציע פאָדערט ניט קיין שום גאַראַנ־טיע, אפילו ניט קיין פאָרמאַלנעם וועקסל, נאָר בלויז אַ קבלה, אַז דער־באַטרעפנדער קאָלאָניסט האָט אָפּגעצאָלט דער יק״אַ אַלע זיינע „אַטראַ־קאָס", ד. ה. די אַלטע הינטערשטעליקע ראַטעס מיט זייערע פּראָצענטער, און חתמ'ענען אַ געדרוקט פּאַרטיק שטיקל אדמיניסטראַציאָנעם פּאַפּיר. ווי נאָר מען התמ'עט, באַקומט מען די צען צי די פופצן טויזנטער אויס־געצאָלט אין מזומן...

די קאָלאָניסטן האָבן גלייך פאַרשטאַנען אַז עפּעס אַ ניט גוטער ליגט באַהאַלטן אונטער דעם יק״א־הסד, ווייל וואָס פּלוצלום אַזאַ באַרמהער־ציקייט?! ווען זיי האָבן פריער מיט אַ יאָר געבעטן די סומע אויף אַן אַנ־דער־באַנק וואָס זאָל זיך בילדן פון אַקציעס, האָט זיי דער דירעקטאָר אויסגעפּייפט — ווי איך האָב שוין געשריבן, — און איצט, פון דער העל־לער הויט ארויס, נעמען יענקלען און זרח'ן און זיי אָנשטאָפּן יעדן איי־נעם מיט אַכט אָדער מיט צען טויזנטער...

זיי האָבן גרויס חשק געהאַט צו זען די געדרוקטע קבלות אויף וועל־כע דער קאָלאָניסט דאַרף זיך אונטערשרייבן נעמענדיק די הלוואה. דאָס איז אָבער אוממעגלעך געווען; די טענצערס, די בייליעקערס, וואָס זיי זיינען די ערשטע נעמערס געווען, אחוץ וואָס דער הוב זייערער איז פון היבשע עמי־הארצים באַשטאַנען, האָבן זיי גלאַט ניט געוואָלט אויסזאָגן און די אדמיניסטראַציע, איז דאָך באַוואוסט, אַז זי ווייזט קיינעם ניט די דאָקומענטן וואָס אירע קאָלאָניסטן שרייבן אונטער. ווען מ'האָט אַ פּשוט'ן, אַ בעזגראַמאָטנעם, אַ פרעג געטאָן אויף וואָס האָט ער זיך גע־התמ'עט, פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט: עט! איך זאָל אַזוי וויסן פון זיי... עס טויג אויף כפרות...

אין אַ פּאָר טאָג צייט איז דער רעש פונ'ם מיליאָן איבערגעלאָפן. די פרייז־אידעלאָך האָבן זיך אָפּגעבריט, אַ פּנים, און מ'האָט אויפגעהערט לויפן נאָך די אַלפים. דער אדמיניסטראַטאָר איז נאָך געבעך אַליין ארומ־געפאָרן און געבעטן:

— קומט, נעמט די פינף צי די צען טויזנט פעזאָס...

עס האָט זיך באַלד אויפגעדעקט דער גאַנצער אויפטו מיט דעם באַ־

רימטן מיליאָן. דאָס איז געווען פשוט אַ שווינדל אויפטו פון דעם אַרױן מיט די אַרומיקע קרעמער, וואָס זיי, נאָר זיי, האָבן דערביי אַ ביינדל אַ פּעטן אָפּגעלעקט. אגב, האָט די אַדמיניסטראַציע געדענקט דערמיט צו באַזייטיקן די טיטולאָס״־מכּה, וועלכע איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז און האָט געשטעלט אין געפאַר איר ממשלה.

דאָס פּאַפּיר וואָס דער נעמער האָט געחתמ׳עט האָט מער ניט ווי פאַר׳משכונ׳ט, פאַרזעצט, בײַ דער יק״א זיין רעכט אָפּ׳ן קאַמפּ. ד. ה., ער האָט אונטערגעשריבן, אַז ער האָט קיין ר ע כ ט ניט צו פאָדערן דעפיניטיווע טיטולאָס, און ער מוז אויסצאָלן אַלע באַצאָלן פון דער אַדמיניסטראַציע, סיידן ער וועט אָפּצאָל'ן, אין די טערמינען פון די יאָרן, די גאַנצע הלוואה מיט איר פּראָצענט.

דערפאַר אַליין וואָלטן די נישטיקע נישמות ניט געווען זיך אָפּגעשטעלט צו נעמען די מזומנים; איז ניט קיין טיטולאָס, באַצאָלן מוז מען דאָך סיי ווי סיי... די צרה איז אָבער אַ פּיל גרעסערע געווען: דער חשבון! דעם קאָלאָניסט איז גאָר ניט געבליבן פון דער הלוואה. ווי נאָר דער קאָלאָניסט האָט אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר און געוואָלט ציילן די אַלפים, איז פאַר אים אַ פאַרטיקער חשבון צוגעגרייט געווען: ערשטנס, די יק״א, מיט אַלע הינטערשטעליקע חובות, וואָס זי מאָנט מיט׳ן פּראָצענט, ווי אויך אַלע א ל ט ע קאָמונאַלע הוצאות אָראָפּגענומען כּדבעי, און נאָכדעם די קרעמער מיט דעם מיליאָנער. זיי האָבן אַרויסגעלעגט די האַנט אַפּ׳ן רעשט געלט און עס צוגענומען כּמעט אינגאַנצן.

דער אַדמיניסטראַטאָר, וואָס זוכט דאָך כּלומרשט די טובה פון זיין קאָלאָניסט, האָט זיך שוין דאַמאָלסט אַריינגעמישט צווישן דעם קאָמערציאַנט מיט׳ן קאָלאָניסט און געזען פּועל׳ן בײַם ערשטן ער זאָל דעם צווייטן אַ גאַנצן טויזנטער אָדער אַנדערהאַלבן צוריק געבן, געווייגלעך, אָף אַ שפּאָגל נייעם וועקסל, מיט אַן הבטחה אומצוקערן אים די פריערדיקע באַצאָלטע וועקסלען, צוזאַמען מיט די „בלאַנקע“ אונטערשריפטן זיינע, ווען ער, דער מיליאָנער, וועט צייט האָבן זיי אויפצוזוכן און זיי געפינען דאָרטן צווישן די טויזנטער אומנוציקע קאָלאָניסטישע „פּאַגאַרעען“ וואָס ליגן אין באַנק, ווי לפּנים.

אָט מיט דעם שווינדל האָט מען אַריינגעכאַפּט 64 תּמימים, אומוויסנדע קאָלאָניסטן, יעדער איינער באַזונדער האָט זיך אָפּגעבריט און האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן. מ׳איז אָבער געוואויר געוואָרן און ס׳האָט

אויפגעהערט צו לויפן נאָכן געלט פונ'ם מיליאָן.

איצט באַרעכנט דעם חסר! נייע אַכט צו צען טויזנט פּעזאָס איז דער קאַלאַניסט שולדיק געבליבן דער „רזשואיש". אחוץ די צען ראַטעס וואָס ער דאַרף צאָלן, מיט'ן פּראָצענט און קאָנטריבוציע, מיט „אַגראַ פּעקואַריאַ־שטייער אין באַטרעף פון טויזנט פּעזאָס אַ יאָר, קומט צו נאָך פרישע טויזנט פּעזאָס צו צאָלן אַ יאָר פאַר דער הלואה; הייסט דאָס פּראָצענט. צוזאַמען האָט שוין דער אָרעמער צו צאָלן אַ יערלעכע ראַטע פון אַן ערך 2400 פּעזאָס. ער איז געוואָרן אַ פרישער, אַ גרויסער בעל חוב, און פון וואַנען אים צו צאָלן איז ניטאָ, ווייל קיין מזומן איז דאָך ניט געבליבן מען זאָל זיך קענען קויפן אַ ביסל פּי, וואָס זאָל זיך מערן אום צו קענען דעקן די חובות. מער ניט מ'האָט דעם קאָמערציאַנט אָפּגעצאָלט אַן אַלטן נישט געשטויגענעם פאַרשימלטן חוב. און שולדיק געבליבן אַ שפּאָגל נייעם.

די אַדמיניסטראַציע האָט עס געוואוסט און עס טאַקע בכיון אַזוי געמאַכט. ערשטנס האָט זי אַ גרויסן רח"ש בּאַ די קרעמער קאָמערציאַנטן באַקומען, און צווייטנס, זאָל דער קאַלאָניסט פאַרזונקען זיין אין חובות, זאָל ער קריכן אין תהום פון פּראָצענט, פון דלות, וועט זיך זייער ממשלה לענגער ציען...

די דירעקטאָרן אליין, ווער שמועסט דער ערלער ווענעציאַני, אַט דער בלוי־בלוטיקער אַריסטאָקראַט, מעגלעך אַז זיי האָבן דעם הלואה שווינדל ניט פאַרשטאַנען, מעגלעך אַז זיי האָבן ערנסט געדענקט צו פאַרריכטן דעם פריערדיקן פעלער, געטרעכנט צו פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן מצב און טאַקע אין איין וועגס פאַרזיכערן דעם אידעאַל... זאָלן אידן ניט אַרויסנעמען זייערע קויפשיינען אָפּ'ן לאַנד און ניט קענען עס אַזוי גיך פאַרקויפן... מעגלעך. אָבער געשעען איז דער היפוך. דער רעזולטאַט איז זייער און זייער אַ ביטערער געווען. די אַלע וואָס האָבן פונ'ם מיליאָן דאַמאָלסט גענאָמען, זיינען פאַרגיפט געוואָרן. דאָס גאַנצע געלט זיינען זיי שולדיק געבליבן דער יק"א, און זי צווינגט זיי איצט דורכ'ן געריכט, זי מאַכט עקזעקוציעס, עמבאַרגאָס, הוצאות אַף אַדוואָקאַטן מיט פּאָליציי, אויפצומאָנען אירע פּופּצן און אַכצן טויזנטער, וואָס די צייט, מיט'ן פּראָצענט און פּראָצענט פונ'ם פּראָצענט האָט אָנגעזאַמלט. און דער אָרעמער שעפּס האָט קיין אַנדער ברירה ניט ווי נאָר אָפּצוגעבן זיין פעל. ד. ה.

פארקויפן זיין לאנד, זיין חיות, זיין נשמה און באצאָלן איר דעם חוב. מירן זיך נאָך שפּעטער אומקערן צו דעם.

דערווייל האָט זיך אָפּגערעש'ט א שטיקל צייט מיט'ן מיליאָן. ביידע זרדים האָבן זיך שרעקלעך גענאַרט. אי די געבער אי די נעמער האָבן זיך באַלד ארומגעקוקט און האָבן נעקריצט מיט די ציין פאר פארדרוס.

א טייל פון די נעמער, די אומגליקלעכע קאָלאָניסטן וואס האָבן געזען אז דער פעלץ איז כמעט שוין אף אייביק פארקוואסעט, אז דער חוב מיט'ן פראָצענט וועט שוין אויפעסן דאָס פעלד, האָבן גאָר מורד געווען אין דער גאַנצער אידייע, האָבן צונויפגעשארט וואו א סענט געלט און זיך געקויפט שטיבער אין קאסארעס און זיך דאָרט באַזעצט.

די דירעקטאָרן זיינען אויפגעצונדן געוואָרן: סטייטש, פאר אונדזער געלט קויפן זיי הייזער! אזא סקאַנדאל! און האָבן אויסגעגאָסן דעם צאָרן אף דער גאַנצער קאָלאָניע.

זיי האָבן גלייך אָפּגעהאַלטן א באראטונג מיט זייערע אדוואָקאטן, גוט אויסגעשטודירט די פּונקטן פון דער „פּראָמעסא דע ווענטא“ און מ'האָט צו מזל געפונען ד אָ ס א ר ט י ק ע ל ע א כ ט. און איבער א נייעם איז א טעראָר אף דער קאָלאָניע אָנגעפאלן.

XI

דער ארטיקל אכט פונ'ם קאָנטראַקט

אַרטיקל אַכט. — די גויאישע אַרענדאַטאָרס פון די אידישע פעלדער ווילן חלק. — איך פאָר מיט ב. ראַבינאָוויטש אין אַ שליחות צו די דירעקטאָרן. — ווי צו די באַזינגטע. — דער קאַזיאַנע ענטפער. — ווידער אין געריכט. — מיין בראשור „חלוצים הראשונים". — אַמעריקאַנער אידישע געזעלשאַפט וויל שיקן אַ קאָמיסיע בראש מיט דר. זשיטלאָווסקי. —

סוף דעצעמבער 1910 איז ארויס אַ אוקאַז פון קאָזשאַ 216 ,אַז אַלע בעלי עבירה'ניקעס, די קאָלאָניסטן וואס האָבן עובר געווען אַפ'ן יס"א־קאָנטראַקט, היינו, די וואס האָבן פארדונגען אפילו אַ קליין שטיקל פון זייער פעלד, וואס וואוינען אין שטאָט, וואס די אדמיניסטראַציע געפינט זיי זיי פאָלגן ניט נאָך אירע פאָדערונגען, די אלע האָבן צייט ביז צום 31־טן מערץ 1911 אָפצונעמען די פארדונגענע פעלדער, אריינציען זיך צוריק אין קאָלאָניע און אויספאָלגן דער אַדמיניסטראַציע. נאָך דעם באַשטימטן טערמין, וועט די געזעלשאַפט זיך רעכענען מיט די זינדער נאָכ'ן ארטיקל אַכט פון דער „פראָמעסא דע ווענטאַ" און פאָדערן געריכטלעך די „רעסיסיאָן", פארניכטונג פונ'ם קאָנטראַקט.

אָט איז דער אָריגינאַל פונ'ם אוקאַז אין שפּאַניש:

J. C. A. Callao 216

Buenos Aires, Diciembre 26 de 1910

Sr...

Nos consta que, a pesar de las cláusulas del contrato de promesa de venta, firmado con ésta Asociación, Vd. arrienda el campo que figura en su contrato.

En vista de ésto dámosle un plazo hasta el 31 de Marzo próximo para ponerse en regla con el Artículo No. 7. Si pasada ésta fecha no ha dado Vd. cumplimiento á lo que prescribe dicho Artículo, nos veremos en la obligación de exigir la aplicación del Art. No. 8 referente á la rescición de contrato.

Dirección General
Moss. Veneziani

(איבערזעצונג)

יק"א, קאזשאַ 216

בוענאָס איירעס, 26־טער דעצעמבער פון 1910.

הערר............. קאָל. מאוריציאָ.

עס איז אונז באַקאַנט, אז נים אַכטענדיג אף די פונקטן פון'ם קאָנטראקט מיט פארקויף פארשפרעכן, וואס איר האָט אָפגעשלאָסן מיט דער געזעלשאפט, פאָרדינגט איר דאָס פעלד אף וועלכן דער קאָנטראקט באַציט זיך.

אין אַנבאַטראַכט דערפון, גיבן מיר אייך א טערמין ביז צום קומענדיקן 31־טן מערץ, זיך צו שטעלן אין אַנקלאַנג מיט'ן 7־טן פונקט. ווען דער דאטום וועט פאריבער און איר וועט ניט דערפילן דאָס, וואס דער אָנגערופענער פונקט שרייבט פאר, וועלן מיר זיך געפינען געצוואונגען צו פאָדערן די אָנווענדונג פון'ם פונקט אכט ווענן ביטול פון'ם קאָנטראקט.

די הויפט דירעקציע.

מאָסס — וועגעציאַני

ווי א דינאמיט באָמבע איז דער אוקאז אריינגעפאלן אין קאָלאָניע. די זינדיקע האָבן אויפגעציטערט. און ווער איז עם עפעס אינגאנצן ריין פון זינד? אפילו א פעאָן אז מ'האלט בא דער ארבעט, איז דאָך אויך נאָכ'ן קאָנטראַקט נאָך א חטא! אזעלכע חטאים און פשעים וואס פאר יעדן פון זיי קען די אדמיניסטראציע אנולירן דעם קאָנטראקט, לויט דעם פונקט 8 און במחילה ארויסשמייסן פון דער קאָלאָניע, זיינען געווען גענוג.

יעדער איינער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט דעם געדרוקטן אוקאז און די ציינער אין מויל האָבן זיך געטרייסלט פאר שרעק. „רעסיסיאָן" פון'ם קאָנטראקט! — האָבן די קאָלאָניסטן צווישן זיך מיט פחד גערעט, — עס איז ניט קיין קלייניקייט. זיי, די רשעים, זיינען קאפאבל אף אלץ, זיי ווילן פשוט צונעמען די ערד!.. דער טעראָר איז שרעקלעך געווען. מ'זאָגט, די היסטאָריע ווידערהאָלט זיך. ס'איז גאנץ ריכטיק. פונקט ווי אין ערשטן מצרים, אזוי זיינען די איבערגעשראָקענע קאָלאָניסטן באפאלן די קעמפער, מיט דער געקעכטער טענה: למה הרעות לעם הזה? וואס האָט איר פון אונדז געוואלט מיט דער פרייהייט? איר האָט נאָר אין צאָרן ארייגעבראכט אונדזערע העררשער און באפרייען האָט איר אונדז ניט באפרייט!..

אייניקע טעראָריזירטע האָבן באַלד תשובה געטאָן, האָבן זיך צוריק

אין קאָלאָניע אריינגעקליבן. ישראל ראנאוו און ל. ר. האָבן זייערע גויים די ארענדאטאָרס פון זייער פעלד, צו 2500 פעזאס אוועקגעשאָנקען, האָבן זיך פארזעצט, פאר׳משכונ׳ט, אבי פטור ווערן פון דעם גוי און האָבן צוריק באַקומען דאָס פעלד.

די גויים זיינען אָבער באלד קלוגער געווארן. זיי האָבן קיין געלט נים געוואלט נעמען, זיי האָבן פארלאַנגט נים מער ווי א האלבע טשאַק־רע, אָדער כאָטש א דריטל זאָל זיי דער קאָלאָניסט אָפּשרייבן באַם נאָ־טאריוס. און אז נים, גייען זיי נים ארונטער פונ׳ם פעלד און די יק״א וועט דאָס גאנצע לאַנד צונעמען. די אדמיניסטראציע זאָגט דאָך אזוי...

עס איז געווארן נאָך ערגער פון שלעכט. וואס טוט מען? אין גע־ריכט האָבן מיר פארשפּילט, די ארענדאטאָרס ווילן אונדז שרעקלעך עקס־פּלאָטירן. — א ביטערע גזרה! — האָבן די אמאָליקע דאָרפס אידן גע־קלאָגט. — נאָך ערגער ווי איגנאטיעווס גזרה.

לעבן „גראַן פאמא״, א קלייט אין קאסארעס, האָב איך א בינטל קאָ־לאָניסטן געטראָפן שטיין. — די סצענע איז איינגעשניטן אין מיין זכרון.
— אלע פאריאָמערט, בייז, און באשולדיקן איינער דעם צווייטן.

— ארורים הרשעים! — זאָגט מעבעלע רימסקי. — ווען נים זיי, די אדונים, מיט זייער שלעכטן גרופּע־פּלאַן, וואלט קיינער פון אונדז נים געוואָן אריינגעצויגן אין שטאָט.

— וואס האָב איך פון דער שטאָט? — זיפצט זיך אָפּ דער אַל־טער חיים פונ׳ם אינזל, — מענטשן! געזעלשאפט! בין איך דען בעסער געווארן פון זיי? כ׳לעבן, ערגער... א שטיקל ברויט א גרינעם, צי א טעפּל זויער מילך, ווער גים דען אין שטאָט?

— א גאנצער שאָפּענהויער איז ער, דער אַלטער. — טראכט איך אין זיך, א איד פון א מיל און פילט און זאָגט דאָס זעלבע וואס דער גרוי־סער געלערנטער פעסימיסט: וואס מער איך קום צווישן מענטשן, אלץ א קלענערער מענטש קום איך צוריק״...

— ווער האָט אייך געגויט ארויסצוציען אין שטאָט? — פרעגט אײם דער קלוגער יאָסל פוסטילניק — אז איר דארפט נים קיין געזעלשאפט?

— א דאָרף האָב איך באַדאַרפט, א אידישן דאָרף, און נים קיין אינזל און נים קיין שטאָט...

מ׳רעט איבער די פעלדער פון דער קאָלאָניזאציע, דאָס רעדל מענטשן

לעבן „גראן פאמא" ווערט וואס אמאָל גרעסער, עס קומען אונטער די שפיאָנען פון דער אדמיניסטראציע, מ'לעגט צו אַן אויער. ס'ווערט באַלד א קריג, דער קאָמיסאר קומט אונטער און בעט מיט גוטן מען זאָל זיך באַנאַנדערגיין.

אין אָוונט קומען זיך צוזאמען אַלע קאַלאַניסטן וואס וואוינען אין שטאָט, און מ'באשטימט צו שיקן צוויי מענטשן צו דער דירעקציע אין בוענאָס איירעס בעטן א לענגערן טערמין אף אָפצונעמען די פעלדער פון די ארענדאטאָרס, כאָטש ביז מערץ 1912, וואס דאן ענדיקן זיך כמעט אַלע ארענדע־קאָנטראקטן, בכדי מ'זאָל ניט דארפן אוועקגעבן די גויים אזעלכע שווערע סומעס געלד.

דער גורל פאלט ווידער אף מיר מיט בערל ראבינאָוויטש, אז מיר זאָלן צופארן.

עס האָט ניט געהאָלפן אונדזער בעטן זיך ביי די אָנגעשראָקענע קאָלאָניסטן, אז ס'איז אומזיסט אונדזער פארן, אז מיר'ן גאָר ניט פועל'ן. מיר האָבן געמוזט צו זיי פארן.

קאַלט און שטרענג האָבן אונדז די הערן אף די דירעקטאָר שטולן עמפאנגן. אָפצוציען, פארלענגערן דעם טערמין פון דער גזרה, האָבן זיי ניט געוואלט. זיי האָבן זיך אויסגעלאכט פון אונדז.

— „ווי צו די באַזיגטע" — זאָגט מיר אין דער שטיל מיין חבר.

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו פארדינגען דאָס לאַנד? — פרעגט בייז דער דירעקטאָר מאָסס.

— רעכט? איז דען דאָס לאַנד ניט מיינס? — ענטפערט אים מיין חבר אויך בייז — האָב איך דען קיין רעכט ניט צו לעבן פון מיין 20 יעריקער ארבעט? בא אייך א דינער, דער שווייצאר, ווען ער ארבעט אַפּצען יאר, ווערט ער פענסיאָנירט, און איך, א קאָלאָניסט, זאָל ניט האָבן קיין רעכט צו לעבן פון מיין האָרעוואניע, פון מיין לאַנד?

— אייער לאַנד? — ענטפערט דער הער וועגעציאַני מיט שפּאָט, — ס'איז אייערס? אייערס? — און א הוזק שמייכל דרייט אים די דינע ליפּן

— איר זעט דעם בלייפעדער? — ווייזט ער א רויטן בליישטיפט און קלאַפּט מיט אים אין דער דאָלאָניע פון זיין לינקער האנט — קוקט, ס'איז אייערער? איר הערט! דאָס לאַנד איז אונדזערס, אונדזערס איז דאָס לאַנד! אז איר ווילט ניט פאָלגן אַלע אונדזערע באפעלן, זענט איר פריי,

מאיר קוויטעל

לייב סעגאל

איר קענט זיך נײַן, ווי עס שרײַבט פאַר דער אַרטיקל 8... און ער ווענדט זײַן בליק צו מיר און מיט חוזק וואַרפט ער מיר צו אַ שפּאַס:

— וואָס זאָגט איר, סעניאָר אַלפּערסאָן, איר שווײַגט?

דאָס גאַנצע בלוט, האָב איך געפילט, האָט מיר אַרײַנגעשפּאַרט אין קאָפּ, נאָר איך האָב מיך באַהערשט, און אים מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער געענטפערט:

— מעגלעך, אַז מיט דער זעלבער האַנט וואָס איר האַלט דעם בלײַפעדער וועט איר אונדז אײַנגיבן די טיטולאָס אונטערשרײַבן, הער וועגעציאַני...

דער שמייכל איז אים פאַרשוואונדן פונ'ם פּנים און אין אַן ערנסטן טאָן גיט ער מיך אַ פרעג:

— וויאַס־זשע, איר ווילט זיך ווײַטער לאָזן?

— איר ברײַנגט אונדז דערצו, סעניאָר; אַז נאָך צוואַנציק יאָר זאָגט איר, אַז דאָס לאַנד איז אײַערס, קענט איר דאָך נאָך 30 יאָר צײַט אויך דאָס אײַגענע זאָגן...

ער האָט זיך אָפּ אַ רגע פאַרטראַכט און אָנגעהויבן ריידן צום דירעקטאָר מאָסס אָף פּראָנצויזיש.

— איר זענט באַפולמעכטיקט פון דער קאָלאָניע צו ריידן אין זייער נאָמען? — פאַלט אָפּ אַ שכל דער הער מאָסס — איר זענט דאָך ניט פון דער קאָמיסיאָן, פון די דעלעגאַטן!..

— מ'האָט אונדז געשיקט — ענטפערט מײַן חבר — מיר ווילן פאַרמיידן אײַך און אונדז צו זײַן אַ מוסר ממון בידי גויים... ווײַל סײַ לאָזן זיך מיט אײַך און סײַ פאָלגן אײַך און אָראָפּטרײַבן די אַרענדאַטאָרס פונ'ם לאַנד, דאַרפן די גויים אַ סאַך אידיש געלט פאַרשלינגען... די קאָלאָניע וועט נאָך מער פאַראָרימט ווערן... פאַרשטייסט אונדז ניט פון זיך!

— גיט ער אַ ברום פונ'ם מיפן האַרצן אַרויס, — מיר זײַנען אַלע אידן... מיר ווילן שלום! מיר ווילן דעם קיום פון דער קאָלאָניזאַציע.

עס איז שטיל געוואָרן אין דער ביוראָ. אַלע פיר האָבן מיר שווײַגנדיק געטראַכט. עס איז ניכר געווען אין דער מינע בײַ די דירעקטאָרן אָפּ'ן פּנים, אַז אַ מלחמה צווישן ביוראָקראַט און מענטש קומט אין זיי פאָר און בײדע גלײַך האָבן געענטפערט דעם שטענדיקן געווויסן ענטפער: פּאַריז! מיר'ן שרײַבן...

מיר זײַנען אַהיימגעקומען און איבערגעגעבן דעם באַנאַלן ענטפער אונדזערע שיקערס.

אדאָלפאַ רייצין האָט געזאָגט: ס'איז אַ רוסישער קאָנצעליאַריע ענט־פער, „טאָם! נאָטשאַלסטוואָ ראַזבעריאָט!" מיר האָבן ניט וואָס צו וואַרטן, מ'דאַרף זיך ווענדן צו די אַדוואָקאַטן נאָך אַמאָל. און אייניקע האָבן גע־דרונגען, אַז מ'זאָל שיקן די קאָמיסיאָן־דעלעגאַטן אָפּיציעל צו די דירעק־טאָרן און נאָכאַמאָל בעטן אויף שלום.

עס איז ווידער צעריסן געוואָרן דאָס אחדות. צוויי פּאַרטייען האָבן זיך געבילדעט: מתונים און קנאים, אָדער ווי מ'זאָגט עס איצט: פּאַצי־פיסטן און מלחמה אָנהענגער.

די לעצטע האָבן זיך געווענדט נאָכאַמאָל צום יונגן אַדוואָקאַט ני־סענזאָן. ער האָט געענטפערט, אַז דער דאָקטאָר פּ א ז האָט דעם פּראָ־צעס פון קוויטעל מיט סענאַל פאַרשפּילט, ווייל ער איז געגאַנגען צום ציוויל געריכט און איצט האָבן אַדוואָקאַטן אויף אַ באַראַטונג בצאַשטימט, אַז דער ענין קויפשיינען געהערט צום קאָמערץ־געריכט. די יק"א — שרייבט ער — נעמט פּראָצענט, מאַכט עמבאַרגאָס, איז זי אַ קאָמער־ציעלע געזעלשאַפט, ניט קיין ציווילע און ניט קיין פילאַנטראָפּישע. דער באַרימטער אַדוואָקאַט דר. מעלאָ נעמט זיך אונטער אַרויסצובאַקומען איי־ערע קויפשיינען, שיקט פולמאַכטן אויף זיין נאָמען...

די קאָלאָניסטן האָבן צווישן זיך געקריגט. די פּאַציפיסטן האָבן זיך ניט געוואָלט לאָדן און האָבן זיך געלאָזט בעסער טעראָריזירן פון דער אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן זיך פּשוט פאַראומגליקט, זיינען אַריינגעקראָכן צו מלוה'ס, צו ביינק, צו קאָמערציאַנטן, אַבי נאָכצוקומען דעם באַפעל פון דער יק"א.

די קריגער האָבען פּראָטעסטירט. האָבן געשריבן אין דער „פאָלקס שטימע" גאַנצע אַרטיקלען, אויך אין דער ציוניסטישער אויסגאַבע „די אידישע האָפנונג", און זיי געראָטן אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַרמשכונ'ען, ניט פאַראומגליקן; זיי האָבן אויפגעהויבן אַ וויי־געשריי אויף דער גאַנצער וועלט. אַ בראָשורע „חלוצים הראשונים" האָב איך דאַן אָנגעשריבן און פאַנאַנדערגעשיקט. די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט אונדזער וויי־געשריי אויפגעכאַפּט און די בראָשורע איבערגעדרוקט. אונדזערע ברידער אין נאָרד אַמעריקע האָבן דערהערט. מ'האָט דאָרט אַ פאַרזאַמלונג פאַררופן און ס'האָט זיך פּראָיעקטירט צו שיקן אַ דעלעגאַציע מיט דר. זשיטלאָווסקי אין דער שפּיץ, אום צו זעען וואָס ס'טוט זיך מיט אונדז אין אַרגענטינע.

הלואי וואָלטן זיי געווען געקומען, וואָלטן זיי געוויס דעם חורבן מאוריציאַ אין אפשר אויך די רואינע פון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע, געווען פאַרהינדערט! ס'איז אָבער ניטאָ דער מזל, דער אומגליק האָט געוואָלט אַז...

איך גאַראַנטיר ניט פאַר'ן אמת פון דער זאַך, נאָר מ'זאָגט, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט די זאַך פאַרכאַפּט. געהאָלפן האָט איר דער ענטרע־ריאָסער פאַריין „פּאַנדראַ קאָמונאַל", וואָס ער איז איר אַ גרויסער בעל־חוב געווען, אַ מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט פּעזאָס איז ער דער יק"א שולדיג געווען, און געמוזט טאַנצן נאָך איר פּייפל. דורך די פאַרשטייער פון דעם „פּאַנדראַ קאָמונאַל" האָט זי קיין אַמעריקע געשריבן, אַז דאָס אַנאָנימע ביכל „חלוצים הראשונים" איז גאָר ניט פון מאוריציער קאָלאָניסטן און די גאַנצע זאַך איז גאָר ניט אַזוי געפערלעך...

און ווי ליידן געבעך דאָרט די קאָלאָניסטן פאַר זייער שענדלעכן טאַט! אין 1917 שניידט באַ זיי די יק"א די פעלדער, נעמט אַוועק באַ אייניקע צוואַנציק יעריקע קאָלאָניסטן אַ האַלב און אַפּטמאָל אינגאַנצן דאָס לאַנד. טרערן פון זקנים, פרויען און קינדער, פאַלן אין דער שטיל, פליסן אין די „אַרראָזשאָס", אין די טייכלעך פון ענטרע ריאָס... — מילא, וואָס קען מען מאַכן? מיט כשר'ע קהל'ס לייט איז ניט נאָר דאָס אידישע פאָלק אליין געשטראָפט. — איך וויל נאָר דערציילן דעם סוף פון'ם יק"א־אוקאַז. ס'האָט זיך אָפּגעטומלט אַ יאָר, און ס'האָט זיך אָנגערוקט דער 31־טער מערץ פון דעם יאָר 1911, דער לעצטער טערמין וואָס די יק"א האָט שריפטלעך געגעבן.

ס'איז געווען פּונקט אין אַ שבת טאָג, אַ פינצטערער שבת איז דאַמאָלסט געווען.

איך בין אַ בעלן אים צו באַשרייבן.

XII

דער שוואַרצער שבת

ס'איז אָנגעקומען דער חודש מערץ, אָט אָ דער פרייליכער חודש, דער חשוב'סטער, דער ליבסטער פון אַלע צוועלף מאָנאַטן פון אַ גאַנץ יאָר, אונדזער יום־טוב־חודש, דער חג האסיף אין קאָלאָניע.

דאָס ברויט פון פעלד, דער ווייַן, דער קאָרן און דער ליאָן, זיינען שוין אין שייער אַרייַנגעפירט געוואָרן. דער לחם לאכול ובגד ללבוש האָט שוין די מאַמע ערד פאַרזאָרגט. איצט נעמט מען זיך צונויפזאַמלען די גאַשערייען, די זיסע מתנות פון די בוימער, מיט וועלכע זי האָט אונדז באַגליקט. אויך דער קלימאַט איז אין'ם דאָזיקן חודש זיס, מילד און ווייך, די גרויסע היצן זיינען אַוועק. די זון שיינט, וואַרעמט, פייגעלעך זינגען פונקט ווי אין פרילינג.

דער הימל, אַ בלויער און טיפער קוקט אַראָפּ אַף די ווייס געקאַלכטע שטיבלעך, אַף די „פּאַרוועס" (סטויגן) ברויט, וואָס שטייען מיט אַזוי פיל חן, אַז ס'גלוסט זיך נאָר זינגען און טאַנצן, וואו נאָר דו קוקסט אין פעלד, אין גאָרטן, אין סאַד, זעסטו און פילסט גאָטס ברכה.

עס שטייען זיך די גראָב בייכיקע פייגענבוימער, באַלאָדן מיט זייער צייטיקער זיסער פרוכט, האַלטן אָפן די רויטע מיילעכלעך, פון וועלכע עס טריפט דער האָניק און בעטן זיך ממש רחמים: נעמט אונדז אַראָפּ פון בוים. געזונטע ראָזעווע מיידלעך טוען עס, און זינגען דערביי אַזוי זיס, ווי די זיסע זאַפט פון דער פרי, וואָס רינט זיי איבער די הענט, בחורים קלעטערן העכער, קריכן העכער, קלעטערן אַף די הויכע עפּלבוימער און באַרנבוימער, זאַמלען די פירות און שיקן אַראָפּ צוזאַמען מיט די פירות, גליענדע בליקן און הייסע לופט־קושן צו די פלאַמענדיקע סעניאָריטאַס און דאָס לעבן שפּינט זיך זיין אייביק'ן געוועב...

דער אַלטער זיידע, דער פרומער, האַלט אַ ניי קוישעלע אין האַנט, גייט אום צווישן די ווייַנשטאָקן, קלויבט אַ טרויב צו אַ טרויב. די פולסטע,

די שענסטע וויינטרויבן זוכט ער אויס, ווארפט זיי אינ'ם קוישל און די אלטע ליפן זיינע שעפטשען דערביי: כשר לפסח. און אפטמאל זינגט ער זיך צו אין דער שטיל ניסי בעלזער'ס „ארבע כוסות כבמחזה".

די מוטער, א דיקע מיטעלע פרוי, מיט א זאטן פנים און אן אפגעשיילטע הויט פון די זומערדיקע היצן, דרייט זיך אום אין „פאטיע", שעפט תענוג פון איר אייגענעם פראדוקט, פון די עופות, וואס זיינען איר דאס יאר זייער געראטן: גענז, קאטשקעס, הינדיקעס, הינער. זי ציילט זיי, ציילט און קען נעבעך קיינמאל ניט ארויס מיט'ן חשבון.

—הערשל! — גיט זי א בעט דעם מאן, — אפשר וואלסטו מיר געהאלפן א צייל טאן די עופות?

הערשל גיט א צופרידענעם שמייכל און גייט זיך אוועק אין „סענאדא" אריין — אויב ציילן — טראכט ער — איז שוין גלייבער די היייעריקע קעלבער און לעמער א צייל טון. ער שפאצירט אום צווישן די בהמות, ציילט, באטראכט די יונגע קי מיט די ווייסע אייטערס, די פעטע פארגאסענע ווייז־קעלבער, דערזעט זיינע ליבלינגען, די פערד, וואס פאשען זיך איצט פריי און גלאנצן פאר פעטקייט; ער גיט א רעד צו זיי, שטרעקט אויס די האנט און וויל אנגעמען איינעם פון זיי. זיי הויבן אויף די קעפ פון דער פאשע, קוקן אין זייער באלעבאס, דערקענען אים א פנים, הירזשען זיך פריילעך אויס און צעבריקעווען זיך אין א ראד ארום אים.

— איי שקצים! איר הוליעט? הוליעט, ס'איז אייער חודש, אייער וואקאנץ, אט באלד נעמען מיר זיך אקערן אף ווייז... ער קריכט אריבער דעם פלויט, פארקערעוועט זיך לינקס, באטראכט די שוין באלד פארטיקע קוקורוזע; ווייסע, געלע, רויטע, קופער, זילבער און גאלד. ער טאפט ארום א „טשאלע", א שטעקען קוקורוזע; אך! פיר קאטשאנעס אף איינעם!.. דאס הארץ ווערט אים אנגעפילט מיט פרייד, און מיט געצייל טע טריט שפאצירט ער זיך אזוי ביז צום וואלד — זיין וואלד, וואס זיינע הענט אליין האבן צוריק מיט אכצן יאר פארפלאנצט. ער באקוקט אים, דעם וואלד, ווי ער שטייט זיך איצט שטיל באגאסן מיט זונען שיין און איז עפעס ווי פארטראכט. אייניקע ווייסע און אויך געלע בלעטער שעמערירן שוין ביי אים אין זיין גרינעם קאפ.

— זארג ניט, אלטער! — גיט זיך הירשל א זאג אין דער הויך — אויך בא מיר אין קאפ און באָרד זיינען זיי געקומען, די ווייסע־חברה'ניי־

קעס... לאָך זיך אויס פֿון זייער טאַטן, מיר זײַנען נאָך שטאַרק... ער צע־לאַכט זיך אַליין פֿון דעם וויץ, לעגט זיך אַנידער אונטער אַ בוים, צע־שפּרייט זיך די פֿיס בהרחבה'דיג און מיט די הענט טאַפּט ער די ערד:

— מוטערל מײַנס! שפּייזערן מײַנע! איך האָב דיך ליב!

אָפּ'ן גערדאַנק קומט אים זײַן ברודער יאָסל, דער קרעמער. ער צע־לאַכט זיך אָפּ'ן קול: איי, ברודער, איי ברודער! דו האָסט געלט, אַ קראָם שמאַטעס! אַנו, ווען די קראָם ברענגט דיר ניט אַרײַן קאַטש אײנע אַכט טאָג וואָס צו פּיסקעווען? נעם, ברודער, דײַנע שמאַטעס, פּרעס דײַנע באַנק דעפּאָזיטן!.. פֿאַר וואָס־זשע ליגן זיי טאַקע דאָרט אין שטאָט, וואַר־גן זיך אין די עטאַזשן, כאַפּן אויס אײנער בײַם צווייטן דאָס ביסל לופֿט? אָרימע קרעמער!..

הערשל טראַכט. מילא, זאָל ער טראַכטן. ניט אַלע קאָלאָניסטן טראַכטן דאָך. בכלל האָט דער פֿעלד מענטש פֿײַנט דאָס טראַכטן. ווער שמועסט אונדזער דאָרפֿישע יוגנט! זי האָט אודאי און אודאי דאָס ניט ליב. זי, אונדזער יוגנט, שעפּט דאָס לעבן מיט פֿולע זשמעניעס ווען ס'קומט דער יום טוב־חודש, דער זיסער מערץ. אַלע טעג, אַלע חתונות ווערן אין דעם חודש געפּראַוועט. ס'איז ששון ושמחה אינ'ם גאַנצן דאָרף, מיט עמער שעפּט מען די פֿרייד...

און אָט אין דעם זיסן, פֿריילעכן חודש, אינ'ם ערשטן שבת פֿון חודש מערץ, האָט זיך דער יק"א־אַדמיניסטראַציע פֿאַרגלוסט צו פֿאַרביטערן, פֿאַרפֿינסטערן און צעשטערן די שמחה. אַ שוואַרצער שבת איז דאַן גע־וואָרן. און ער איז דאָך פֿריער אַזוי ווייס, אַזוי לויטער געווען!

מ'ווייסט עס אַף געווים, אַז דער שיינער ספּעקטאַקל איז אירער, דער אַדמיניסטראַציעס אַן אייגענער געווען. די שפּיאָנען־קוליגאַנעס האָבן עס אַף אירן אַ וואונק געמאַכט.

אַ שטיק פֿינף און צוואַנציק האָבן זיי זיך אין דעם דאָזיקן שבת צוזאַמענגענומען. אייניקע אַף פֿערד, אַנדערע צופֿוס, זײַנען זיי אַף די פֿעלדער פֿון די בונטאָווטשיקעס, די כלומרשטע רעוואָלוציאָנערן אַרויף, און אָנגעהויבן מעסטן דאָס לאַנד, אויסשרײַענדיק דערבײַ: „אָט באַלד, באַלד קומט דער 31־טער מערץ, דער לעצטער טערמין, רעסיסיאָן דעל קאָנטראַקטאַ, איר אַלטע ווערט אַרויסגעשמיסן, דאָס לאַנד האָט די אַד־מיניסטראַציע צו אונדז פֿאַרטיילט... „ביז דעם דאָזיקן שטענגל געהערט צו דיר — שרײַט אויס אײן גריגער צום צווייטן — און פֿון דאַנען און ווײַטער איז מײַנס"...

— נו, און דעם וואלד, מערזאוועץ, דיר איינגאָנצן אָפּגעבן? הערשל׳ס וואלד וויל ער איינשלינגען איינער אליין! ס׳איז אַ שלל, אַ פּארמעגן!..

— אָף פירן לאָמיר אים צעטיילן, חברה, — פּסק׳נט איינער, אַ פערד־גנב פון דער היים.

דער ערלעכער שמיד פּעסי בולמעס, וואס וואוינט יארן בא הערשלען אָף דער „קינטע", כאַפּט אַ פרענט אייזן און לויפט זיך שלאָגן: — רוצחים, גנבים! — שרייט ער, און די אויגן ווערן אים פארגאָסן מיט בלוט און טרערן — די פאמיליע האָט דארויף געארבעט מער ווי צוואנציק יאר! איר קומט זיך טיילן?

עס ווערט אַ געשלעג.

מ׳קען זיך גאָר נים פארשטעלן דעם פארדרוס און די שרעק פון די אלטע פּיאָנערן, ווען זיי האָבן דערזעען די כוליגאַנעס מיט דעם געשלעג אָף זייערע פעלדער.

אַ שווארצער שבת איז דאָס געווען, וואס די אדמיניסטראציע האָט פארטראַכט אָף אָנצושרעקן און אָנצולערנען די קריגער.

אין דעם שבת צו נאַכט איז מען זיך צוזאַמענגעפארן און מיט איין דעה האָבן אלע באשטימט: לאָדן זיך מיט די אדונים! אהער אָדער אהין, עבדות אָדער חרות, קנעכטשאַפט אָדער פרייהייט!..

אין דריי טעג ארום האָט שוין דער פריער דערמאָנטער אדוואָקאַט, דר. לעאָפּאָלדאָ מעלאָ, דעם נייעם פּראָצעס וועגן די קויפשיינען פאר־פירט אינ׳ם קאָמערציעלן געריכט.

XIII

מאָוריציאָ אין קעשענע בײַ די שפּעקולאַנטן

דאָס קאַפע הויז „פּאַוליסטאַ“. — די בוענאָס איירעסער מנחם מענדלס שנײַדן שוין מאָוריציאָ אויף חלקים. — פּלענער און גליקן. — די אַדמיניסטראַציע שווייגט ניט. — „די ערד איז ניט זייערע!“. — ווערמאַנט אויף דער זייט פון דער יק"א. —

אין דער רעזידענץ שטאָט בוענאָס איירעס אויף דער גאַס סאַן מאַר־טין אין די נומערן פון ערשטן הונדערט, שטייט דאָס באַוואוסטע קאַפע־הויז „פּאַוליסטאַ“. טאָג און נאַכט ווערט די עלעקטריק דאָרט ניט אויסגעלאָשן; די גרויסע טירן שטייען שטענדיק אָפן און טויזנטער מענטשן זעט מען אַריין און אַרויסגיין. די גרעסטע סוחרים, שפּעקוליאַנטן פון הייזער און לענדער, מעקלערס מיט אַ שם, זיינען דאָרט אַרום די טישלעך באַזעצט. שווינדלער, מיט פאַלשע פּלאַנען פון גיטער, פון פעל־דער, פון איינגעאָרדנטע ווירטשאַפטן, וואָס עקזיסטירן נאָר אויף פּאַפּיר, זיינען דאָ, אין יענער צייט פון באָדן־פיבער, בײַ די פּאָלירטע טישלעך גע־זעסן און מ'האָט פאַרשאַכערט די וועלט, אויף גרעסערע און קלענערע חלקים צעשניטן און צעטיילט גאַנץ ערד און זי פאַרקויפט און איבער־געגעבן ווי אַ שטיקל סחורה מיד ליד...

אויף די טישלעך און אין בוזים־קעשענע בײַם מעקלער האָט מען גע־קענט זעען פּלענער מיט צוקונפטיקע שטעט און קאָלאָניעס, מיט פּאַרי־טיקע שיינע בולוואַרן, פּלאַצעס און צוקונפטיקע באַנען וואָס קרייצן דורך אויסגעמאָלטע פּראַכטפולע קאָלאָניעס און פירן די פּראָדוקטן זייערע צו די האַפנס פונ'ם ים; פון די ווייטע פעלדער אין דער טשאַקאָ, ביז די זאַמדיקע „מעדאַנאָס“, די בערגלעך פון דער פּאַמפּאַ, די מינעראַלן פון די אַנדן־בערג, די גאָלד מינען, די נאַפט־קוועלן פון טשובוט, אפילו דאָס קאַלטע דרום־ווייטע פייערלאַנד ביז צום פּאָליוס, די אור־וועלדער פון בראַזיל און פּאַראַגוואַי; אַלץ איז צעשניטן און פּלאַנירט געוואָרן.

שפעקולאַנטן צאָלן אַפּ שווערע געלט פאַר בלויז אַנאָנסן, פאַר רעקלאַמע אין די צייטונגען. מ'מאַכט ליציטאַציעס, ריכטיקע און פאַלשע, מיט אומזיסטיקע באַנען, מיט מוזיק פירט מען טויזנטער מענטשן אַפ'ן ליציטאַציע פּלאַץ...

און דער אָרעמער מענטש, וואָס נאַרט נעבעך שטענדיק נאָך אַ היים, נאָך אַ שטיקל אייגענע ערד אַף דער גרויסער וועלט, זוכט זיך אויס אַפ'ן פּאַן אַ שטיקעלע, אַ חלק'ל, וואו אים געפעלט, צאָלט איין פאַר אַ פּאָר חדשים פאָראויס און שרייבט אונטער אַ דאָקומענט אַף אויסצוצאָלן אין צוויי אָדער דריי יאָר אין דער אָדער יענער באַנק. סוחרים ווערן רייך. אויך די קאָמיסיאָניסטן, אינזשעניערן, רעמאָנטאָרן, אַלע מאַכן געלט. מ'זיצט טאָג און נאַכט אין „פּאָוליסטאַ", מען טרינקט די קאַווע בהרחבה און כ'פאַרזאָרגט דעם אַרבעטער מיט אייגענע ערד.

אויך קאָלאָניע מאָוריציאַ איז אַף די פּאָלירטע טישלעך פון קאַפע „פּאָוליסטאַ" צעליינט. סוחרים האָבן שוין געוואָרפן אַן אויג אַף איר...

„לאַ פּרענסאַ", די גרעסטע צייטונג פון לאַנד, האָט אין איר „גערוכטס אַפּטיילונג" געשריבן, אַז די קאָלאָניסטן פון מאָוריציאַ האָבן דורך דר. מעלאַ איינגעגעבן צום קאָמערץ ריכטער אַרויסצופאָדערן די דעפיניטיווע קויפשיינען אַף זייער ערד, באַצאָלנדיק דער „דזשואיש" אין פאַראוים די גאַנצע צען יערלעכע ראַטעס און אַז נאָכ'ן קאָמערציעלן קאָדעקס האָבן זיי רעכט. די באָרדן-סוחרים, מיט די אַלע מעקלער, גרעסטנטיילס אידישע מנחם מענדלס, האָבן די „פּרענסאַ" דערזעען, האָבן זיי זיך ראַפּטאַם אין קאָלאָניע אַריין אַ לאָז געגעבן. עס איז לעבעדיק געוואָרן אין די גרופּעס.

נאָכ'ן הייכטן אַלטן וואונש פון די קאָלאָניסטן, צו מאַכן פון דער קאָלאָניע פיר שיינע ד ע ר פ ע ר, האָבן שוין די שפּעקוליאַנטן אַזעלכע שיינע פּלאַנען געלאָזט אויסמאָלן. און די רייכע אידן פון יענער צייט האָבן זיך שוין געזאָלט קויפן אין די דערפער דאַטשעס; פּאַלאַצן, טשאַלעען זיך אויסבויען און קומען מיט זייערע מאַדאַמען פאַרברייננגען דעם הייסן זומער אונטער די שיינע אַקאַציעס און סעדער אין אַ אידישער סביבה...

איינער אַ אידישער דאָקטאָר פון קאָלאָניע, אַ גרויסער פאַנטאַזיאָר, דר. ניורענבורג פון מאָססוועס, האָט נאָך אַ גראַנדיעזן פּלאַן אויפגעגעבן אין „פּאָוליסטאַ"; מ'זאָל באַ דער לאַגונע, באַם טייך, וואָס שווענקט די

ברעגעם פון אונדזער בית־עלמין, וואס נאָכ׳ן כעמישן און מעדיציינישן אַנאַליז, פאַרמאָגן אירע וואסערן פּיל פאספאר און פּאָטאַש — בעדער אויסבויען און אַ קורבאַר פאר רעמאטיז־ליידענדיקע שאַפן.

שפּעקוליאַנטן האָבן די אידייע ניט פאַרוואָרפן, אַן אינזשעניער און אַ כעמיקער זיינען אַראָפּגעקומען פון לאַ פּלאַטאַ באַטראַכטן די פּאָזיציע.

— מיר וועלן אויסגעלייזט און גליקלעך! — האָבן זיך די קאָלאָניסטן געקוויקט; — טויזנטער אידן וועלן זיך באַזעצן בא אונדז... אַ אידישער צענטער וועט בא אונדז אין מאוריציאָ ווערן... מ׳דאַרף נאָר זעען וואס שנעלער די קויפשיינען אַרויסבאַקומען, ווייל אָן זיי קען מען דאָך גאָרנישט מאַכן...

די אַדמיניסטראַציע האָט דערזעען אַז אָט, אָט שטעלן זיך די קאָלאָניסטן אַף אייגענע פיס און דער ישוב גליטשט זיך אַרויס פון זייער ממשלה, און האָט געזוכט אַן עצה. וואס האָט זי געטאָן? טאָ הערט:

די שפּ"ר־הינט וואס ליגן שטענדיק לעבן איר טיר, צוזאַמען מיט די סוחרים פון די אַרומיקע שטעטלעך, די וואס עקספּלואַטירן יאָרן און יאָרן די קאָלאָניסטן און האָבן נאָך טענות אַז אַלע זייערע באַנקראָטן מוזן זיי מאַכן צוליב די קאָלאָניסטן, וואס צאָלן זיי ניט אָפּ זייערע שולדן, אָט אַ די כאַליאַסטרע, האָט די אַדמינסטראַציע אָנגערייצט אַף די קאָלאָניסטן זיי צו דעמאָראַליזירן און צו מאַכן איגנאָרירן אַלע די אויבנדערמאָנטע פּלענער.

אין דעם זעלבן קאַפע־הויז „פּאַוליסטאַ“, איז איינער פון די סוחרים מיט זיינער אַ באַנדע געזעסן און האָט בסוד סודות דערציילט יעדן איינעם, אַז פון קדשי קדשים איז באַשטימט ניט צו דערלאָזן אַז די קאָלאָניסטן זאָלן דעם פּראָצעס דורכ׳ן דר. מעלאַ געווינען, — ס׳מעג קאָסטן מי יודע וויפיל.

— דאָס לאַנד איז ניט זייערס און ס׳זיינען אומזיסט די אַלע פּלאַנען...

מ׳האָט עס צעטראָגן אין קאַפע־הויז, אין גאַס און אומעטום: דאָס לאַנד איז ניט זייערס!..

און מערקט אייך די איראָניע:

די אַריסטאָקראַטישע יק"א, וואס איגנאָרירט שטענדיק די עפנט־

ליכע מיינונג, די רייכע געזעלשאפט, וואס לאכט זיך אויס פון דער פרע־
סע און פון דער גאנצער וועלט, טענה'נדיק: לאזן זיי שרייבן די שנא־
רעדים וואס זיי ווילן, — אט די שטאלצע מומע האט בא דעם טיטולאס־
זאמף געזוכט די סימפאטיע פון דער אידישער פרעסע.

די „פאלקס שטימע" און די „אידישע האפענונג", די כמעט איינצי־
קע דעמאקראטישע אידישע צייטשריפטן, האט זי דאן געוואונען אף איר
זייט. פלוצים האט א. ווערמאנט, דער רעדאקטאר פון דער „פאלקס־
שטימע", וואס האט שטענדיק געשאטן פעך און שוועבל אף דער אדמי־
ניסטראציע, זיך איבערגעקערט. ער האט אנגעהויבן מוסר זאגן און אויס־
געפאדערט כל ישראל פון ארגענטינע צו זעען הינדערן די פרייהייט,
מאטיווירנדיק, אז די קאלאניזאציע איז דאס שענסטע ווערק פונ'ם אי־
דישן פאלק דא אין לאנד, ווען ניט די אידישע אגריקולטארן וואלטן די
היזיקע גאר אנדערש אף אונדז געקוקט... און מיט דער פרייהייט וועלן
אידן פארקויפן די לענדער און עס איז אויס מיט אן עק...

א הייליקן אמת האט ער דאן געזאגט; ער האט אבער די קאלאניס־
טישע ארגומענטן, זייערע גערעכטע טענות, די סבות וואס טרייבן זיי צו
דער פרייהיי'ט, ניט דערמאנט.

די קאלאניסטן האבן זיך געפונען פון דער שטאטישער אגיטאציע
באליידיקט און געקרענקט. די קאלאניסטן האבן געטענה'ט און מיט
רעכט: די קרעמערס ווילן מאכן אלערליי פסלנות, אלע טריפה'נע באנ־
קראטן און זיך צודעקן מיט אונדזער שווייסיקן טלית, מיט'ן „זיעת אפים"
פונ'ם קאלאניסט...

אבער טענה'ן האבן זיי נאר געקענט צווישן זיך; אין דער עפנט־
ליכקייט, דורך ווארט און שריפט זייער רעכט אויסצודריקן, האט מען
זיי ניט געלאזט; קיין איינער פון די אויבנדערמאנטע ארגאנען האט זיי־
ערע ארגומענטן ניט געוואלט דרוקן.

XIV

די יק'א האָט באַשטימט חרוב מאַכן...

„דער פאַרטיידיקער". — די שריפט פון דר. מעלא אוועקגעשיקט קיין פאריז. — דער אדמיניסטראטאר נעמט נקמה. — נאך איין דעלעגאַציע. — די דירעקטאָרן האבן באַשטימט חרוב מאַכן מאוריציא. —

מ'זאָגט „גאָט שיקט צו דעם טרינקער זיין וויין און דעם שפּינער זיין ליין". די מאוריציער קאָלאָניסטן האָט גאָט צוגעשיקט די ברידער קראַסילאָווסקי. אָט די צוויי ברידער פידעל און הערמאַן, האָבן אין קאַסאַרעס געהאַלטן אַ שפּאַנישע דרוקעריי און ווען די אידישע פּרעסע פון ב. איירעס האָט זיך פאַר'ן אידעאַל אָדער מעטאַל דערשראָקן און אָנגעהויבן פוליידיקן מאַראַל, אַז מאוריציער קאָלאָניסטן זאָלן זיין גוט און פרום, נ'ט ריידן קעגן דער רייכער מומע און זיך אָפּציען פון דעם ענין קויפשיינען, זיינען די ברידער קראַסילאָווסקי, וועלכע זיינען באַזעעלט געוועזן מיט אַ פייערדיקן רעוואָלוציאָנערן גייסט, די קאָלאָניסטן צו הילף געקומען.

— מיר וועלן אַ אידיש וואָרט לאָזן דרוקן — האָבן זיי געזאָגט — שרייבט און פאַרטיידיקט זיך אַקעגן די קרעמער, באַווייזט די אומוויסענדיקע, די בלינדע, אייער רעכט...

אַ קליינעם קאָמיטעט פון אונדזערע קאָלאָניסטישע אָרעמע ליטעראַרישע כחות האָבן זיי דאַן צוזאַמענגעשטעלט און געגרינדעט אַ וועכנטלעכן זשורנאַל מיטן נאָמען „דער פאַרטיידיקער".

איך האָב פּראָוויזאָריש די רעדאַקציע אַרבעט געמוזט איבערנעמען און רויזענפעלד, הערמאַן קראַסילאָווסקי, פּוסטילניק און דוד גלאָזערמאַן (אונדזער יונגער שוחט) זיינען אַלס מיטאַרבעטער באַשטימט געוואָרן. אַ פּרעס-קאָמיטעט האָט דאָס געהייסן.

שפּעטער האָט צבי שקאָלניק איבערגענומען די רעדאַקציע און ער מיט קראַסילאָווסקי'ן האָבן די קאָלאָניסטן זייער ערלעך געדינט. דער לעצטער איז צו צוויי יאָר טורמע פאַרמישפּט געוואָרן צוליב זיי און איז אויך

אַ צוויי חדשים געזעסן. איך וועל נאָך ריידן דערפון.

און ווי האָבן זיך די קאָלאָניסטן מיט דעם „פאַרטיידיקער“ געפרייט! דער נאָמען אַליין האָט זיי שוין דערקוויקט.

דאָס קעפּל מיט דעם מאָטאָ „לא הניח לאיש לעשקם“, וואָס דער „פאַרטיידיקער“ האָט אויף זיך געטראָגן, האָט אַ נייעם מוט אין די דעמאָ־ראַליזירטע קאָלאָניסטן אריינגעגעבן.

מאָוריציאָ האָט באַקומען אַן אייגענעם, אפילו אַן אָרעמען, אָרגאַן. מען האָט שוין געקענט דורך שריפט באַקעמפן די דעספּאָטיע און ווייזן די קרעמער ווער עס האָט רעכט.

אַזוי אַרום איז דער בונד פון די פרייהייטס קעמפער געוואָרן שטאַר־קער.

דר. מעלאַ האָט דערווייל געטאָן זיינס. ער האָט אַ וויכטיק לאַנישע שריפטליכע אָפּהאַנדלונג צוגעשיקט דעם „בועז דע קאָמערציאָ“ און אוי־בערגעוויזן דאָס קאָלאָניסטישע רעכט און אויך דאָס גוטס און פּראָגרעס וואָס זיי און אויך דאָס לאַנד וועלן האָבן ווען די מענטשן וועלן זיין פריי...

אַ קאָפּיע פון דער שריפט האָט דר. מעלאַ אין קאָלאָניע אריינגע־שיקט. מהאָט צוזאַמענגערופן אַן אסיפה פון אַלע קאָלאָניסטן, פּאַציפיסטן ווי „סנאים“.

און כדי צוליב צו טאָן די ערשטע, וואָס האָבן אַלע נאָך געדענקט אַז מ'קען אפשר מיט גוטן אַרויסבאַקומען די קויפשיינען בײַ דער די־רעקציע, האָט מען דעם שריפט פון דר. מעלאַ אוועקגעשיקט צוזאַמען מיט אַ ביטע פון 140 אונטערשריפטן צום פּרעזידענט פון „יק״אַ“, צו נאַרסיס לעווען, קיין פּאַריז, און דערביי אָנגעוויזן אַ ריכטיקן חשבון וואָס

יעדער קאָלאָניסט איז שולדיק אין דער אדמיניסטראַציע, אויפוויייזנדיק, אז די אלע גרויסע שולדן זיינען אַנגעוואַקסן אלס קאָנסעקוועגץ פון דער נאַרישער גזרה פונם 26־טן דעצעמבער 1910, מיטן פונקט 8 און אים נביאות געזאָגט ווען ח ו ר ב ן מ א ו ר י צ י אַ, אז די פעלדער וועלן מוזן פארקויפט ווערן און אז דאָס איז אַלץ אַ דאַנק דער פאַלשער אדמיניסטראַציע. און — שרייבן זיי אים ווייטער — אויב ער וויל נאָך עטוואָס אַפּראַטעווען די קאָלאָניע, זאָל ער שיקן אַ קאָמיסיע פון פּאַריז, וואָס זאָל זעען מיט די אייגענע אויגן דעם צוגעגרייטן תהום, אפשר וועלן זיי נאָך קענען העלפן. אַ קאָפּיע פון דער ביטע האָבן די קאָלאָניסטן אריינגעשיקט צו דער היגער דירעקציע.

די ביטע האָט די דירעקטאָרן נאָך מער אין כעס אריינגעבראַכט. אָן רחמנות האָט די אדמיניסטראַציע אָנגעהויבן יעדן איינעם צו פּלאָגן.

אין אַ שבת—אַלע לומעפּרייען קומט אוים באַ זיי אום שבת צו טאָן — איז דער אדמיניסטראַטאָר ארויסגעפאָרן מיט פּאָליציי אויף נ ק מ ה. ער האָט עמבאַרגירט די שולדיקע, צוגענומען וואָס ס׳איז געווען אין שטוב, די לעצטע מילך־קו, די פּאָר זעקלעך ווייץ אויף מעל און אויך די זריעה.

באַם אלטן משה ליכטמאַן, אין גרופּע 54, האָט זיך זיין בן יחיד אפרים, אנטקעגנגעשטעלט און ניט געלאָזט די סעמיזשע ארויסנעמען פון שטוב. די פּאָליציי האָט אים מכבד געווען כדיבעי און אין „קאלאבאָס" אוועקגעפירט. דער אדמיניסטראַטאָר האָט אים דערביי נאָך געסטראַשעט מיטן באַקאַנטן היגן „סיביר" פון סיערראַ טשיקאַ. דער אלטער פאָטער איז דעם שבת צופוס קיין קאַסאַרעס אוועק און מיט פיל שתדלנות, דורך די קאַסאַרעסער קרעמער, האָט מען דעם ארעסטירטן באַפריים.

די מאַסע איז ווי שטענדיק — ווען זי דערזעעט די בייטש — אויפגעציטערט געוואָרן.

פּאַריז—זאָגן זיי—איז ווייט, גאָט איז הויך און די פּאָדפּאַנקעס טוען וואָס זיי ווילן... און איידער עס וועט קומען אַ קאָמיסיע פון פּאַריז, וועלן זיי אונדז אלע צעברעכן... לאָמיר שיקן צו זיי קיין בוענאָס איירעס נאָכאַמאָל אַ קאָמיסיע, בעטן אפשר וועט מען דאָך באַ די היגע דירעקטאָרן פּועל׳ן.

איינגעזעקשנ׳ט האָבן זיך די מתונים, די פּאַציפיסטן, זיי ווילן נאָך איין מאָל פּרובירן שיקן אַ דעלעגאַציע, זאָלן די דעלעגאַטן איבערריידן

מיט די דירעקטאָרן, אולי ירחם! ס'האָט ניט געהאָלפן קיין ארגומענט און קיין טענה'ן. הייזעריק איז אראָלפאָ רייצין אין קהלם שטיבל געוואָרן, שרייענדיק:

— בלינדע, ביז וואנען איז דער שיעור צו בויגן דעם קאָפּ?!

— נאָך איין מאָל! — איז געקומען דער ענטפער — מיר מוזן נאָך איין מאָל און ניט מער...

מ'האָט אויסגעקליבן פיר קאָלאָניסטן, סאמע מאמינים אין דער פילאַנטראָפּיע. ישראל דיניעץ, משה הויכרייך, יענקל עדעלמאן און דוד שמוקלער, אלע פיר גלויביקע און כמעט גוטע ברידער מיט'ן אדמיניסטראטאר און מ'האָט זיי געשיקט צו דער דירעקציע קיין בוענאָס איירעס.

און ווידער מוז איך זאָגן, אז די פרייהייט־געטין האָט זיך אירע ווענן. אפילו בא דער צענטער מכה האָט זיך דער מושל פון מצרים ניט געוואָלט אונטערגעבן און אויך אונדזערע יק"א הערן פון קאָזשאַאַ 216 האָבן זיך פון דער נייער גלויביקער דעפוטאציע אויסגעלאַכט. און ווען די נאַאיווע אידישע פויערים האָבן מיט ביטערקייט אין א העברן טאָן אָנגעהויבן ריידן, איז דער דירעקטאָר וועגעציאַני אין כעס געוואָרן און זיך אויסגעשפּראָכן:

— מיר וועלן ניבער מאָוריציאָ רואינירן, איידער קויפשיינען אייך ארויסגעבן.

זיי זיינען איצט פאלקאָם מקיים זייערע רייד.

איינער פון די פיר, דוד שמוקלער, זייער א הייסער טעמפּעראמענט, איז בא די ווערטער אויפגעקאָכט געוואָרן און אָף א קול אויסגעשריען:

— איר האָט ניט קיין רעכט א תל צו מאכן מאָוריציאָ, איר האָט זי ניט געבויט! — און ער האָט מיט דער פויסט גענומען שלאָגן זיך אין ברוסט, שרייענדיק:

— מיר וועלן אונזער היים פאַרטיידיקן פון הונדערט אזעלכע צעשטערער ווי איר זענט...

— אפוערא! (ווי מ'זאָגט דאָ צו א הונט) — האָט וועגעציאַני אויסגעשריען אין שרעקלעכן כעס — ארויס פון דאנען! וואָן! און ער האָט אָנגעהויבן קלינגען צום שוויצאַר.

די פיר משולחים האָבן אָבער ניט געוואָלט וואַרטן אָפ'ן משרת, זיי זיינען אליין גלייך ארונטערגעלאָפן די טרעפּ און אוועק אָף דער אבסניה.

דאמאָלסט איז דער גזר געחתמ'עט געוואָרן.

דערנידעריקט און פאַרשעמט זיינען די מאמינים אהיימגעקומען און א סוף, א יאָמער האָבן זיי אין סאַלאָניע צעטראָגן: „די דירעקטאָרן האָבן באַשטימט חרוב צו מאַכן מאוריציאָ"!

דוד שמוקלער און ישראל דיניעץ זיינען אומגעפאָרן פון גרופּע צו גרופּע און אויפגעפאָדערט די סאַלאָניסטן צו קומען אף דער גרויסער אסיפה, דאָנערשטיק, אין שול פון אלגאראבא.

דוד שמוקלער



ישראל דיניטץ

XV

די שבועה

מיר שווערן. — די אדמיניסטראציע אין חרם. — די אפיציעלע מעלדונג פון „סענטראל אמעריקאנא“. — ווענעציאַני אליין איז געקומען. — א שפּיי פאר א שפּיי. — זיס איז די נקמה! —

מיטן באגינען האָבן זיך שוין געצויגן מחנות־ווייז רייטער און פוס־גייער, וועגן און סולקים, געפּאַקט מיט מענער, פרויען, נערים וזקנים, אלע האָבן זיך געצויגן צום שטעטל אלגאראבא.

מ'האָט ארויסגעטראָגן א טיש אין שול־הויף און די זקנים מיט די פארשטייער האָבן זיך אדומגעשטעלט רונד ארום אים. די ברענענדיקע שטראלן פון דער זון האָבן אַפּגעגלאַנצט אַף דער רויטער שול מיט איר צינערנעם דאך און ווי מיט זיילן פייער ארומגענומען די מאסע ווייבער מיט קינדער, האָבן אַפּגעשפּיגלט די אויפגעברויזטע פנים'ער פון די זקנים. עפּעס א מאוים'דיקער סוד איז געלעגן אין זייערע אלטע צעאַקערטע גע־זיכטער.

דער איננסטער פון די שליחים, ישראל דיניעץ, איז דער ערשטער ארויף אפ'ן טיש.

— איר האָט מיך געשיקט, ברידער, אַף די טויערן פון קאזשאַא צו קלאַפּן, רחמים בעטן — האָט ער אָנגעהויבן — ווייסט, ברי־דער, מיר זיינען פון די ארונים באשפינן געוואָרן! מ'לאַכט אונדז אויס! פאר א צדקה געשעפט רעכענען די פּראנצויזן די קאָלאָניזאציע. פאר בעטלערס, שנאָרערס, נעמען זיי אונדז אָן. דאָס לאַנד איז ניט אונדזערס, זאָגט ווענעציאַני...

— פון די טרעפּ האָט מען אונדז אראָפּגעיאָגט — שרייט אויס דער היציקער דוד שמוקלער — „אפוערא“, ווי צו הינט, האָט ער אַף אונדז געשריגן... א תל מאכן פון אונדזער היים ווילן זיי...

און האָט זיך צעוויינט אפ'ן קול.

א כוואַליע פון כעס, געמישט מיט גיפטיקן צער, האָט זיך אויסגע־

גאַסן אַף דער גאַנצער מאַסע פאַרזאַמלטע. ס'האָט זיך געהערט דאָס קריצן פון ציין און אַ שרעקלעכע קללה מיט אַ שטילן כליפּען האָט זיך ארויסגע־ריסן בײַ די קאָלאָניסטקעס, בײַ די פּיאָנערן, פון מויל.

דער דיקער אדאַלפאַ רייצין איז ארויף אפ'ן טיש און ווי מיט צע־שמאָלצענער לאַווע האָט ער אַף דער דעספּאָטיע ארויסגעשפּיגן. ער האָט אויסגערעכנט אַלע אונדזערע אונטערדעניקע ביטעס, די הכנעות וואָס מיר האָבן זיי, די אדונים, פאַרגעלעגט, און וואָס זיינען אַלע מיט ביליק; שפּאָט צוריקגעוויזן געוואָרן, און האָט אויפגעקלערט דער מאַסע, אז מיט גוטן וועלן אונדז די אדונים קיינמאָל ניט ארויסלאָזן פריי, זיי וועלן אונדז ביסלעכוויז פאַרניכטן „דעסאַלאָכירן" און צונעמען אונדזער היים...

— פרייהייט גיט מען ניט, — שרייט ער אַף אַ קול — מ'מוז דאָס נעמען!..

נאָך אַ פּאָר רעדנער האָבן גערעט און אַלץ מיט ווייַ און צאָרן אַף די אדונים, וואָס דערנידעריקן זייט יאָרן און יאָרן די קאָלאָניסטן און שפּייען אַף זיי.

מיך האָט מען, ווי שטענדיק, מיט אחרון מכבד געווען. ווען איך בין אפ'ן טיש ארויף און אַ בליק געוואָרפן אַף דער אויפגעבראַוזעטער באַלייַ־דיקטער מאַסע, אַף די אַלע פאַרוואַגלטע פּנים'ער ,איז מיר די גאַנצע קאָ־לאָניזאַציע, ווי די עמיגראַציע פון איר אָנהייב אָן ארויפגעשוואומען פאַר די אויגן און אַ געדאַנק האָט מיר אַ ברי געטאָן אין מח: האָבן דען די מענטשן רעכט? האָבן זיי דען צוריק מיט צוואַנציק יאָר דאָרט הינטער די קאָמיטעט־טירן פון לעמבערג און קראָקע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האַמ־בורג, פון א י י ג נ ט ו מ ס געטראַכט? גערייַגט פון פּאָגראָמען און גזרות רעות האָבן זיי מער ניט ווי אַ שטיקעלע ברויט און אַ שטיקעלע רואיק פּלאַץ געבעטן? און וואָס ווילן זיי נאָך?

אָבער בלויז איין סעקונדע האָט דער נכנע געדאַנק זיך אין מיין מח געהאַלטן. דער שטאָלצער, אייביקער אמת, האָט אים בה:לד פאַריאָגט, און איך האָב געזאָגט:

א מענטש, וואָס געפינט אַ הילפלאָז קינד באַם וואַסער, צו אין פעלד, און נעמט אים צו זיך אין הויז, איז אים מגדל און מאַכט אים פאַר אַ מענטש, קען ער דאָך, דער וואָלטעטער, ניט פאַרלאַנגען, אז דאָס געפונענע הילפלאָזע קינד, זאָל זיינער אן אייביקער שקלאַף זיין!.. דאָס פאַרוואָגלטע קינד, וואָס דעב באַראָ:ם באַאַמטע האָבן בײַ די וואַסערן פונם אַטלאַנ־

טיק געפונען. איז שוין איצט צוואנציק יאר אלט און אלס דערוואקסענער מענטש וויל עס ווימן ווער ער איז! ער וויל ווערן א באלעבאס איבער זיך אליין. אבער, איך שעם זיך, ברידער; איר ווילט ניט זיין פריי... ארים־סאטעלעס האט געזאגט: דער שקלאף איז שקלאף, ווייל ער איז א שקלאף, די נשמה אין אים איז א שקלאפישע, ער אליין פארלאנגט דאס... איר ווילט ניט, ברידער, זיין פריי! צוואנציק יאר איז עס, ווי דער שענדלעכער פילאנטראפישער בייטש שמייסט אונדז איבער'ן פנים און איר שווייגט!..

זעט! — האב איך מיט דער האנט א ווייז געגעבן, — קוקט, אלטע, גרוי־געווארענע מענטשן פאר דער צייט! אף וועמען וועט איר לאזן אייערע פרויען און קינדער? אפ'ן יושר פון דער אדמיניסטראציע?

ווי א וואלד וואס רוישט אויף אין א שטורם, אזוי האט די מאסע בא די לעצטע רייד אויפגעשטורמט, א מעכטיקע שטימע האט זיך ווי פון אלעמענס ברוסט ארויסגעריסן:

— מיר ווילן זיין פריי!

און כהרף עין איז עטוואס דערהויבנס געשעען.

די צוויי חשוב'ע זקנים מיט די פאטריארכישע בערד, ניסענזאן און סענאל, טראגענדיק אין די הענט יעדערער א ספר תורה, האבן זיך צווישן דער נעריכטער מאסע באוויזן. דער עולם איז צעשראקן און מיט אפענע מיילער שטיין געבליבן און פאר זיי צעעפנט א וועג ביז צום טיש, וואו איך בין געשטאנען. א שטימע האט אין דער הויך אפגעקלונגען:

— קאלאניסטן, לאמיר שווערן בא אונדזער תורה צו זיין פריי!

ווי דורך א כישוף איז פלוצלונג בא יעדען איינעם די רעכטע האנט אין דער הויך געשטאנען און איין שטימע, א מעכטיקע, האט אויסגעדו־נערט פון יעדנס מויל:

— מיר שווערן!

איינער האט אין דער הויך ווידעראמאל אויסגעשריגן:

— קיינער פון אונדז קאלאניסטן, זאל ניט איבערטרעטן די שוועל פון דער אדמיניסטראציע, ביז מיר וועלן ניט ארויסבאקומען אונדזער פרייהייט!

— מיר שעוורן בא דער הייליגקייט פון אונדזער תורה, ניט איבער־צוטרעטן אפילו דעם אדמיניסטראציאנעם דראט פון דער געביידע! — האט די מחנה אויסגעשריגן.

— באיקאט! — האט איינער פון די מוסרים אויסגערופן. — דאס שמעקט מיט טורמע!

— טראָג דיך אָפּ, רויטער מסור! — האָט אים אַ קאָלאָניסט אַ בריי־קע געגעבן אין זייט.

ער האָט זיך הינטער דער שול וואַנט פאַרקאַטשעט, דאָרט וואו אַ דריי פון אונדזערע פאַנאַטיקער האָבן מיט די פינגער געהאַלטן די אויערן פאַרשטאָפּט, זיי זאָלן ניט הערן די שבועה, וועלכע זיי האָבן אין אמת'ן פרום גערעכנט, אַז ס'איז אַ חלול הקודש.

אַנדערע „ווייסע בערד" האָבן די ספרים, נאָכדעם ווי יעדער האָט זיי מיט באַגייסטערונג אַ קוש געגעבן, אין ארון קודש צוריק באַהאַלטן און מ'איז פריילעך און מיט זיכערקייט אין דער געוואונענער פרייהייט, זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אהיים.

דער אדמיניסטראַטאָר איז די גאַנצע צייט פון דער שבועה געשטאַ־נען אין וועלדל און פון ווייטן, דורך אַ בינאָקל, צוגעקוקט און אָפּגעשפּאָט פון דער גאַנצער שבועה. ס'זיינען עטלעכע טעג אַריבער און קיין קאָלאָניסטישער פוס האָט זיין שוועל ניט באַטראָטן, אפילו ניט זיינע אינטימע, די וואָס זיינען גראַד צוליב אַ סיבה באַ דער שבועה ניט גע־ווען, האָבן אויך מורא געהאַט אַריבערשפּאַנען דעם אַדמיניסטראַציאָנעם דראָט.

— ניט קיין „מאַקאַנעם" (ליגן, אויסטראַכטעניש), סעניאָר, אַ שבועה געגעבן! אַ חרם... אַ ריינינקייט... מיר האָבן מורא!.. — האָבן זיי גע־טענה'ט.

דעמאָלט האָט דער אַדמיניסטראַטאָר דערפילט, אַז ס'איז ניט קיין שפּאַס, אַז זיי זיינען טאַקע אין דער אמת'ן באַיקאָטירט.

פּוסט און ליידיק איז די פּלאַטפאָרמע פון דער אַדמיניסטראַציע געשטאַנען ווי אַ פאַרשאָלטענע זאַך, ווי אַ עפּוש'דיקער מאַגאַסטיר, איז די גרויסע, רויטע געביידע, מיט'ן אַדמיניסטראַטאָר און קאַסירער, אין עצבות, אין אבלות, אין אַ פאַרשעמטער איינזאַמקייט, טאָג און נאַכט גע־שטאַנען און געשטומט.

ס'זיינען אַזוי אַוועק אַ פּאָר וואָכן. די אַדמיניסטראַציע צוזאַמען מיט די מוסרים האָבן גוט געקרענקט אָף דער שבועה.

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אָנגעהויבן אונטערצושיקן ווענן שלום. אָבער קיינער האָט אים ניט גענומען אין אכט.

— פאַר אונדז עקזיסטירט ניט מער קיין אַדמיניסטראַציע. — האָט מען זיינע שליחים געענטפערט.

און כדי דער זאך צו געבן אַ פאָרמאַליטעט, זיינען די פערצן קאָלאָניסטן אָנפירער, ביינאַכט דעם 7־טן מערץ פון 1911, זיך צוזאַמענגעפאָרן אין הויז פון צ. אין סאַסאַרעס און דאָרט אַ דאָקומענט אונטערגעשריבן אַלס אָפיציעלע מעלדונג דער הויפּט־דירעקציע אין בוענאָס איירעס, אַז מיר זיינען פון דער שבועה אָן שוין באַרעכטיקסטע פרייע קאָלאָניסטן, אַז פאַר מאַוריציאָ עקזיסטירט ניט מער קיין אַדמיניסטראַציע, און אויב זיי האָבן עטוואָס קאָלאָניע אָנגעלעגנהייטן מיטצוטיילן, זאָלן זיי זיך ווענדן גלייך צו זיי.

דאָס איז דער טעקסט אין שפּאַניש פון יענער מיטטיילונג:

Col. Mauricio, Marzo 7 de 1911.

A los Sres. Directores de la I. C. A.

Buenos Aires

Honorables Señores:

Nosotros, abajo firmados, colonos de la Col. Mauricio, en representación de ésta, hemos resuelto, de hoy en adelante, desvincularnos completamente de la Administración, y de ella haremos caso omiso.

Todos los intereses, tanto morales como materiales y todas las cuestiones que podrán suscitarse entre nosotros y la Dirección, los resolverá nuestra Sociedad denominada "Centro Agrícola", al cual rogamosle se sirvan dirigirse directamente, pues no queremos más intermediarios.

Saludan a Vds. attos. S. S.

M. Alpersohn, Lassar Nissensohn, Aarón Rosenzwaig Jacobo Edelman, Jacobo Tesler, León Sigal, S. Rabinovich, I. Dinitz, B. Rabinovich, I. Scharagrodsky, Lazar Qevstel, Israel Rogoff, M. Kweitel, M. Waisman.

(איבערזעצונג)

צו די דירעקטאָרן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט.

בוענאָס איירעס.

חשוב'ע הערן דירעקטאָרן:

מיר אונטערגעשריבענע קאָלאָניסטן פון דער קאָלאָניע מאַוריציאָ, אין פאָרטרעטונג פון דער זעלבער, באַשליסן:

פון היינט אָן און ווייטער, קיין שום באַציונג ניט האָבן מיט דער

אדמיניסטראציע, און מיר נעמען זי ניט מער אין אכט. אלע אנגעלעגנ־הייטן, די מאראלישע ווי די מאטעריעלע, וועלכע קענען ארויסקומען צווישן אונדז און דער הויפט דירעקציע פון בוענאס איירעס, וועט אנט־שיידן אונדזער פאריין וואס טראגט דעם נאמען „סענטרא אגריקאלא“, צו וועלכן מיר בעטן אייך אזוי גוט זיין זיך ווענדן, ווייל מיר ווילן ניט מער וויסן פון פארמיטלער.

אין וווייטערדיקן, גריסן מיר אייך פריינטלעך און שטייען אייך צו דינסט.

קאלאניע מאוריציא, 7־טן מערץ 1911.

מארקאס אלפערסאן, לייזער ניסענזאן, אהרן רויזענצווייג, יעקב עדעלמאן, יעקב טעסלער, לעאן סעגאל, ש. ראבינוויטש, ישראל דיניעץ, ב. ראבינאוויטש, יעקב (בוזי) שארגאראדסקי, לייזער גירסטעל, ישראל ראגאוו, מאיר קווייטעל, מארקאס וויסמאן.

נאך אינם זעלבן אוונט איז דער אדמיניסטראטאר געקומען אף דער סטאנציע אין קאסארעס, צו ישראל דיניעץ, און אים געבעטן ער זאל זעען ניט צו שיקן דעם דאקומענט צו די דירעקטארן.

— איך ווייס אלעס — האט ער אים דערציילט, — מיינע מענטשן זיינען הינטער די פאנארן געשטאנען און אייך אלעמען געזעען. זיי האבן מיר דערציילט ווי דער קליינער א. ר. האט געוויינט און ניט געוואלט אונטערשרייבן און געשלוכצט: „איך האב מורא“... איך האב טעלעגרא־פירט נאך ווענעציאנין. ער קומט מיט'ן נאכטצוג. איך וועל אים גלייך פירן צו רייצינען אין טשאקרע... (צוליב א סיבה איז רייצין יענעם אוונט ניט געווען אין קאסארעס). קומט אונטער אייניקע פון אייך אהין, וועלן מיר דארט ריידן פון שלום... אלעס קען מען איצט מאכן.. — האט זיך בא אים געבעטן דער מושל.

פארטאג זיינען א פאר קאלאניסטן אוועקגעשיקט געווארן צו ריי־צינען און אים איבערגעגעבן דעם וואנטש פון די קאלאניסטן ער זאל אונדזער הער דירעקטאר עמפפאנגען פונקט מיט דער זעלבער העפליכ־קייט ווי ער האט אונדזער דעפוטאציע דאס לעצטע מאל אויפגענומען. מיר ווילן קיין קאמפראמיסן איצט ניט שליסן. פרייהייט און ניט מער!..

א נעדיכטער טומאן איז גראדע יענעם פרימארגן געווען. א שווארצער נעפל האט זיך געלענט צו דער ערד און די בוימער, ווי די גראזן, האבן מיט קאלטן טוי געטריפט. אין יענער נאכער קאלטער טונקלקייט האט

זיך דער געלער קאַטיש מיטן יק״א הערב געשלעפּט, פירנדיק די הערן צו דער גרופּע 46, און זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז פון אַדאַלפאַ רייצין.

גערעכנט האָבן זיי צו טרעפן די מערסטע אַנפירער פון דער פריי־הייטס באַוועגונג און זיי ווי ארום דיפּלאָמאַטיש די קעפ פאַרדרייען. נאָר ווי אַנטוישט זיינען זיי געוואָרן. קיינער פון די אַנפירער איז דאָרט צום זען ניט געווען. בלויז איין רייצין איז אינדרויסן געשטאַנען. ער האָט דעם הער דירעקטאָר קאַלט געענטפערט אַף זיין באַגריסונג און אים אפילו אין שטוב ניט אריינגעבעטן, ביז דער אדמיניסטראַטאָר האָט געמוזט זאָגן: לאָמיר אריינגיין אין שטוב, וועלן מיר ריידן..

אַ שעה מיט צען מינוט האָבן זיי אין אַנגסטן אין הויז פון רייצי־נען פאַרבראַכט און אוועקגעפאַרן מיט אַ לאַנגער נאָז.

קומענדיק אין דער אַדמיניסטראַציע אַן אויפגערעגטער און אַ באַ־ליידיקטער, האָט ער נאָך געוואָלט אַנווענדן דאָס פון זיי אויסגעפּרואווו־טע, אַלטע רוימישע מיטל „צעטייל און באַהערש“, און האָט אַ רייטער אין די גרופּעס צעשיקט, מיט דער מעלדונג:

„דער דירעקטאָר וועגעציאַני איז צום שפּרעכן מיט די קאָלאָניסטן היינט און מאָרגן. ווער ס'האָט עפּעס אַ ביטע, זאָל קומען“.

ביידע טעג איז ער אָפּגעזעסן, ארויסגעקוקט דורך די שויבן; נאָר קיין איין קאָלאָניסט האָט זיין שוועל ניט אריבערגעטראָטן.

בייז און צערודערט פון זיין געבראָכענעם שמאָלץ, איז ער אַפ'ן דריטן טאָג אָפּגעפאָרן.

דורך די פענצטער פון דער קאָנדיטעריי אַפ'ן וואָקזאַל אין קאַסאַ־רעס, האָבן די קאָלאָניסטן אים געזעען און האָבן באַטראַכט ווי באַטריבט און פול מיט בושה זיינע אויגן זעען אויס, און זיי האָבן זיך געשמאָלצן פון תענוג: וויים, דעספּאָט, באַגרייף ווי גוט עס איז אראָפּצוואַרפן די אונד־זעריקע פון די טרעפּ!..

— אַ זיסע זאַך איז נקמה — האָבן די קאָלאָניסטן געזאָגט, — באַטש איין מאָל אין צוואַנציק יאָר אונדזערע דערנידעריקער מיט זייער אייגענעם מינץ באַצאָלט... אַ שפּיי פאַר אַ שפּיי... זאָלן זיי אויך פילן דעם טעם דערפון.

XVI

די האָפנונג ווערט מקוים

די האָפנונג. — די קאָמיסיע פון פאַריז איז געקומען. — קאָזעס קומט קיין מאָורי־ציאַ. — אונדזער אויריענין באַ קאָזעס׳ן אין בוענאָס איירעס. — „איך וועל אייך די קויפשיינען אַרויסנעמען!“ — מיר גיבן אָפּ אַ מתנה דעם אָפּגעזאָגטן אַדמיניסטראַטאָר.

— די שוחטים זיינען מתיר נדר. — באָרוך ווערט אַדמיניסטראַטאָר. —

בים שטענדיק נאָרט זי דעם מענטשן, אָט די שיינע, ליבע צויבערן, די האָפנונג; טרעפט, ווען אפילו זייער זעלטן, קומט זי דאָך די פאַלשע באַ־טריגערן, און ברענגט עטוואָס פון אירע גאָלדענע פאַרשפּרעכונגען.

מיין גאָט! וואָס וואָלט די אָרעמע, ליידנדיקע מענטשהייט געטאָן, ווען אָט די מילדע, זיסע שווינדלערן, וואָלט ניט געווען אָף דער וועלט! די ווירקלעכקייט איז דאָך אַזוי ביטער, דער לעבנסבוים איז דאָך אַזוי שטעכנדיק, יעדעס צווייגעלע איז דאָך פול מיט גאַל, פון יעדן בלעטל טריפט דאָך סם. די זיסע זאַפט פונם עץ החיים איז, אַ פּנים, נאָך דאָרט אין גן עדן אויסגערונען געוואָרן. אונדזער ערשטע מוטער, האָט אונדז נאָר עטוואָס פונם צווייטן בוים, דעם דעת, דערלאַנגט און אויך פאַר דעם מיט׳ן נוצלאָזן לעבן באַצאָלט...

געוויינט האָט די ערשטע מענטשלעכע מוטער — דערציילט די לע־גענדע — נעם דיר, בורא, דאָס ביסל זינדיקע באַגרענעצטע פאַרשטאַנד צוריק! אָן אים, וועט מיר אפשר דאָס לעבן גרינגער זיין צו טראָגן...

און אַ מיטליידשמייכל האָט אָפּ׳ן באַשעפערס פּנים זיך באַוויזן און ער האָט איר זיין טעכטערל די הימלשע צויבערהאַפטע האָפענונג פאַר אַ מיטהעלפערן געגעבן.

אין טרוימען, אין אילוזיעס, און האָפענונגען פאַרשלייערט זי דעם פאַרשטאַנד און פאַרוויגט דעם ליידענדיקן אין אַ מילדן, זיסן צויבער; גיט דעם בלינדן זיינע אויגן, דעם געלעמטן זיינע גלידער, דעם געפאַנגענעם זיין פרייהייט... אפילו באַם טויט צוקאָפּנס באַ זיין לעצטן בליק אָף דער שיין, שטייט זי, די צויבערן, און גיט אים האָפנונג אָף אַ יענער זייט...

הערמאן קראַסילאָווסקי

יאָ, דו ליבע, ביזט אונדז זיס מיט דיינע ליגנס! אין די שווערסטע מאָמענטן ביזטו אונדזער איינציקע טרייסט... און עס טרעפט, דיינע טרוימען ווערן אַ טאָג־זאַך.

אויך די האָפענונג פון אונדזערע קאָלאָניסטן, אַז דער ניינציק יעריקער זקן נאַרצים לעווען אין פּאַריז, וועט דערהערן זייער וויי־געשריי און וועט אַ קאָמיסיע צו זיי שיקן, איז מקוים געוואָרן. אָנהויב מאַי 1911 איז אָנגעקומען פון פּאַריז דער אַלט באַוואוסטער קאַזעס, מיט נאָך איינעם אַ יונגן־מאַן, דר. אונגרע.

דיפּלאָמאַטיש האָט עס געהייסן, אַז זיי זיינען נאָר ניט געקומען צוליב מאָוריציאַ מיט איר סכסוך איבער קויפשיינען. דער הער אונגרע איז נאָר גלייך קיין סאַנטאַ פע אוועקגעפאָרן אָנצוקוקן די נייע דרייסיק טויזנט העקטאַר זאַמד אַרום סערעס, פאַר וועלכע מ׳האָט דריי מיליאָן באַצאָלט, און וואו מ׳גייט גרינדן די קאָלאָניע „מאָנטעפיאָרע“. יענע אומגליקלעכע קאָלאָניע, וואו פּרץ הירשביין האָט שפּעטער מיט דריי יאָר ־די קאָלאָניסטן אירע, צוזאַמען מיט׳ן דאָרטיקן תושב דעם היישעריק געטראָפן אויף די דעכער ליגן, שטאַרבנדיק פון הונגער, ווייל די וואַסער האָט זיי פאַרפליייצט...

איך וועל שפּעטער קומען צו זיי. די קאָלאָניסטן האָבן דאַן געשמועסט צווישן זיך, אַז דער באַוואוסטער רוסישער אַגראָנאָם, אונדזערער אַ געטרייער איד, עקיבא עטינגער, האָט די ערעלע דירעקטאָרן געוואָרנט:

— קויפט ניט דעם זומפּ! אינדזערע ברידער וועלן דאָרט אומקומען פון הונגער, ס׳איז אַ גיהנום, ס׳לוינט ניט פאַר אַגריקולטור, פאַר קאָלאָניזאַציע...

די איצטיקע דירעקטאָרן זאָגן דעם היפּוך, אַז עטינגער איז געווען יד אחת מיט די איבעריקע באַאַמטע און צוגערעדט צו סערעס... דער פּערסאָנאַל, וואָס האָט געהאַט אַ פעטן אינטערעס אין דער קניה האָט געוווירקט אויף די פירער פון דער „דזשואיש“ און מ׳האָט אַ שיינעם גלענצנדיקן ראַפּאָרט אוועקגעשיקט קיין פּאַריז, באַשרייבנדיק סערעס אַלס אַן אָרט פון חלב ודבש.

נו, איז דער יונגער פּאַריזער באַאַמטער אונגרע, אַהין אוועק, זען דאָס געבענטשטע לאַנד, און אונדזער אַלטער קאַזעס איז קיין מאָוריציאַ אָנגעקומען, בלויז די שולעס צו עקזאַמינירן און ניט מער.

צוויי טעג איז ער מיט׳ן פּראָפעסאָר הלוי אַרומגעפאָרן, באַזוכט אַלע

שולן און פון די קאָלאָניסטן איז קיין נפש צו אים ניט אריינגעקומען.

דער אדמיניסטראטאר האָט זיך געבעטן:

— קומט אין אדמיניסטראציע, דער דירעקטאָר קאַזעס פון פאריז איז דאָ, איר קענט אַלץ פועל'ן!

— איר ווייסט דאָך, א שבועה! — איז דער ענטפער געווען. — מיר טאָרן ניט שטיין אונטער'ן דאך פון אייער אדמיניסטראציע..

אפ'ן דריטן טאָג קומט צו מיר צופארן דער פראָפעסאָר הלוי:

— דיין אַלטער אמיגאָ (פריינט), סעניאָר קאַזעס, איז דאָ, ער וויל דיך זעען... קום פאר אראָפּ צו אים, סאָ'איז א גרויסע שאַנדע. — זאָגט ער, — איר האָט דאָך די „דזשואיש" ניט באַיקאָטירט...

— וואוהין זאָל איך פארן, אין אדמיניסטראציע?

— ניין, ניין, חלילה, ניט דאָרט! קום אראָפּ, ס'וועט רעכט זיין... מיר ספרדים ווייסן וואס עס הייסט א שבועה. סעניאָר קאַזעס ווייסט שוין פון אלעם...

איך האָב אים געפאָלגט.

ווען איך בין אראָפּגעקומען, איז קאַזעס געשטאַנען אינדרויסן פאר דער אדמיניסטראציע, מיט דער פּלייצע צוגעשפּארט צום דראָט, ד. ה. מחוץ לחרם...

— ביצד שלום? — פרעגט ער מיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, און דריקט מיר שטארק די האַנט.

איך בין מיט אים אין וועלדל אריינגעגאנגען און פון דעם גאַנצן ענין איבערגערעט.

צום שלום, זאָגט ער צו מיר:

— קום קיין בוענאָס איירעס, מיט נאָך א פּאָר קאָלאָניסטן, די פון אייער קויפשיינען־באוועגונג. דאָרט, אין מיין צימער פריוואט, ניט אין דירעקטאָריום, וועל איך מיט אייך איבעררעדן. נאָר שרייב מיר פריער, וועל איך דיר באשטימען ווען איר קענט קומען. איך גלויב — האָט ער פארענדיקט — אז מיר וועלן צו עטוואס קומען; איך בין דאָ מיט נאָך איינעם, סעניאָר אונגרע, ער וועט שפּעטער זיין בא אייך. רעט איבער מיט אים, דערקלערט אים דעם גאַנצן סכסוך.

קאַזעס איז אפּגעפארן.

אף מאָרגן האָבן מיר א קורצע פארזאמלונג אפּגעהאלטן און באַשטימט עס זאָלן מיט מיר מיטפארן צו קאַזעסן דריי קאָלאָניסטן: רייצין, דיניעץ און ראבינאָוויטש.

איך האב איהם גלייך דורך א בריוו געמאלדן און אנגעפרעגט ווען מיר קענען קומען, און האב פון איהם גלייך אט דעם בריוו אין שפאניש באקומען:

Buenos Aires, Mayo 25 de 1911.

Sr. Marcos Alpersohn

Muy Señor mío:

En contestación a su atenta del 23 del corr. me es grato comunicarle que desde ayer he informado al Sr. Dinitz que tendré mucho placer de recibir a la Comisión de Vds. el domingo, lunes o martes de la semana próxima sea por la mañana de 10 á 12 o por la tarde de 3 á 5.

Le saluda con la mayor estima

S. S. S.

D. Casés.

(איבערזעצונג)

בוענאס איירעס, 25־טער מאי פון 1911.

הער מארקאס אלפערסאן.

זייער געערטער הער!

אלס ענטפער אף אייער פריינטלעכן בריוו פונ'ם 23־טן דעם מאנאט, איז מיר אנגענעם אייך מיטצוטיילן, אז נאך נעכטן האב איך געמאלדן דעם הער דיניעז, דאס איך וועל האבן פיל פארגעניגן אויפצונעמען אייער קאמיסיע ארום זונטיק מאנטיק אדער דינסטיק, פון קומענדיקער וואך, אין דער פרי (פון 10 ביז 12) אדער נאכמיטיק (פון 3 ביז 5).

איך גרים אייך מיט דער גרעסטער אכטונג, אייער זיכערער דינער

ד. קאזעס.

דעם 28־טן מאי 1911, דעם ערשטן טאג נאך שבועות, זיינען מיר, די אויבנדערמאנטע פיר קאלאניסטן, צוזאמען מיט קאזעס'ן, געזעסן בא אים אין צימער אף קאזשאא 216.

אדאלפא רייצין, וועלכער איז געווען דער ראש המדברים אין שפאניש, האט אים אלעם אויסדערציילט, די אלע שווינעריען, שווינדלעריען און אויך דעם כאבאר־סיסטעם פון די אדמיניסטראטארן מיט זייער קאמף שניידן, דאס צונעמען בא איינעם און געבן א צווייטן; די אלע לומפערייען פון דער הנהגה, מיט זייערע עמבארגאס, מיט זייערע אדוואקאטן און פאליציי...

— זיי וועלן איינגרעפן אונדזער ליבע קאָלאָניע; זי וועט שפּעטער מוזן איבערגיין אין פרעמדע הענט, — האָט ער געזאָגט מיט הארץ און זיך צעוויינט ווי א קינד.

ישראל דיניעץ נעמט בא אים איבער די רייד. ער ווייזט קאזעס'ן דעם געדרוקטן אוקאז פונם 26־טן דעצעמבער 1910 וואס באפעלט די קאָ־לאָניסטן אראָפּצוטרייבן די ארענדאטאָרס פונם לאנד און קיינעם ניט פארדינגען די אלפאלפעס, און אויב ניט וועט מען זיי דורכן געריכט אנו־לירן דעם קאָנטראקט און ארויסשמייסן פון קאָלאָניע... און דיניעץ רופט אָן די נעמען פון קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן זיך פאר דער גזרה דערשראָקן, האָבן זיך פארמשכונ'ט, פארזעצט, זיך אויסגעבראכט ביז'ן העמד, און האָבן דעם ארענדאטאָר באצאָלט וויפיל ער האָט פארלאנגט, אבי אָפּצו־נעמען בא אים דאָס פעלד. און איצט שטייען די אלפאלפא־פעלדער ליי־דיק און די ראטע גייט, די פּראָצענטן וואקסן און דער חורבן רוקט זיך...

קאזעס נעמט דעם אוקאז, בליקט אראָפּ אף די אונטערשריפטן פון די דירעקטאָרן און ציט צוזאמען דעם שטערן, געבנדיק דערביי א שטארקן זיפץ.

— באסטא! — זאָגט ער גערירט — מיר איז שוין אלעס באוואוסט. מיר האָט דער סעניאָר אלפערסאָן אלעס געשריבן. וואס קען איך טאָן פאר אייך? זאָגט!

— צוויי זאכן פארלאנגט די קאָלאָניע. דאָס ערשטע און אויך דער עיקר, איז די פרייהייט, דאָס אייגנטום־רעכט אפ'ן לאנד; און דאָס צווײ־טע, אוועקצונעמען דערווייל, איידער עפּעס וואס ס'וועט זיין, די אדמי־ניסטראציע. דער אדמינסטראטאָר איז א צרעת, א פעסט פאר דער קאָלאָ־ניע...

קאזעס האָט אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אפ'ן טיש און זיך פארטראכט.

— אלזאָ, — גיט ער ווי שלעפעריק א פרעג — איז בא אייך פעסט באשטימט אז די קויפשיינען וועלן אייך פון אלע צרות באפרייען?

— פעסט און זיכער! — האָט אים רייצין געענטפערט.

ער האָט דעם שטערן צוזאמענגעקניידשט און געשוויגן.

איך האָב א וואונק געגעבן צו אונדזערע אז זיי זאָלן מיך לאָזן ריידן.

— יסלח לי אדוני! — זאָג איך אים אין העברעאיש.

— דבר ידידי!

— מיר זיינען שוין ניט קיין יונגע מענטשן, — הויב איך אָן אין דער

שפרעך, וועלכע ער האָט אזוי ליב געהאַט — דער מענטש וויבאַלד ניט זיין טאָג, ס'סען אויפשטיין אָף אונדזערע קינדער אַ מלך חדש, אַ נייער דירעקטאָר, וועלכער האָט אָט דעם דערנער־וועג, דעם בלוטיקן צוואַנציק־יעריקן, וועלכן דו, אדוני, האָסט מיט אונדז צוזאַמען אין די וויסטע מדבריות פון ארגענטינע דורכגעמאַכט. אָט ער, דער נייער, האָט אים ניט געזען און ניט געקענט, און ער וועט דורך אַ סיבה אָדער צוליב אַן אינטריגע, אראָפּוואַרפן אונדזערע קינדער פון דעם לאַנד, און די בארמהערציקע מענטשהייט וועט דאָס נאָך אָננעמען פאר רעכט. — ס'זיינען דאָ נעגונג עניים, עמיגראנטן, וועלן זיי זאָגן, פאר וואָס קומט זיי אזוי פיל?...

אָף אייך, אדוני, ליגט אַ חוב קדוש צו פארהינדערן אזא גאַנץ מעגלעכן אומרעכט. איר האָט אונדז מגדל געווען, אזוי ווי קינדער אונדז דערצויגן, און איר דארפט אונדז באַ אייער לעבן ארויספירן אָף דער פרייהייט...

זיינע גרויסע, שווארצע אויגן זיינען אים אָנגעלאָפן מיט טרערן און ער זאָגט צו אונדז באַהארצט:

— איר האָט דעם פולשטענדיקן רעכט! איר האָט מיין ווארט, אז אַלץ וואָס איז אין מיין קראפט, וועל איך אָנווענדן פאר דער זאַך און איך גלויב, אז די הערן אין פאריז, וועלן צושטימען צו מיינע רייד.

—זשאַ סאַקארע סוס טיטולאָס (איך וועל אייך די קויפשיינען ארויסנעמען) — האָט ער אין שפּאניש געזאָגט. — זייט רואיק, אין גיכן וועט איר האָבן אייערע דעפיניטיווע טיטולאָס. און ווען יענעם אדון, אים וועל איך שוין צונעמען פון דאָרט. אַ „בוען מוטשאַטשאָ" (אַ וואוילן בחור) וועל איך אייך שיקן אָף זיין פּלאַץ.

מיר האָבן פּרובירט ריידן פון היפּאָטעקירן אונדזערע לענדער, טאָקע באַ דער „דזשוּאיש" אליין, נאָר ער האָט פון דעם ניט געוואָלט הערן; — אז פריי, זאָלט איר זיין אין גאַנצן פריי.

מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט און מער האָבן מיר אים ניט געזען. דער אכזר, דער טויט, האָט אים אוועקגענומען.

שלום לעפרו!

אָבער זיין פארשפּרעכן האָט ער הייליק מקיים געווען, די פרייהייט האָט ער אונדז געגעבן.

אין נעקסטן קאַפּיטל וועלן מיר ריידן דערפון.

אַ פּאָר טעג האָבן מיר נאָך אין דער רעזידענץ פארבראַכט און ווען מיר זיינען מיט דער גוטער הבטחה אַהיימגעקומען, האָבן מיר שוין גע־

טראָפּן דן דינערן אומגיין צווישן די פּערר־הענדלער און בלאָטע טרעמער פון קאַסאַרעס זאַמלען געלט אַף אַ מתנה קויפן דעם אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער איז שוין אַנטזאָגט געווען און פּאַרט אַפּ פון מאוריציאַ.

אונדזערע קאָלאָניסטן האָבן אויך מיטגעשטייערט אַף דעם גאָל־דענעם זייגער מיט דער קייט, וואָס זיי האָבן אים געשאַנקען. אַ שמחה איז אַף זיי געווען, פּטור געוואָרן פון דעם רוסישן משינאָווניק...

אַ יונגער, בלאָנדער מאַן, אַ ספרדי, סעניאָר באַרוך, האָט פּאַרגר־מען זיין פּלאַץ.

די שוחטים מיט אונדזערע תּלמודיסטן האָבן גלייך נאָכ'ן אָפּפאָרן פון ה' קאַזעס געמאַכט „הפרת נדרים". זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ניטאָ דער נוגש, איז די שבועה בטל...

ס'איז שטילער, רואיקער געוואָרן אין קאָלאָניע. מ'האָט גענומען וואַרטן אַף קאַזעס'ס הבטחה, און די וואָס האָבן אין זיינע רייד קיינמאָל ניט געגלויבט, האָבן געהאָפּט אַף דר. מעלאַ.

XVII

דער פרומער אונגרע

דר. אונגרע'ס ערשטער וויזיט. — די טירן פון דער אדמיניסטראציע זיינען צעעפנט. — דער עקס אדמיניסטראטאר געשטעלט אויג אף אויג. — „צוואנציק יאר וועגן דער אמת געבארן אין טינט". — דר. אונגרע זאגט קדיש אין ק. קאסארעסער „סאלאן איזי־ ראעליטא". —

דעם 12־טן יוני 1911, איז דער יונגער אונגרע אנגעקומען אין דער קאלאניע. מיטגעבראכט האט ער מיט זיך דעם עקס אדמיניסטרא־ טאר. א פנים, אויג אף אויג צו שטעלן מיט די קאלאניסטן, וועל־ כע ער האט אזוי פארלוימדעט פאר אים.

די טירן פון דער אדמיניסטראציע, זיינען ברייט צעעפנט געווארן, מ ע ש ה ח י ר ו ת, מ'האט געקענט מיינען, אז א נייער רעזשים, א פרייערער האט איינגעטראטן.

אונגרע, זייער א ליבלעך און איינפאך מענטשל, האט אין פראסט מאמע לשון מיט יעדן פריינטלעך גערעט, און ווייזט אויס, אז ער האט ניט געפונען אין די מאוריציער אזעלכע פייערדיקע אנארכיסטן פון באמ־ בעס און דינאמיט, ווי די מושלים האבן פאר אים אונדז פארגעשטעלט.

— ווי קומט צו אייך, קאלאניסטן, דער געדאנק, — פרעגט ער נאי־ איוו, — איינצוגעבן אף „דזשואיש" אין געריכט?

— מיר האבן זיך פון דער „דזשואיש" אליין אויסגעלערנט. — האט אים די קאמיסיאן פון דעלעגאטן געענטפערט.

— וואס מיינט איר דערמיט צו זאגן? — פרעגט ער און קוקט אף די ארומשטייענדיקע קאלאניסטן.

— מיר מיינען, אז די יק"א גיט איין אין געריכט אף אונדז ,מאכט עמבארגאס, באפאלט אונדז מיט פאליציי, מעגן מיר דאך אויך אזוי טאן.

— ווער? מיר? די דזשואיש קאלאניזיישאן מאכט עמבארגאס?

— סי סעניאר! — ענטפערט מען אים. — אט שטייט דער אלטער

משה ליבטמאן. ניט לאנג איז אין דעם ווי אים האט אט דער סעניאר, — מ'ווייזט אן אפ'ן אדמיניסטראטאר — עמבארגירט און זיין זון ארעס־טירט...

אונגרע הויבט אויף די אויגן צום אדמיניסטראטאר.

— איר, סעניאר?

דער אדמיניסטראטאר ווערט אנגעצונדן רויט און באלד בלייך און ענטפערט:

— יא, איך האב אים געמאנט געלט...

— געלט? — גיט דער יונגער פאריזער א געשריי — די „דזשוואיש" דארף געלט? מיר נויטיקן זיך אין געלט? מאנען מיט פאליציי געלט? צו וואס?

דער אדמיניסטראטאר הויבט אן שטאמלען:

— איך האב אן ארדער פון מיינע פארגעזעצטע באקומען אזוי צו האנדלען.

— אזוי? אן ארדער באקומען? איך וויל אים זען...

ער לויפט אין צווייטן צימער, ברייננט דעם מאנאטליכן קארעספאנ־דענץ־בוך, הויבט אן מישן, בלעטערן און די דינע פאפיראס פאפירן רייסן זיך אין זיינע ציטערדיקע פינגער...

אונגרע האט ניט געקענט צוזען דעם צער פון דעם נידערשלאגענעם עקס אדמיניכטראטאר און זאגט:

— לאזט עס, סעניאר, מירן שפעטער דעם באפעל געפינען.

און צו די דעלעגאטן ווענדט ער זיך:

— מיט וואס קען מען דעם גאנצן פלאנטער פון אייך מיט דער גע־זעלשאפט אויפוויקלען?

— מיט דער פרייהייט, סעניאר, אייגנטום־רעכט אף אונדזער לאנד ארויסצובאקימען און מער מיט איר זיך ניט אנקערן... דעם גאנצן צר טרויען צו אירע דינער האבן מיר פארלוירן... מיר האבן געפרואווט בע־טן קויפשיינען מיט היפאטעקע־פארפליכטונג, האט מען אונדז געזאגט, אז די סטאטוטן פון דער דזשוואיש דערלויבן עס ניט...

— די סטאטוטן? — גיט ער א שמייכל — זיי קען מען ארומגיין... גלויבט מיר, אז פאריז ווייסט גאר ווינציק וואס ס'טוט זיך דא מיט אייך...

אן אויפגערעגטער, איז ער אויפגעשטאנען פונ'ם טיש, געהייסן שפא־נען דעם קאטש און גענומען מיט זיך צוויי קאלאניסטן: ישראל דיניעץ און אברהמ'ל רויזענפעלד.

— [illegible] מיט מיר, ווייזט מיר אייערע רעוואָלוציאָנערן, איך וויל זען מאוריציאַ.

נאָר אין אַנדערע פאַרבן האָט ער די קאָלאָניע געזען, נאָר נים די זעלבע קאָליר'ן מיט וועלכע די באַריכטן וואָס גייען קיין פּאַריז זיינען באַפאַרבט, האָבן זיינע אויגן געזען.

— פאַלש! — האָבן זיינע ליפּן, נים ווילנדיק, אַרויסגעמורמלט און מיט פאַרקלעמטע ציין זאָגט ער אין דער שטיל:

— צוואַנציק יאָר באָדן זיי דעם אמת אין טינט...

אַ צערודערטער, אַן אויפגעברויזטער, איז ער נאָך דעם זעלבן אָוונט קיין קאַסאַרעס אוועק. ער האָט נים געוואָלט איבערנעכטיקן אונטער'ן אַדמיניסטראַציאָנעם דאַך.

אייניקע פון אונדז האָבן אים באַגלייט.

— מאַכט מיר אַ מנין, אידן — בעט ער זיך בײַ אונדז, שוין אין קאַסאַרעס. — איך האָב יאָרצייט נאָך דער מוטער.

מיר האָבן דעם שיינעם קאַסאַרעסער „סאַלאָן איזראַעליטאַ“ געעפנט און ער האָט דאָרט קדיש געזאָגט.

אין „האָטעל דע ראָמאַ“, איידער דער 12־ער באַן גייט אָפּ, בין איך מיט ב. ראַבינאָוויטש בײַ אים געווען. אַף אונדזער ביטע, ער זאָל אונדז זאָגן, וואָס איז עפּעס דאָרט אַזעלכעס אין פּאַריז? פאַרוואָס ענטפערן אונדז נים די הערן אַף אונדזערע ביטעס און פאַרוואָס דערלאָזן אונד־זערע גרויסע ברידער צו אַזעלכע אומרעכטן, וואָס ס'ווערן דאָ געטריבן: עמבאַרגאָס, דעסאַלאָכאָס, כאַבאַרן, שווינדלעריי? — אַף די אַלע פראַגעס, האָט ער נאָר איין ענטפער געגעבן:

— צווינגט מיך נים צו ריידן דיפּלאָמאַטיש... ס'איז היינט בײַ מיר דער אַנדענקס־טאָג נאָך מיין גאָטזעליקער מוטער...

און די אויגן זיינען בײַ אים געוואָרן אַזוי ווייך, פרום, ווי די אומ־שולד פון אַ קינד.

מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען וואו אונדזערע ביטעס און קלאַגעס פאַר־מען אַהין.

באַם געזעגענען זיך, זאָגט ער צו אונדז:

— איך בין ערשט נים לאַנג אין דירעקטאָריום אַריין. 14 יאָר האָב איך בלויז בײַ די ביכער געאַרבעט. אויב איר וועט האָבן ווייטיקס, זאָלט איר נים שרייבן, בעסער קומט אַ דעפּוטאַציע גלייך קיין פּאַריז. דאָרט

פען איך פיל פאר אייך טאָן. איך וועל מיט'ן סעניאָר [illegible] איבעררײדן. איך גלויב, אז איר וועט אײנניכן פטור ווערן פון דעם סכסוך.

און ער איז זיך אָפגעפאָרן.

איך מוז עס אָנמערקן. שפעטער מיט צען יאר, איז אָט דער פרו־מינקער אומשולדיקער אוננרע ווידער צום באזוך בא אונדז געווען, אָבער גאָר מיט אַן אנדער הויט אָפ'ן פנים און אויך מיט אַן אַנדער הארץ.. הארט, פארשטיינערט, אַ יס"א משינאָווניק, וואס באַרעכטיקט די אלע לומפעריײען פון דער לאָקאלער הנהגה און האָט הנאה, פילט אַ טעם אין זיי.. אונדזערע איצטיקע צוויי גרויסע ארגאַנען, „די אידישע צייטונג" און „די פרעסע", וועלכע האָבן מיט אים אינטערוויאוען געהאַט, האָבן גענוג גאַל אויסגעשפינן בא אים...

איך וועל זיך נאָך אפשר אומקערן צו דעם.

XVIII

שיינקייט פאַר אַ חורבן

ליכט און פינצטערניש. — דאָס שוואַרצע יאָר 1912. — די קללה פון רעגן. — דער צירקוליאַר 153 מעלדעט די פרייהייט. — איידער עס איז געקומען די נחמה איז אויסגעגאַנגען די נשמה. —

ליכט מיט פינצטערניש גייען באַנאַנד; פונם אור מיט'ן חושך האָט דער בורא אַרויסגעקאָלופּעט אונדזער אָרעמע וועלט. און ווען דו זעסט דעם אור, דאָס ליכט, אין זיין פולן גלאַנץ, דאַן ווייס, אַז דער חושך לויערט שוין דאָרט אין זיין „קאַמערא אָבסקורא", ער שפּאַ־רעט שוין אויף דיר זיינע פינצטערע ציין...

דאָס גליק, דער ליכטיקער שיינער טאָג, ענדיקט זיך תמיד מיט דער שטאָק־פינצטערער נאַכט.

בא אונדז אין קאָלאָניע, איז דער טאָג נאָך דעם אָפּפאַרן פון די פּאַ־ריזער אדונים, זייער אַ ליכטיקער געווען. שטראָמען פרייד און ליכט האָבן זיך פון אַלע זייטן אויף אונדז געגאָסן.

רואיק און שטיל אפ'ן פעלד און אין שטוב. דעם אוריאַדניק מיט'ן רעוועגסע אין האַנט איז ניט צום זעען מער; די עבדים האָבן אָפּגעדינט. קיין אוקאַזן, צירקוליאַרן, אינסטרוקציעס פון די דירעקטאָרן אין קאָזשאַ 216 איז אין דער וויטרינע אויף דער רויטער מצרים־וואַנט ניט צום זעען געווען. אויס מיט עמבאַרגאָס, חויט שינדערייַ איבער דער „אַנואַלידאַד" (יערלעכער ראַטע). אונגרע האָט ריכטיק געזאָגט: די „דזשואיש" גויטיקט זיך ניט אין געלט...

דער נייער אַדמיניסטראַטאָר, באַרוך, האָט גערופן פון יעדער גרופּע איין קאָלאָניסט אַלס דעלעגאַט פון די איבעריקע שכנים, אויף אַן אסיפה, און אויף דער באַראַטונג איז מען צו אַ הסכם געקומען צו רעאָרגאַניזירן די קאָלאָניע, אויפלעבן איר און אוועקשטעלן זי אויף איר פריערדיקן שיינעם מצב. די אַגריקולטאָרן זאָלן פירן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב די אַגריקול־

טור, פארגרעסערן דעם שטח זריעה און די אלפאלפא־באזיצער זאלן זיך נעמען צו דער פראדוקציע פון פאשע, ד. ה., מ'זאל די לוצערנע פעקלאך טראנספארטירן מיט דער באן קיין בוענאס איירעס. די סחורה האט זיך דאן, אין די טרוקענע יארן, זייער גוט באצאלט.

מ'האט זיך גענעבן א נעם אויפסניי צו דער ארבעט. די קרעמער, האבן אפ'ן וואונס פונ'ם אדמיניסטראטאר, וואס האט זיך אויסגעשפראכן אז מאוריציער קאלאניסטן זיינען שוין בארעכטיקטע אייגנטימער פון זייער ערד, געעפנט א גרויסן קרעדיט די קאלאניסטן. מ'האט געגעבן אף בארג און, קאלאניסטן האבן גענומען.

די תבואה־מאכער האבן געבארגט נייע אקערס, מאדערנע זיי־מאַ־שינען, ווייץ און ליאן אף זריעה. אלעס האבן די געשעפט־הייזער אף קרע־דיט געגבן. די אלפאלפא־מאכער האבן אף ניך איינגעהאנדלט קאסארקעס, גראבליעס, פרעס־מאשינען, ברעזענטען די סטויגן פאשע איינצוזודעקן, אלע מכשירים אין וועלכע די פאשע - פראדוקציע נויטיקט זיך, און מיט פלייס, מיט מוט, מיט שמחה און געזאנג, האט זיך די ארבעט אין פעלד געטראגן.

די קאלאניסטן, וואס זיינען געהאט אריבערגעפארן אין שטעטל אין קאסארעס, האבן זיך צוריק אין זייערע היימען אריינגעקליבן. ארומ־געריייניקט די וועלדלעך, באפוצט די פרוכט־בוימער, ארומגעשוירן די בלומען, אפגעקאלכט די ראנטשאס...

קורץ, דאס לעבן אין מאוריציא האט זיך אויפגעכאפט ווי פון א לע־טארגישן שלאף, איר בלוט האט אנגעהויבן נארמאל צו צירקולירן, א טייל פון דער יוגנט וואס איז אין די שטעט זיך צעלאפן האט זיך ביסלעכווייז אהיימגעקערט און ענערגיש זיך גענומען צו דער ארבעט אין פעלד.

ווען ס'איז געקומען סוף אקטובער, האט זיך שוין די קאלאניע ארויסגעזען מיט איר פולן ליכט און גלאנץ. דאס נייע לעבן האט גע־שטראמט, זיך געגאסן אף די פולע תבואות פעלדער, אז ס'האט פארכאפט דאס אויג. די קאסארקעס האבן זיך אף די לוצערנע פעלדער געגלימשט און אויסגעלעגט די געשניטענע אלפאלפא אין דער ליניע, מיט זייער שטי־לינקען זמר: זינ־זאג. מ'האט געשניטן די פאשע, צוזאמענגעפירט אין די טויזנטער סטויגן. מער ווי אף א פאר מיליאן פאשע האט מען שוין אין די ערשטע צוויי שניט געשאצט. היינט דער דריטער און דער פערטער שניט!..

די שטימונג אין קאָלאָניע איז געווען אַ געהויבענע און אַ פרייליכע. געפרייט האָבן זיך די קאָלאָניסטן, אַ דאָפּלטע שמחה האָט אין זיי געלעבט: צעבראָכן דעם אייזערנעם יאָך פון דער יק"א, צעגאַנגען איז געוואָרן דער צוואַנציק־יעריקער שניי, — האָבן די קאָלאָניסטן צווישן זיך גערעדט. עס שמעקט מיט זומער, די פרייהייט קלאַפּט אין טיר... דר. מעלאַ, צי קאָזעס מיט אונגרע'ן, אָבער אונדזערע טיטולאָס זיינען געזיכערט... צוויטנס, דער שניי. די קאַסטעטשע ווייזט זיך גאָר אַן אַנטיק. און אויך די סטוינן, די פּעקלעך פּאַשע, וועלן אפ'ן ווינטער שיינע, היפּשע טויזנטער אריינ־ברייינגען...

אַט קומען די טיטולאָס, מיר ווערן באַלעבאַטים פון דער ערד. צוויי הונדערט פּעזאָס נאָר היפּאָטעקע אויף אַ העקטאַר, איז אַ קימאַ לן פון אַ פּערציק טויזנטער. דער שניי אליין וועט געוויס אַלע פריערדיקע שולדן אָפּצאָלן. אַלע יערלעכע ראַטעס, מיט זייער שמוציקן פּראָצענט, מיט זייער הלואה פונ'ם באַטריגערישן מיליאָן, וועלן אונדזערע תבואות דעקן... און פאַרן היפּאָטעקע געלט וועלן מיר איינקויפן פיה, אָדער בעסער, מער לאַנד פאַר די קינדער וואָס די יק"א האָט אָפּגעוואָרפן... און ס'וועט זיין ליהודים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז אָבער דעם מענטשן באַשערט צו געניסן גוטס אויף דער וועלט, פאַרגינט אים דען די השגחה הנאה צו האָבן כאָטש אַ קליין ביסעלע אין זיין באַשרענקטער לעבנס־צייט?!

קאַרג, און ניט קיין פאַרגינער איז ער, אַט דער געהיימער, וואָס קיינער זעט אים ניט, און דאָך זאָגט מען אַז אַלעס איז אין זיין האַנט. קיין זאַך פאַרגינט ער ניט דעם מענטשן. דאָס בעסטע איז פאַר אים, זיך האָט ער דאָס גוטס צוגענומען. און אונדז האָט ער נאָר צרות און ליידן איבערלאָזן. אפילו צופיל פאַרנטאַזירן פון גוטס לאָזט ער אויך ניט.

ס'איז געקומען דאָס יאָר 1912.

אַ שוואַרצער חושך טראָגט זיך פונ'ם טייך.

אין מזרח, וואו דער אייביקער אַטלאַנטיק ליגט אין זיין ברייטן בעט און וואַשט די ברעגעס פונ'ם אַרגענטינער לאַנד, איז פינצטער געוואָרן. שוואַרצע וואָלקענדלעך זיינען פונ'ם ים־בויך אַרויסגעקראָכן, האָבן זיך ווי לענגלעכע ווערעם אפ'ן הימל צעקראָכן און דערנאָך אין גרויסע שטי־

פער בליי זיך צעגויפגעגאָסן און גענומען דעם שיינעם זומערדיקן הימל אין שטיקער צעברעכן. אַלע פענצטער האָבן זיי אים אויסגעשלאָגן און עס האָט אָנגעהויבן מבול'ן, גיסן מיט גאַנצע עמערס וואַסער אַף אונדזער ערד. ניט קיין פּערציק טעג, ווי אין נח'ס צייטן, האָט בײַ אונדז געדעגנט, נאָר אַ יאָר און צוויי און דריי. מיר געוואָרן אַף אַ פּאָר טעג, אַ וואָך, זיך אויסגערוט, און ווייטער גענומען גיסן און פאַרפלייצן די ערד.

די אונטערשטע וואַסערן האָט עס אַ פּנים פאַרדראָסן, אַדער זיי האָבן זיך אין די אויבערשטע וואַסערן פּשוט מתקנא געווען, זיינען זיי פון ערגעץ טיף אין דער ערד ארויסגעשוואומען און זיך גענומען שלאָגן, פּאַטשן, שליידערן בערג מיט כוואַליעס איינע אַף די אַנדערע.

די נידעריקע פעלדער ארום בוענאָס איירעס און אין סאַנטאַ פע, זיינען גלייך פאַרטרונקען געוואָרן. טויזנטער שטיק פי, שאָף און רינדער, זיינען ביז אין די בייכער אין וואַסער געשטאַנען, פון הונגער און נעץ אוועקגעפאַלן. אין אַ סך ערטער זיינען די רעלסן פון אייזנבאַן אוועקגעריסן געוואָרן. אונדזערע קאָלאָניסטן אין דער קאָלאָניע סערעס זיינען וואָכנווייז אָפּ'ן דאַך געלעגן און זיך דערנערט מיט דערטרונקענע געפּגר'טע עופות, ווי פּרץ הירשביין האָט זיי דאַמאָלסט געטראָפן און ווי איך האָב עס שוין פריער געשריבן. מיליאָנען פּלעצער, געקויפטע חלקים ערד, זיינען אונטער'ן וואַסער געבליבן. די ארעמע קויפער טראָגן זיך עד היום אום מיט זייערע קאָלירטע פּלאַנען און מיט די קבלות פון דעם איינגעצאָלטן געלט, וואָס זיי האָבן אַף אייביק פאַרלאָרן. באַנקראָטן האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן טאָג אין טאָג, די לאַנד־שפּעקוליאַנטן זיינען די ערשטע געפאַלן. נאָכדעם האָבן געבראָכן די תבואה־ אויסקויפער, וואָס זייער רייכטום איז שטענדיק פון זייפן־בלאָזן געמאַכט, און אויך די קרעמער, אָט די שמאַטע הענדלער, די אַלע אויפגעבלאָזענע גבירים, זיינען מיט'ן וואַסער אוועק. אייניקע האָט עס קיין טשילע פאַרטראָגן... און אייניקע האָט מען אין די טיורמעס באַזעצט, פאַר ניט האָבן געמאַכט דעם באַנקראָט נאָכ'ן כשר'ן, אָרנטלעכן שטאַטליכן געזעץ... עס זיינען געפאַלן גבירים, אַף ככר לחם זיינען געקומען סוחרים, וואָס זייערע דאַמען זיינען ערשט פון די זומער בעדער אין מאַר דעל פּלאַטאַ געקומען און דאָרט געטריבן דעם לוקסוס ביז משוגעת... דער קריזיס האָט זיך צעשפּרייט און צעוואַקסן אין, לאַנד און אָנגעמאַכט חורבות און שממות.

אונדזער מאָוריציאָ, וואָס שטייט אין דער בעסטער געגנט, אַף דער

העכסטער ניווא פון בוענאָס איירעסער פּראָווינץ, האָט ניט געקענט פאַר־טרונקען ווערן. אָבער פוילן האָט זי יאָ אָנגעהויבן. צוערשט האָט דאָס וואסער די סטוינן ברויט געכאַפּט, דורכגענעצט זיי ביז'ן יסוד, באין אופן האָט מען ניט געקענט אויסדרעשן די תבואות, אפילו די זעק מיט גע־דראָשענער תבואה אָפּ'ן פעלד, זיינען צעוואקסן און פארפוילט געווארן. די קאָסטעטשע איז איינגאַנצן קאַפּוט געגאַנגען, און נאָך מיטגענומען, ווי מ'זאָגט דאָ „אַ לאַ זשאַפּאַ", (אַ צוגאָב) די הוצאה פון שניידן און „פארווירן" (לעגן אין סטויגן). דער היזק איז געווען אין לשער. נאָכדעם איז געקומען די ריי צו די אלפאלפא פעלדער. דאָ ערשט איז געקומען דער אמת'ער בראָך; אלע טויזנטער סטויגן מיט לוצערנע וואס די קאָלאָניסטן האָבן אין ווערט פון הונדערטער טויזנטער פעזאָס געשאַצט, אָט די אלע סטויגן פאשע, וואס מ'האָט פאר'ן גליק און רייכטום גערעכנט, זיינען דורך און דורך אויסגענעצט געווארן און גענומען פוילן; שטיין זיינען גע־בליבן די אלע מאַשינען, קאָסאַרקעס, גראַבליעס, „פאַרדאַדראָאַס", ליע־ווערעס, די אַלע נייע מאָדערנע מעכאַניזמען, וואס מ'האָט אָף קרעדיט גענומען און וועקסלען אונטערגעשריבן; עס זיינען שטיין געבליבן די אלע ברייטע פעלדער, מיט דער הויכער גרינער אלפאלפא, וואס האָט אין דער רעגן־צייט פון דער הויט ארויסגעיאָגט. קיין איינציקער האָט זיי ניט גענוצט. די קאָלאָניסטן האָבן קיין פּי פאר זיי ניט געהאַט און דינגען — מ'האָט שוין דאַן נעמענט פארדינגען — איז קיין איינציקער ניט גע־קומען. ווייל ווען האָט דאָס דאַן געפעלט!

אַ שוואַרצער דלות האָט זיך אָנגערוקט אָף אונדזער שיינער מאָוריציאָ און האָט אונדזערע פּנים'ער ווי קויל שוואַרץ געמאַכט. מ'האָט שוין פארגעסן אין אַלעס, אלע פּאָליטיקעס. פרייהייט, קויפשיינען זיינען גע־בליבן ארונטער. די פראגע פון „מה נאכל", עסן, אָט די פראגע האָט יעדן געבויערט אין מח. נידערגעשלאָגן און אַנטוישט, שוואַרץ ווי די נאַכט, שטום און בייז, האָט מען אין די וואסערן געקוקט, געזוכט די טויב, די בשורה טויב, אפשר וועט זי פון ערגעץ אָנפליען, מיטן מזונות בלאַט אין מויל...

אָבער אָף דאָס וואס מ'קוקט ארויס, דאָס קומט ניט, קומען קומט דאָס אָף וואס מ'ריכט זיך ניט. וואס ווייניקער דו דענקסט פון אַ זאַך, אַלץ שנעלער קומט עס אָן און איז דאָ. דער הויפּט־טרעפער פון דער לאָטעריי קומט אויך נאָר אומגערעכט.

אונדזער פרייהייט, דעפיניטיווע קוויטשיינען זיינען אויך דאן אומגע־ריכט מיט דער וואסער אנגעקומען. הלואי וואלטן זיי דאן ניט געווען גע־קומען.

דעם 27־טן מערץ 1912 האט די שיף „מאגאליאנעס“ דעם פרייהייטס צירקוליאר פון פאריז געבראכט און שפעטער מיט אכט טעג, פונקט א טאג פאר ערב פסח — אין דער חירות צייט — האבן די דירעקטארן פון קאזשאא 216 דעם צירקוליאר אין קאלאניע ארייננגעשיקט: נאט, קאלא־ניסטן, זעט, איר זיינט פריי! און אין אייער זכות וועלן שוין נעניסן אלע אנדערע קאלאניסטן.

ער האט געהאלטן ווארט, דער גרויסער ספרדישער איד, דון דוד קאזעס.

— ושא סאקארע סוס טיטולאס — האט ער אונדז מבטיח געווען, און ער האט די הבטחה מקיים געווען.

דער צירקוליאר האט געטראגן דעם נומער 153 און האט זיך געלויי־טעט בזה הלשון:

די גענעראל דירעקציע אין בוענאס איירעס האט די ערע מיטצוטיילן אלע קאלאניסטן פון ארגענטינע דעם פאלגענדן באשלוס פונ'ם אדמיניסטראציאנס ראט אין פאריז, וועגן ארויסגעבן דעפיניטיווע קוויטשיינען די קאלאניסטן.

יעדער קאלאניסט וואס איז שוין 20 יאר אף זיין טשאקרע און האט שוין ביז איצט צוועלף יערלעכע ראטעס איינגעצאלט, קען באקומען די אייגנטומ־שיינען אף זיין לאנד אין חודש אפריל פון קומענדן יאר 1913, ווען ער וועט באצאלן זיינע איבעריקע אכט ראטעס צוזאמען מיט די אלע אנדערע שולדן, וואס קומען פון אים ארויס. דער אדמיניסטראציאנס ראט איז זיכער, אז די קאלאניסטן וועלן וויסן ווי אויסצונוצן די פרייהייט און וועלן פארבלייבן ער־בעטנדיק אף זייערע פעלדער און דערציען א דור פון ערד ארבעטער, אז די גע־זעלשאפט וועט ניט דארפן חרטה האבן אף דעם צוטרויען וואס זי האט זיי גע־שיינקט.

גענעראל דירעקציע קאזשאא 216, בוענאס איירעס.

דירעקטארן:

דוד ווענעציאני און ס. סאמס.

אונדזער וועפּענטלעפּער אָרגאַן „ד ע ר פּ אַ ר ט י י ד י ק ע ר“ האָט דעם צירקוליאַר אין אידיש איבערגעדרוקט, רייטערס זיינען מיט דער בשורה אין די גרופּעס אַרומגעלאָפן:

— קאָלאָניסטן, איר זיינט פריי! די ערד איז אייער׳ע!

מ׳האָט זיך מזל טוב אָפּגעגעבן, אָבער, מיט ניט קיין זיכערער שטימע; ניט מיט קיין גראַנדיעזער שמחה האָבן די איין און צוואַנציק יעריסע עבדים די פרייהייט אויפגענומען; קיין כלי־זמר האָבן ניט געשפּילט און יונגט האָט דעם פרייהייטס הימן ניט געזונגען. א שאָטן פון טרויער האָט די פרייהייט שכינה פאַרהילט.

— שפּעט! — האָט זיך שטיל און קרעכצנדיק אַרויסגעריסן בא די קאָלאָניסטן פון מויל. — דער מערדערלעכער קריזיס איז פריער געקומען..

XIX

דער סוף פון די מיליאָנען

ווידער ניט צופרידן. — דער שרעקלעכער ווינטער. — געבראָכן: דער „מיליאָנער". — א זעלבסטמארד. — מ'וויל זיך ווענדן צו יעקב שיף —

װ ון די נשמה־לאָזע, די פּריץ־אידעלעך?

איך שעם זיך עס צו שרייבן: ווי די פּאַנשטשיזניקעס פאר אלעק־סאַנדער דעם צווייטן, ווען ער האָט זיי פון די פּריצים באפרייט, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע די וואַנט פון'ם פּריץ'ס הויף און געוויינט: — וואוהין וועלן מיר איצטער גיין? מיר האָבן דאָך ניט מער קיין כאַזיאַין..."; פּונקט אזוי האָבן איינציקע קאָלאָניסטן זיך הינטער דער וואַנט פון דער אַדמיניסטראַציע איינגעשטעלט, מיט דעם צירקולאר 153 אין איין האַנט און די ביכעש אין דער צווייטער, נעקנייטשט דאָס פּאַפּיר, געביסן די פּוזשאָלע, געוואָרטשעט, געשאָלטן קאָלאָמבוס'ן, קאַזעס'ן מיט זיין צירקוליאר, מיט זיין פרייהייט און מיט דער כאַכלאַצקע טענה פון די פּאַנשטשיקעס, איינס ס'אַנדערע געפרעגט:

— וואָס וועט איצטער זיין?

אויך די הייסע פרייהייטס קעמפער האָבן טיף אין זייער הארצן זיך דאָס זעלבע געפרעגט:

— וואָס וועט ווייטער זיין?

טיף און אומבאַגרייפלעך זיינען די געפילן פון'ם מענטשן. ווער קען זיי פארשטיין!... צוויי עקסטרעמען פּושעווען אינ'ם מענטשנס מח. נעהיי־מע קעמערלעך זיינען פארזיגלט אין זיין האַרץ. היינט קעמפט ער מיט אַפּטערהוויליקייט, בלוטיקט היים פאר אַן אידעאַל, און מאָרגן, ווען ער האָט שוין אויסגעקעמפט, קוקט ער אַף אים קאַלט און אַפּאַטיש. אָן איבל נעמט אים אָן און ער פרעגט זיך: — וואָס איז עס? ניט דאָס האָב איך גע־מיינט...

ווי הילפלאָז איז די נשמה אינם מענטשן! שטענדיקע אומצופרידנ־

קיין טראגט זי ארום אף דער ערדישער וועלט...

זאל דאס אמת זיין, אז זי איז א פרעמדע, אן אנגעקומענע אינ'ם מענ־טשנס חומר פון העכערע ספערן און גארט אויך תמיד צוריק צו איר מקור, וואוהין זי גייט זיך טאקע שפעטער, נאך דער לעבערלעכער לעבנס קאמעדיע. אוועק? זאלן די אלטע מיסטיקער, צוזאמען מיט די נייע ספי־ריטיסטן, אמת זאגן, אז קיין ערדישע צופרידנהייט קען איר נים באגליקן, צי זיינען אפשר די יונגע געלערנטע די ריכטיקע אבית זאגער, אז זי איז אויך נים מער ווי א שטיק חומר, א מאטעריע וואס וואקסט צוזאמען מיט'ן גוף און זארגט, קעמפט, צוגלייך מיט אלע חומר'שע חושים פאר דער ער־דישער עקזיסטענץ, און ווען די עקזיסטענץ איז אויסגעקעמפט, די תאווה, צי דער נצחון, איז א נעוואונענער, פאלט זי אריין אין א נייעם סקעפטי־ציזם און פרעגט וואס וועט ווייטער זיין?...

נאר לאמיר לאזן די נים געלעזטע נשמה־פראבלעם פאר זיי, פאר די געלערנטע פסיכאלאגן...

די קאלאניסטישע נשמה איז דאן מיט דער אויסגעקעמפטער פריי־הייט נים צופרידן געווען. ווי א האגל אף די רייפע תבואה־זאנגען, אזוי האבן זיך די פיר הארטע און קאלטע ווערטער אף די קעפ פון די אנפירער געשאסן:

„וואס וועט איצטער זיין?"

און דער איצטער איז טאקע א ביטערער, א שרעקלעכער געווען. ער איז געשטאנען אפ'ן שוועל פונ'ם ווינטער, א ווינטער א קאלטער, א נאסער, א מבול'דיקער און א הונגעריקער, אונטער א בארג מיט חובות.

דעם ווינטער האט נים אויפגעהערט רעגענען. ס'איז געווען נאס און קאלט, די ציין אין מויל האבן זיך געטרייסלט פון הונגער און קעלט. דער ווייטיק אין הארצן איז אין לשער.

הונדערטער סטויגן ברויט און פאשע שטייען אין פילן, זינקען, קריכן אריין אין דער צעווייקטער ערד און פילן אן די לופט מיט א עיפוש'דיקן גערוך. דער ווינט וואיעט בייז און גרויזאם. ווי א כטארע הונגעריקע וועלף, טרייבט די וואסערן, שלאגט בוואליעס, בינעט און שווענקט אונ־טער די לייזיקע ראנטשאס, רייסט פון זיי שטיקער און וויל אונדז נאר אין דרויסן זעען...

אלע קוימענס זיינען צעלייגט, די דעכער אף א זייט געבויגן, דער רעגן גיסט אף די ווענט, מ'טראָגט זיך מיט די געלעגערס פון איין ווינקל אין צווייטן; ס'פאַלט אַן אימה, א שרעק אָנצוקוקן וואָס ס'איז פון דער קאָלאָניע געוואָרן: אלע בוימער שטייען אויסגעטאָן נאַקעט, קיין איין בלעטל איז אף זיי ניטאָ; אלע ראַנטשאָס זיינען שוואַרץ, דער קאַלך איז שוין לאַנג מיט'ן וואַסער אַוועק; איניקע ווענט זיינען איינגעפאַלן; ס'איז נאָר געבליבן דער דראָט, א פאַרזשאַווערטער, וואָס קוקט מיט אומעט פון דער אַמאָליקער באַלעבאַטישער שטוב אַרוים; דערטרונקענע עופות שווימען אום פאַר דער טיר; פויגעלעך קלאַפּן אין די שויבן, בעטן זיך רחמים אריין אין שטוב; אויך אַלץ איז א כּרה שחורה אויסגעגאָסן, אלעס איז „כּליה" געוואָרן, דאָס האַרץ קרעכצט צונויף פאַר אומעט און צער.

דער דלות נאָר, ער איז מונטער פריילעך, ער פּליושקעט זיך אין די וואַסערן, צעלייגט זיך מיט חוצפּה, וואַקסט אין דער ברייט און אין דער לענג, ווערט גרעסער, שאַרפער פון טאָג צו טאָג.

צו דעם גרויזאַמען ווינטער האָט אונדז דאָן נאָך א שרעקלעכער אומגליק געטראָפן; א בראַך וואָס האָט דערשיטערט און כּמעט פאַרניכטעט א האַלבע קאָלאָניע.

דער מיליאָנער פון קאַסאַרעס, דער פריערדערמאָנטער פאַפּירענער העלד, האָט געקראַכט... די פאַפּירענע וועקסל-בריק, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעבויט אף א דריי מיליאָן, און האָט זיך געצויגן פון מאָוריציאָ ביז דער קאָלאָניע מאָזעוויל אין סאַנטאַ פע, דער גאַנצער מעכאַניזם איז פון'ם וואַסער א פּנים צעווייקט געוואָרן, דער קרעדיט איז אַוועקגעשוואומען, די פאַפּירענע בריק איז צעריסן געוואָרן, און דער גביר איז געפאַלן. די קרעדיטאָרן האָבן פון זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז געווען היפּאָטעקירט אף פיל מער פון'ם ווערט, אויסגעקליבן בלויז די קאָלאָניסטישע וועקסלען, איניקע ריכטיקע און מערסטנס אויסגעבאָרגטע טובה-וועקסלען — אַט דאָס האָבן זיי פאַר עפּעס א ווערט-זאַך געפונען און האָבן זיך מיט אימ-פּעט א לאָז געטאָן אף די קאָלאָניסטן, האָבן עמבאַרגירט זייער רעמאַנענט, די בהמות און אויך די ערד.

די עמבאַרגירטע קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט א גוואַלד, זיי זיינען געלאָפן צו דעם אומגליקלעכן מיליאָנער: סטייטש? האָט ער זיי א קלאָרן ענטפער געגעבן: — באַנקראָטירן איז א מענטשלעכע זאַך, ס'איז ניט גע-

שאפן פאר חיות אדער פערד... מאכט די זעלבע שפיל וואס איך!

איייניקע האבן געפאלגט, האבן פאבריצירט א שווינדל באנקראט, א „קאנקורסא סיוויל״ האט דאס געהייסן; פאלשע וועקסלען צו גוטע ברי־דער ארויסגעגעבן די ערד צו דער יק״א צוגערעכנט און געדענקט אזוי ארום פטור צו ווערן, ארויסצוקריכן פון אן אומגליק.

נאר ווי אנטוישט און באטראגן די תמימים זיינען נעבעך געווארן! די אדוואקאטן פון איין זייט און די קרעדיטארן פונ׳ם מיליאנער פון דער צווייטער זייט, און ועל כולם די רחמנות׳דיקע יק״א; זי האט אירע פילאנט־ראפישע לאפעס אויסגעשטרעקט, ארומגענומען דעם נאאיוון מענטשן פשוט באם האלדז און...

איך וועל שפעטער שרייבן פון דעם. דערווייל איז פון דעם גביר׳ס פאלען די לאגע פון די קאלאניסטן פארערגערט געווארן.

א זעקל מעל האט קיינער מער ניט געבארגט, ס׳איז אזוי שלעכט געווארן די צייט, אז די האנט ציטערט מיר. ס׳טוט מיר זייער ווי דערפון צו שרייבן און ס׳איז טאקע א סוד אויך דערביי:

איין קאלאניסט ד. ז. איז דאן, אין חודש יולי, פון דער באן סטאנציע גואנאקא געקומען, איז צוגעפארן צו די ברידער סקאלא, א זעקל מעל צו בארגן און אין אוונט איז ער הונגעריק און פארשעמט, ליידיק און מעל צוריקגעקומען און האט פאר פארדרוס זיך נעבעך דאס לעבן גענומען... אף אן איינעם בוים זיך אויפגעהאנגען... די אומגליקלעכע פאמיליע האט דעם זעלבסט־מארד פארלייקנט; פלוצימדיקער טויט, האבן זיי געזאגט, איז עס געווען. ארעמער מענטש!

און אין דער אמת׳ן איז דאך טאקע דער פארדרוס א גוואלדיקער גע־ווען. מערקט אייך די איראניע: די טיטולאס אף דער ערד זיינען שוין זי־כער דא, ס׳איז נאר געווענט אין א שטיקל צייט פון אכט ביז ניין חדשים, ס׳איז דא א פארמעגן פון פערציק ביז פופציק טויזנט פעזאס, און דו נעם דערווייל און שטארב פון הונגער! פינף קילא נאליעטן וויל מען א קא־לאניסט ניט בארגן! וואס איז, שפעקוליאנטן, קרעמער באנקראטירן, גייט דאס אוים צום ערד ארבעטערס קאפ... אבער דעם פארדרוס בייסט מען און מ׳קיים אים, און וויפיל מ׳זאל אים ניט שלינגען, קען מען מיט אים זאט ניט ווערן.

אזוי ווי די הונגעריקע שאף צעקריכן זיך אף די בערג אין הונגער

צייט צו זוכן אַ גרעזעלע, אזוי זיינען אונדזערע קאָלאָניסטן זיך צעגאַנגען אויף די געפּערלעכסטע וועגן צו זוכן חיונה.

בײַ די עקספּלאָטאַטאָרס, בײַ די שקאָנטינסטן, בײַ אַלע מיני פּראָצענטניקעס האָט מען די טירן געקלאַפּט און אַט די גיפטיקע פּיאַווקעס האָבן שוין געוואוסט ווי אויסצונוצן דעם קאָלאָניסטישן אומגליק, און האָבן אים אריינגענאַרט אין פּאַסטקע... איינציקווייז האָט מען זיי געכאַפּט. דעם מיט אַ קאָנטראַקטל, יענעם מיט אַ היפּאָטעקע אַפ'ן לאַנד, אויף דער צייט ווען די קויפשיינען וועלן קומען. און דערווייל אַ חתימה'לע בײַ אים געגנרמען „אַ בלאַנקאַ". בײַ אייניקע אין ארעגרע ראָס פעלד אויף יאָרן אויסגעצאַרט. קורץ, מ'האָט אָנגעהויבן מיטברויכן מיט דער פרייהייט אַפ'ן שענדליכסטן אופן.

· אייניקע פון די אָנפירער האָבן געשריען: גוואַלד, האַלט אייך אַלע איינעם, צוזאַמען וועלן מיר געפינען אַ מיטל. אפשר וועט אַן אָרגאַנלעכער באַנק אָדער אַ גרויס פּריוואַט הויז און אפשר וועלן די אָקציאָנערן פון יק"א גופא היפּאָטעקירן אונדזערע לענדער און אונדז ארויסהעלפן פון דעם קריזיס. קריכט ניט צו די שווינדלער, צו די פּיאַווקעס.

דורך די שפּאַלטן פון'ם „פּארטיידיקער" האָבן מיר זיי געוואָרנט פון די מחבלים די פּראָצענטניקעס...

„עצמות יבשות" — האָב איך זיי אַ! ארטיקל דאָן געשריבן. — בײַ יחזקאל הנביא האָבן די טרוקענע ביינער אויפגעלעבט, ווען זיי האָבן זיך נאָר צוזאַמענגערוקט איינס צום אנדערן. האַלט זיך צוזאַמען, וועלן מיר געפינען עפּעס אַ הילף!..

עס האָט אַפ'ן מאָמענט געווירקט. מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פון'ם צענטער און אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג.

אייניקע האָבן פאָרגעלעגט מ'זאָל זיך ווענדן צו די רייכע אידן אין אייראָפּע אָדער גאָר צום אידישן באַנקיר און כלל טוער שיף, קיין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן היפּאָטעקירן אונדזערע לענדער, ארויסגעבנדיק הונדערט פּעזאָס אַפ'ן העקטאַר לאַנד. האָבן אָבער פיל אָפּגעשלאָגן דערפון, מיט דער טענה, אַז קיינער פון די רייכע אידן וועט ניט וועלן איינגיין עפּעס פאַר אונדז צו טאָן, ניט וועלנדיק קאָמפּראָמעטירן די יק"א. ווענדן זיך צו דער יק"א אַליין ווענן היפּאָטעקעס? איז, ראשית, האָט דאָך קאָועס דעם פּראָיעקט אפילו ניט געוואָלט הערן, צווייטנס, האָבן זייער פיל קאָלאָניסטן

ניט געוואלט איינשטימען דערצו, מיט דער טענה: איר ווילט אונדז נאכ־אמאל אין דעם שקלאפן־יאך אריינשטופן? בעסער אינגאנצן פארלארן גיין, איידער נאכאמאל צו פילן דער אדמיניסטראציעס בייטש...

מ׳האט דעבאט־ירט זיך ארומגעריסן א גאנצע נאכט און זיך צעגאנ־גען מיט גאר נים.

יעדער נויט־פארערפטיגער האט זיך געזוכט הילף וואו ער האט גע־קענט. א טייל זיינען געקראכן צום וואלף גלייך אין מויל אריין.

פון דער ביורא אין בוענאס איירעס האט מען געשוויגן, דער די־רעקטאר וועגעציאני איז דאן געווען אפגעפארן אין פאריז. מיר האבן זיך געפונען שטארק געקרענקט, הילפלאז און ראטלאז. און דא דערנענ־טערט זיך דער טערמין פון אפריל 1913, די צייט פון ארויסנעמען די קויפשיינען, און דער קריזיס איז אזוי גרויס, דער רעגן גיסט אלץ.

XX

א דעלעגאַציע קיין פּאַריז

דער גייסט פון וואָלף שרייבער אַף אַן אסיפה. — „אַדאַנדע עסטאַ על אמת?" — א מעשה'לע מיט פראַנץ יאָזעף און א בלינדן בעטלער. — קיינער וויל ניט פאָרן. — „נתנה ראש ונשובה מצרימה". — אַדאָלפאָ רייצין גיט אויף די פּירערשאַפט און פאַרפּלאָנטערט זיך אין א היפּאָטעקע. —

עס נדע נאָוועמבער 1912 איז דער דירעקטאָר וועגעציאַני צוריקגעקומען פון פּאַריז. די ראשים פון'ם פאַריין „סענטראַ אגריקאָלאַ" האָבן נעבעטן דעם אדמיניסטראַטאָר באַרוך ער זאָל אָנפרעגן אין ביוראָ צי זיי וועלן איינגיין מיט די קאָלאָניסטן אַף א קאָמפּראָמיס. אָבער דער יונגערמאַן האָט ניט געוואָלט שרייבן און געראָטן ניט צו ווענדן זיך צו זיי, ווייל — האָט ער באַמערקט — די „סעניאָרעס סופּעריאָרעס" זיינען בייז אַף מאָוריציאָ און זיי ווילן זי מער ניט קענען...

— אַז ניט אין קאַזשאַאַ 216 זאָל זיין אין רו פּאַסקויע 2 אין פּאַריז! — האָבן די ראשים געזאָגט. — א קאָמיסיע קיין פּאַריז וועלן מיר שיקן!

דעם 17־טן יאַנואַר 1913 האָבן זיי פּאַררופן א גענעראַל פאַרזאַמלונג אין שול פון אַלגאַראָבאַ אויסצוקלייבן א דעלעגאַציע וואָס זאָל פאָרן קיין פּאַריז. אַלע קאָלאָניסטן זיינען אַף דער אסיפה געקומען.

ס'איז געווען אין א בין השמשות. די זון האָט זיך געהאַלטן באַם זעצן. דער גייסט פונם אַרעמען וואָלף שרייבער, וואָס איז נעבעך 2 מאָל פון דעם „פּאַריז" באַטראָגן געוואָרן, האָט זיך א פּנים פונם הימל אַראָפּ אַרויסגעכאַפּט און איז אַף דער פאַרזאַמלונג געקומען. און ווען דער פּרעזידענט פון „צענטער" האָט דאָס וואָרט „פּאַריז" אַרויסגערעדט האָט זיך דעם געשטאָרבענעם שרייבערס שטימע, די הייזעריקע, קלאָר געהערט:

— „אַדאַנדע עסטאַ על אמת"? א דאַנדע עבטאַ על אמת?..

די קאַלאַניסטן האָבן זיך תחילת שטאַרק דערשראָקן. זיי האָבן שריי־ בערס קול דערקענט. אַ פּאָר אַלטע פאַנאַטיקער האָבן אויסגעשריגן: שמע ישראל! ס'איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געדראַנג צו דער טיר, ביז מ'האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס האָט מאַקס רייכעלסאָן, אַ שטיק אַקטיאָר, נאָכגעמאַכט דעם אָפּגעשווינדלטן אָרימען שרייבער ווי ער איז אומגעגאַנגען אין פּאַ־ ריז און געשריגן:

— „אַראַנדע עסטאַ על אמת"?

ער האָט דערמיט געגעבן אָנצוהערן וואָס פאַר אַ בטחון און חילף מיר קענען האָפן פון פּאַריז.

ס'האָט זיך ריכטיק און קלאָר די גאַנצע שרייבער טראַגעדיע פאָרגע־ שטעלט פאַר'ן עולם. דאָס צעוויי־טיקטע באַליידיקטע פנים פון וואָלף שריי־ בער האָט אומגעשוועבט אין זאַל. יעדער האָט עס געזען און טיף אין זיך געווייטיקט און זיך געשעמט...

ס'איז פאָרגעקומען אַזוי ווי אויף יעדער אסיפה: צאַנקערייען, רעדעס, וואָרפן די שולד פון דער שלעכטקייט אויף יענעם...

איינער אַ קהל'ס־מאַן, מיט אַ ברייטער פּלייצע און אַ צעקעמטער באַרד, דעם פּריערדיקן אַדמיניסטראַטאָרס אַ גוטער ברודער, וועלכער האָט צען טויזנטער פונ'ם מיליאָן געגאַשט, און אַ חלק פונ'ם געשעפט מיט די פערד, האָט געפונען אין דער קריטישער לאַגע דאָ אין שול דאָס פּלאַץ צו קריטיקירן דעם קאַמף פאַר די קויפשיינען. ער איז אויף דער במה אַרויף און זיך צעשריגן:

— ווער האָט דען די פּריוויהייט זייערע באַראַפּט? איז אונדז דען ניט בעסער געווען פריער אונטער דער אַדמיניסטראַציע? ווען האָבן מיר דען אַזאַ הונגער, אַזאַ מאַנגל אין אַ זעקל מעל געליטן, ווען מיר זיינען גוט געווען מיט די דירעקטאָרן? אַ טייל פון דעם עולם־גולם האָט נאָכגעזאָגט באַאַ.

די פּריץ־אידעלעך האָבן אָפּ'ן קול פּאַטאַקעוועט: טאַקע! טאַקע! ס'איז געוואָרן אַ טומל: איינינקע האָבן זייער שטאַרק געגוואַלדעוועט: פּאַריז! פּאַריז!

איך האָב געמוזט אָפּ'ן טיש אַרויף און זיי דערציילן אַן עפּיזאָד וואָס איך האָב ערגעץ געלייענט:

פראַנץ יאָזעף, דער עסטרייכישער קיסר, איז אַמאָל געגאַנגען מיט

זיין דאקטאר שפאצירן אין ווין. האט ער אף דעם פראטער דערזעען א בלינדן בעטלער, נאר זייער א שיינעם מענטשן, ווי ער שטייט אויסגע־שפרעקט די האנט און בעטלט. דער בלינדער האט דעם מאנארך פאר־אינפערעסירט און פראנץ יאזעף רופט זיך אן צו זיין דאקטאר:

— גייט נאר און באטראכט דעם ארעמען בלינדן, צי זיינען זיינע אויגן טאקע אומהיילבאר. אפשר קען מען אים די שיין צוריקגעבן?

דער דאקטאר האט באטראכט דעם בעטלער און זאגט:

— יא, מאיעסטעט, בלויז א לייכטע אפעראציע קען דעם מענטשן זע־ענדיק מאכן.

מ'האט דעם שיינעם בעטלער אין קיסר'ליכן שפיטאל א שטיקל צייט אפגעהאלטן און אים זיין זעענסקראפט צוריקגעגעבן.

אין א טאג מעלדעט זיך דער געוועזענער בלינדער צום קייסער און פאלט אים צו די פיס:

— איך דאנק דיר קייסער פאר דער ליכט וואס דו האסט מיר גע־געבן, אבער מער צופרידן בין איך געווען מיט דער פינצטערניש...

דער מאנארך איז אויפגעציטערט געווארן.

— וואס זאגסטו, קינד? איז די ליכט דען נים בעסער פון דער פינצ־טערניש?

— פריער,—ענטפערט דער בלינדער—ווען איך בין געשטאנען אין דער פינצטער, האט יעדער פארביייגייער רחמנות געהאט אף מיר און איצט שטארב איך פון הונגער...

ווען איך האב געענדיקט ריידן האט שוין דער פארזאמלטער עולם נאר אן אנדער מינע באוויזן; זיי האבן זיך, ווייזט אויס, געשעמט פאר'ן פריערדיקן בעטלער געדאנק...

און באין אופן האבן זיי קיין דעלעגאטן קיין פאריז נים געקענט זיך צוקלויבן; וועמען מ'האט פארגעגעבן האבן זיי אפגעווארפן; און ווען זיי האבן שוין יא איינגעשטימט אף איינעם, האט אבער דער אנגעוויזע־נער נים געוואלט פארן. און מ'איז זיך צעגאנגען מיט גארנישט. ס'האט זיך נאך איין מאל ווידערהאלט די געשיכטע: נתנה ראש ונשובה מצרימה.. דארט, אף אומצוקערן דאס פאלק קיין מצרים, האבן זיי אויך, א פנים, קיין ראש זיך נים געקענט צוקלייבן...

ארלאפא רייצין און נאך א פאר פון די ראשים האבן זיך געזונע

פּאָליידיקט און האָבן דימיטירט פון דער קאָמיסיאָן.

— אויס! — האָבן זיי געשריגן — מיר ווילן אייך מער ניט טראָגן, איר זיינט שוין ניט קיין קנדער. איר האָט קויפשיינען אויסגעקעמפט, דאָס איז אַ פאַרמעגן, זאָל זיך יעדער גיין זיין וועג.

רייצין אליין מיט נאָך דריי, זיינען טאַקע באַלד אוועק אויף אַ וועג, זייער אַ גליטשיקן: שטיקלעך היפּאָטעקע אויף אַ טערמין פון דריי יאָר ציים האָבן זיי ערגעץ אויף זייער לאַנד ארויסגענומען. און אַז דער קורצער טערמין האָט זיך געענדיקט, האָט דער גרויסער אידעאַליסט זיין שיינע טשאַקרע מיט דעם רייכן סאַד און וואַלד, די „ווילליא רייצין", געמוזט צו אַ גוי פאַרקויפן. ער איז טאַקע פאַר ווייטיק באַלד געשטאָרבן...

אָבער די איבעריקע קאָלאָניסטן האָבן נאָך דאַמאָלסט אַזאַ געפערליכן וועג ניט געוואָלט אָננעמען.

א בייזער שפּיל

מיר ציען אַף זיך אַרויף אַ דיפּלאָמאַטישע הויט. — די דירעקטאָרן זיינען גוט. — מיר גלויבן זיי. — איך און מיין חבר בערל ראַבינאָוויטש. — די אַדונים זוכן ווידער נקמה און חורבן. — דער אַדמיניסטראַטאָר באַרוד אַפּגערופן. —

דעם 26־טן יאַנואַר 1913, ניין טאָג נאָך דער אויבנדערמאַנטער אסיפה, זיינען צוואַנציק חשוב'ע קאַלאָניסטן, דער סולת פון קאַלאָניע, צו מיר געקומען, געבעטן און אויך געפאָדערט איך זאָל שרייבן ווענעציאַנין און אָנפרעגן, צי ער וועט ניט וועלן אויפנעמען אַ דעפוטאַציע פון מאוריציע.

— מיר ווילן ניט נאָכאַמאָל בלינד ווערן — האָבן זיי צו מיר געטענה'ט, — מיר ווילן ניט פּאַריז; ווייל, אַז די אַדונים אין קאַזשאַא וועלן ניט וועלן, וועט אין פּ א ר י ז אויך גאָר ניט ווערן... מיר פּאַרלאַנגען איר זאָלט צו זיי פאָרן, אפשר וועט איר דאָ ביי זיי פּועלן אייער אידייע: „מיטולאָס היפּאָטעקאַריאָס". דאָס איז די איינציקע רפואה אונדזערע, אַז מיר זאָלן קענען בלייבן קאַלאָניסטן.

איך האָב געמוזט אַרויפציען אַף מיר אַ דיפּלאָמאַטישע הויט, אוועקלענען די בושה אָן אַ זייט און אוועקגעשיקט אַ בריוו, ניט דערוואַרטענדיק אפילו קיין ענטפער.

ס'איז אָבער ניט אַזוי געשען. נאָך דריי טעג איז אָנגעקומען ענטפער פון ביידע דירעקטאָרן, אַז די מיר איז פאַר אונז אָפן... און דעם 30־טן יאַנוואַר 1913, בין איך מיט בעריל ראַבינאָוויטש, געווען ביי זיי אין קאַזשאַא 216.

דאָס פּנים האָט באַ אונדז ביידן געפלאַמט פון שאַנדע, ווען מיר זיינען אין ביוראָ אַריין, דערמאַנענדיק זיך דעם בזיון וואָס ער, דער דירעקטאָר ווענעציאַני, האָט ערשט ניט לאַנג ביי אונז געליטן... ער האָט אָבער אונז צו מערקן ניט געגעבן פון וועלכן ס'איז רונג, אומגעקערט, ביידע דירעקטאָרן האָבן אונז גאָר פרייינטלעך עמפּאַנגען און דער ערלעכער, ניט געשליפענער דירעקטאָר מאָסס, האָט מיר די הענט אָפן אָקסל אַרויפגעלעגט און זאָגט:

— „מיר האָבן זיך איבער אַן אידייע געשלאָגן און איר האָט גע־זיגט... איצט קענען מיר גוטע פריינד זיין..."

גלייך האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אונזער פּראָיעקט: מיר ווילן היפּאָ־טעקירן אונזערע פעלדער ביי דער געזעלשאַפט גופא, מיר האָבן זיי אָבער געוויזן אַז כדי די פעלדער זאָלן ניט אריינפאַלן אין פרעמדע הענט, איז ביי די קאָלאָניסטן געבליבן אין הסכם צו זיין אונטער דער יק"א נאָך 30 יאָר, אָבער פרייע קאָלאָניסטן, ניט קיין ע ב ד י ם ביי דער אדמיניסטראַ־ציע, ד. ה., איר זאָלט אונז היפּאָטעקירן אונזערע לענדער, ארויסגעבנדיק אונז 100 פעזאָס אַפן העקטאַר, און מיט דעם געלט וועט זיך מאוריציא רע־אָרגאַניזירן זעלבסטשטענדיק און זיכערן איר עקזיסטענץ.

— און אויב איר טוט דאָס ניט — כאַפּט אונטער מיין חבר ב. ראַ־בינאָוויטש — איז דער חורבן פון דער קאָלאָניע אַ פאַרזיגעלטער. אַזוי ווי ביים חורבן טיטוס זיינען די שקלאַפן - הענדלער גרייט געשטאַנען הינטער אונזערע טויערן אום אָפּצוקויפן די געפאַנגענע, אַזוי שטייען איצט די הענדלער מיט די וואוכערער, די פּראָצענטניקעס, מיט אַ בינטל גוים, אום אָפּצוקויפן אונזערע לענדער און אונז ארויסטרייבן פון אונזער היים.

די דירעקטאָרן האָבן אונז אויסגעהערט און ביידע גלייך אָן ענטפער גע־געבן:

— גוט! מיר זיינען אייך מיט דער זעלבער מיינונג, שרייבט אַ ביטע קיין פּאַריז! — און באַמערקנדיק, אַז מיר זיינען זייער אויפגערעגט גע־וואָרן פון דעם באַנאַלן צוואַנציק יעריקן ענטפער: „טאָם"! דאָרט! פּאַריז!, האָט וועגעציאַני זיך אַ כאַפּ געטאָן: — איך היים עס אייך שרייבן! מיר פון אונזער זייט וועלן אונטערהעלפן דעם פּלאַן אויסצופירן. און ער האָט אַ בלייפעדער גענומען און אונז אַ קאָפּיע אייגנהענטיק אָנגעשריבן.

— אָט אַזוי זאָלט איר די ביטע אָנשרייבן און די קאָלאָניסטן זאָלן חתמ'ענען — זאָגט ער ערנסט, — אייער היפּאָטעקע וועט געוויס באַ־שטעטיקט ווערן.

מיר האָבן דאַן אין זייער ערנסטקייט געגלויבט, און נאָך אין זעלבן אָוונט צו אונזערע קאָלאָניסטן טעלעגראַפירט מיט אַ ישועה: „מיר האָבן סיטולאָם היפּאָטעקאַריאָס, אונזער ישוב איז געראַטעוועט".

דאָ איז אָבער ווידער אַ שטורעם אונז אריבערגעפלויגן. דער שוואַרצער שטורעם וואָס באַגלייט די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע פון איר געבורט אָן.

מיר ווייסן ניט אַף ריכטיק ווער ס'האָט דעם פּלאַן צעשטערט, נאָר צו נישט איז ער געוואָרן. ווען מיר זיינען מיט פינף טעג שפּעטער געקומען מיט דער ביטע און מיט די אונטערשריפטן צו די דירעקטאָרן, האָבן זיי אונז נאָר אַן אַנדער מינע געוויזן. זיי האָבן כמעט גאָר ניט געדענקט דעם גאַנצן ענין וואָס מיר האָבן מיט זיי פאַרהאַנדלט.

— אַט אַ די ביטע? — שמייכלט וועגעציאַני און דער דעספּאָטישער פאַלד צווישן זיינע דינינקע ברעמען ציט זיך אים ענג צוזאַמען. און דער צווייטער, דער ניט קלוגער דירעקטאָר מאסס, כאַפּט אונטער:

— יאָ! מיר האָבן זייער קיין צייט ניט, מיר האָבן אַזוי פיל קאָלאָניען וועלכע זיינען נאָך זייער ווייט פון טיטולאַס היפּאָטעקאַריאַס... מיר מיזן פאַר ז י י פריער זאָרגן...

און ווי שטענדיק, גיסן זיך זייערע ביידע שטימען צוזאַמען:

— אייער ביטע גייט פרייטיק אָפּ נאָך פּאַריז!..

מיר זיינען שנעל אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן.

ביז אַף היינטיקן טאָג האָבן מיר אַף דער ביטע קיין ענטפער ניט באַקומען. אייניקע זאָגן, אַז זי איז אין פּאַפּיר - קאָרב לעבן די דירעקטאָרנס טיש אַריינגעקראָכן, זי האָט נאָר די שיף ניט געזעען. אַנדערע באַהויפּטן, אַז זיי האָבן טעלעגראַפיש אין פּאַריז אָנגעפרעגט און פון דאָרט האָט מען דעם פּראָיעקט אַנולירט. סאַי ווי סאַי, אויף דער יק"א איז שוין ניט געווען וואָס צו האָפן.

— זיי ווילן נקמה נעמען אין אונז, — זאָגט מיר מיין חבר ראַבינאָוויטש אַפן וועג פאַרנדיק אַהיים, — זיי ווינטשן דעם אונטערגאַנג פון מאוריציאַ...

— מעגלעך אַז די דירעקטאָרן דאָ פאַרלאַנגען עס, זיי האָבן אַ פאַרדרוס אַף אונז..

— אָבער פּאַריז, די אַקציאָנערן, פיליפּסאָן און די אַנדערע גדולים, פאַרוואָס זאָלן זיי וועלן אונזער חורבן?

— אום צו ווייזן דער וועלט, אַז דער רוסישער איד איז ניט פעהיק זיך אַליין צו אַדמיניסטרירן...

— זיי דענקען, זאָל איין קאָלאָניע חרוב ווערן, וועט מען שוין די איבעריקע קאָלאָניעס קיין מאָל ניט געבן די פרייהייט, — זאָגט מיין חבר באַטריבט און קייט דעם שפּיץ פון זיין ווייסער באָרד. חורבן! — שרייט ער אויס, — מאַטל! איך זאָג דיר, חירבן שמכה! היינט האָבן די פראַנ־

צויזן אים אונטערגעשריבן... איך זע שוין די שקלאפן - הענדלער מיט די בייטלען געלט ביי די טויערן פון מאוריציא, זיי, די גוים מיט די פראָצענט־ניקעס וועלן איר צונעמען... א קללה אף זיי, אף די דעספאָטן...

און ער, דער שמאַרקער איד, מיט זיין האַריקן באוואקסענעם האַרץ, לאַזט פאלן א גרויסע זודיקע טרער אין זיין פוכיקער ווייסער באָרד.

— דיין פלאַץ, פריינט מיינער, איז אין גרענלאנד, דאָרט אף די אייז־פלעצער, דו ווייסער בער! — זאָג איך צו אים לאַכנדיק. — דו האָסט מיך אזש קאַלט געמאַכט מיט דיין פעסימיזם. דער חורבן איז נאָך ווייט. מאך נאָר ניט אָן קיין מרה שחורה אין קאָלאָניע, מעגלעך אז פון פאריז וועט נאָך גוטס אָנקומען...

ער האָט אף מיר א האַרצרייסנדן ברום געטאָן, מאַסע ווי א פאר־וואונדעטער בער, האָט זיין פאלטן איבערן קאָפ ארויסגעצויגן און דעם נאָנצן וועג איין וואָרט ניט אויסגערעדט.

מיר זיינען אהיימגעקומען. דעם ענטפער האָבן די קאָלאָניסטן אין אונזער נידערגעשלאָגנקייט געלייענט.

אין צען טעג ארום האָט דער אדמיניסטראַטאָר באַרוך דער דעלעגאַטן קאָמיסיע געמאָלדן, אז ער איז אָפגערופן פון מאוריציאָ.

— איך פאָר אָפ — זאָגט ער — דאָ איז שוין ניטאָ וואָס צו טון... אהער קומט א יונגער בחור, מאָסיע לעווי פון פאריז, ער וועט נעמען געלט און איר וועט נעמען טיטולאס. איר וועט זיך שטעלן אף אייגענע פיס. — שמייכלט ער צו, מיט׳ן באוואוסטן שעלמישן ביוראקראטישן געלעכטערל.

דעם 18־טן פעברואר 1913, איז שריפטלעך געמאָלדן געוואָרן אין קאָלאָניע, אז ווער פון אונז ס׳פארלאנגט טיטולאס, זאָל קומען אין דער אדמיניסטראַציע אונטערשרייבן א פאפיר, וועט דער אינזשעניער קומען מעסטן דאָס לאַנד און דעם ערשטן אפריל, וועט ער, נאָכן אָפצאָלן זייערע שולדן, ארויסבאַקומען זייערע דעפיניטיווע טיטולאס און ווערן אייגנטי־מער פון זיין פעלד.

און מערקט דאָס אייך גוט, איך מוז דעם פאַקט ווידערהאָלן, קיין איינציקער פון די קעמפער, וואָס האָבן מיט די מושלים זיך געאַמ־פערט, זיינען דעם פאפיר אונטערשרייבן ניט געגאַנגען... ווי רעטזעלהאַפט דעם מענטשנס נשמה איז, און ווי טיף און גרונדלאָז עס זיינען אירע קאַפריזן! — דער מענש קען זיך אליין ניט פארשטיין...

מאיר קווייטעל, דער פארקערפערער פונ׳ם אמת׳ן אידישן פויער, און

דער אַלטער סענאַל, די צוויי העלדן וואָס האָבן די יק"א אויף דער אנגלאַנ־
באַנק געזעצט, האָבן נאָך איצט, ווען איך שרייב די שורה'ס אין 1917, זיי־
ערע קויפשיינען ניט ארויסגענומען אפן לאַנד.

ס'איז צו אַ גרויס געווינס, צו פיל מזל די 180 העקטאַר לאַנד, —
זאָגט מיר אַנומעלט דער גאַאיוועד קווייטעל, — איך האָב עס מורא צו
נעמען אין האַנט אריין...

— וואָס־זשע האָט איר זיך אַזוי פיל ארומגעשלאָגן מיט זיי פאַר די
טיטולאָס?

— „ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז ניט אונזערס, מיר וועלן קיינ־
מאָל ניט זיין קיין אייגנטימער אפן לאַנד, ס'איז אַן הכנסת אורחים. —
האָבן אונזערע אדונים געזאָגט... אָבער איצט, אַז איך האָב דעם צירקולאַר
נומער 153, אַז די ערד איז מיינע אַן אייגענע, זאָל דאָס שוין זיין ביי זיי,
ביז איך וועל ניט האָבן קיין אייגן געלט. ניט דורך קיין באַנק, ניט דורך
קיין היפּאָטעקע, נעם איך ניט די קויפשיינען אין האַנט.

אָט מיטן זעלבן קווייטעל־געדאַנק זיינען געגאַנגען און גייען נאָך
פיל פון די אידעאַליסטן וואָס האָבן פאַר דער פרייהייט מיט דער יק"א
זיך ארומגעריסן. די ערד איז ביי זיי אַ הייליגטום, זיי ווילן זי ניט
פאַרמשכונען ביי קיין שום באַנק... פון פאַרקויפן, איז נאָך דאָן חלילה קיין
איינציקן אפן זינען ניט געקומען.

ווער דען איז דאַן געגאַנגען אויף טיטולאָס זיך פאַרשרייבן? די קראַנ־
קע, די עבדים, די פאַרקריפּעלטע נשמות, די לעקערס פון דער אדמי־
ניסטראַציע, וועלכע האָבן פריער מיט גאַל די קעמפּער באַשפּיגן,
טענה'נדיק: ווער דאַרף אייך מיט די טיטולאָס? אָט די זיינען די ערשטע
געווען צום פאַרשרייבן זיך, און אָט די פּכולת זיינען שפּעטער אויך די
ערשטע צום פאַרקויפן דאָס לאַנד געווען. זיי, די געוועזענע קרעמער, די
טענדלער, וואָס אַלעס איז ביי זיי אַ סחורה: ערד, הימעל, שמאַטעס, אי־
דעאַל, געפיל... זיי האָבן דעם ערשטן שטיין פון דעם 30 יעריקן בנין
ארויסגעריסן און נאָכדעם זיינען שוין אונטערגעקומען די דירעקטאָרן פון
דער יק"א מיט זייער נקמה און אפשר מיט זייער געלדמאַנגל און ארויס־
געריסן אַ שטיין נאָך אַ שטיין.

און דער בנין פאַלט, און פאַלט, און וועט שוין באַלד צווישן די רואי־
נען פאַרדעכנט ווערן, וועט ארונטערפאַלן אונטער די געלע בלעטער
פון'ם עבר.

ארנאלמא רוּיציו

און מעג זיי גאָט אין הימל שענקען די זינד, די קאָלאָניע קען זיי דאָס ניט שענקען.

דרייצן טענדלער האָבן זיך דאַן אױף די טיטולאַס אונטערגעשריבן, פון זיי זיינען: אכט אמאָליקע קרעמער, דריי אייער־הענדלער, איין געוועזענער קברות־מאַן און אַ דאַמסקע שניידער. אָט די דרייצן פּאַרשוין האָבן זיך דורך אַ מישטאַליער ערגעץ אַ שטיקל באַנק צום היפּאָטעקירן אויסגעזוכט, האָבן אויך געפונען אַן ארגענטינער וואוכערניק, דוקא אַ קריסט, אָבער מיט דער זעלבער נשמה פון זייער צלאַל דעם מלוה, דאָרט אין דער אַלטער היים, און ער האָט ניט טייער גענומען, ס"ה 50 פּעזאָס פון די טויזנט פאָר אַ גאַנצן מאָנאַט צייט ווילאַנג די אָפּעראַציע וועט גע־דויערן. ווייל, ווי באַוואוסט, האָט מען דער יק"א געמוזט פאָר אַלעמען דאָס גאַנצע געלט פון די אכט קומענדיקע ראַטעס מיט'ן פּראָצענט פון די קומענדע אכט יאָר, ד. ה., ביז 1921 פאָרויס אַנידערלעגן.

— וואָס? איר לאַכט? וואָס הייסט באַצאָלן פאָר קומענדיקע 8 יאָר פּראָצענט פאַר אַ קרן וואָס ער ווערט איצט באַצאָלט? אזוי איז עס אָבער געווען, אזוי האָט זי גענומען, די פילאַנטראָפּישע חברה און געגעבן אַ קוויטונג דאַרויף און גיי שריי, אַז ס'איז קיין יושר ניט!... נו, האָט מען די אכט אָדער צען טויזנטער געמוזט אַנידערלעגן. און ביז די פּאַפּירן גייען אַדורך דעם רעגיסטער און דער קאָלאָניסט באַקומט ניט דעם קויפשיין, קען דאָך די באַנק די היפּאָטעקע אָפּעראַציע ניט מאַכן. דערביי האָט זיי דער גוטער קריסט, דער וואוכערניק אויסגעהאָלפן; ער האָט אייגנהענטיק דעם אַד־מיניסטראַטאָר דאָס גאַנצע געלט פאָר זיי באַצאָלט און אין אַ חודש אָדער צוויי חדשים צייט אַרום, האָבן אונדזערע טענדלער די דעפיניטיווע קויפ־שיינען שוין היפּאָטעקירטע אױף דריי יאָר צייט, באַקומען. דער מלוה האָט זיך זיין שכר פאָר דער טובה אָפּגענומען און אויך דער אַדמיניסטראַטאָר.

מ'האָט אָבער באַלד אַרויסגעזען דעם דורכפאַל פון דעם געשעפט. אונזערע פרייע, היפּאָטעקירטע קאָלאָניסטן, זיינען אומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד. ווען מ'האָט אַ פרעג געטאָן דעם קברות - מאַן משה שפּאַק, אַ איד אַ זקן, וואָס נעמט אַ ביסל בראַנפן מיט דריי מאָל „אודך“, וואָס הערט זיך, ר' משה? האָט ער גלייך אַן ענטפער געגעבן: — גוט באַגראָבן... איך האָב שוין ניט קיין געלט און ניט קיין פעלד! דאָס אייגענע דער דאַמסקע שניידער מ. ק. דוקא אַ גוטער קאָלאָניסט, נאָר פאָרט אַ נאַרל. די

צוויי האָבן תיכף געפּטרט דעם קאמפּ. דער לעצטער האָט אַף שניידער־לשון געענטפערט: — אַ שטאָך ניט די ווערט געהאַט דער גאַנצער געשעפט... אויך די צעלניק און שמאטע קרעמער, האָבן געוויזן אַ חשבון, אַז דער עסק האָט ניט געלוינט: די פּראָצענטניקעס, די יק״א, די היפּאָטעקע, און איגנאַסיאַ פּערערא, דער שקאַנטיסט... הייגט די קאָנטריבוציע און די ערשטע קוואָטע פון די זעקס חדשים דער היפּאָטעקע באַנק... איז שוין כמעט גאָר ווינציק געבליבן.

ביז וואַנען מ'האָט ניט קיין אייגן געלט צו באַצאָלן — זאָגן זיי — טאָר מען דעם קאמפּ ניט רירן. אודאי ס'זאָל געווען קומען די טיטולאָס פאַר דעם קריזיס, איידער דער מבול האָט אונז פּאַראַרעמט, וואָלט געווים גוט געווען, אָבער איצט איז צו שפּעט...

די שרעקלעכע לעקציע פון די דרייצן, האָט די קאָלאָניסטן געלערנט ניט מער צו מאַכן אַזעלכע שרעקלעכע אָפּעראַציעס, און קיינער איז שוין אַף ט י ט ו ל אָ ס צו פאַרשרייבן זיך ניט געגאַנגען. אייניקע וואָס דער אינזשעניער האָט שוין געהאַט זייערע פעלדער אָפּגעמאָסטן, האָבן זיך אַדיך צוריקגעצויגן פון דער זאַך, אָנגעבנדיק אַ תירוץ, אַז זיי וועלן וואַרטן אַף דעם ענטפער פון פּאַריז, אפשר וועלן דאָרט די גדולים אליין אונזערע לענדער היפּאָטעקירן.

ס'איז אַזוי אַוועק דאָס גאַנצע יאָר 1913.

די ביורא דאָ האָט אויך זיך צוריקגעצויגן פון איר רייסעניש; האָט ניט דאָקוטשעט מיט קיין געלט, ניט געמאָנט, ניט דעם יערלעכן אָפּצאָל, ניט דעם חוב פונם מיליאָן.

און ס'איז אויך זייער נאַטירלעך געווען; אין איראָפּע איז דאַן אַ „מאָראַטאָריע" אַף זעקס חדשים פּראָקלאַמירט געוואָרן און דאָ אין לאַנד זיינען די קאָמערציאַנטן פריי פון די חובות אַף ניין חדשים געווען.

דער קריזיס איז שרעקלעך געווען, מ'האָט זיך געמוטשעט מיט חיונה, מיט נויט קוים זיך דורכגעשלאָגן די צייט און געוואַרט דער קריזיס זאָל פאַריבער, די וואַסערן וועלן אָפּלויפן, די פעלדער וועלן צוריק אַ ווערט באַקומען, און אפשר וועט אַ קאָסעטשע זיין, וועלן מיר זיך נעמען רעאָרגאַניזירן אונדזער קאָלאָניע אַלס פרייע מענטשן, און די יק"א מיט איר לומפּיקער הנהגה לאָזן לויפן איר וועג; ס'איז פעסט באַשלאָסן געוואָרן בא די קאָלאָניסטן ניט אַרויסצונעמען מער קיין טיטולאָס דורך באַנק אָפּעראַציעס, און מיט די דרייצן פריערדיקע זאָל שוין פאַרשלאָסן ווערן די ערד.

XXI

דער נייער דירעקטאָר און זיינע גזירות

דער ריה פון מלחמה. — דריי בליצן אַף דער קאָלאָניזאַציע. — באָלד באַצאָלן די הינ־טערשטעליקע חובות. — אָפּשניידן פעלד פארן הוב. — דער אַדמיניסטראַטאָר הלוי גע־זעגנט זיך. — אַ קאָלאָניסטישער אינגל אַף זיין אָרט. — די שאָף האָבן דערשמעקט דעם וואָלף. — די שווארצע פויגל האָבן דערשמעקט פגירה. —

ס'איז אָנגעקומען דאָס אומגליקלעכע בלוטיקע יאָר 1914. אין חודש אַפּריל איז עס געווען. די קאַנאָנען פון יענער זייט ים האָבן נאָך ניט געקראַכט; דער אומגליקלעכער וועלט בראַנד, די מלחמה, האָט נאָך ניט אויסגעבראָכן, ערשט אין חודש אויגוסט האָט די אייראָפּייאישע וועלט אויפגעציטערט.

און בא אונדז דאָ איז שוין אַ מהומה געוואָרן.

אַ מלך חדש, אַ נייער דירעקטאָר אָפּ'ן אָרט פונם פאַרשטאָרבענעם מאָסס, איז אָנגעקומען און ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געגעבן:

— „וואָינאַ“, רוסן! קאָלאָניסטן, צאָלט!

מ'זאָגט, אַז פאריז האָט אים געשיקט אלס „סמיריטעלני גענעראַל“ חרוב צו מאַכן מאוריציאַ און דיסציפּלינירן אַלע קאָלאָניסטן.

דריי בליצן, איינער שאַרפער פונם אַנדערן האָט ער דורך אַלע יק"אַ קאָלאָניעס דורכקרייצן געלאָזט; דער ערשטער בליץ האָט געהייסן: געלט! באַצאָלט אַלע אייערע הינטערשטעליגע חובות!

דער צווייטער טראָגט דעם נאָמען: שניידן! ד. ה. אויב דו האָסט ניט צו באַצאָלן, שנייד איך בא דיר אָפּ אַ האַלב, אָדער דריי פערטל, אָדער גאָר זיבן אכטל פון דיין פעלד...

און דער דריטער בליץ, דער ערגסטער פון אַלע, איז זיין נאָמען אין שפּאַניש „דעסאַלאָכאָ“ און אויף פּראָסט אידיש הייסט דאָס: — נעם דיר דיינע פינף און צוואַנציק יעריקע ליידן, דיינע פּורעניות'ן, דיין גע־פּאַלדעוועטן, געקאַרטשעטן פּנים, דיינע צעבראָכענע ביינער און טראָג זיך אָפּ פונם באַראָנס נחלה. די ערד מיט אַלעס וואָס איז פאַרבויט און פאַר־פלאַנצט אַף איר, איז אונדזערס און דו גיי! מאַרש! אַפּוערע! וואָן פון ראַנען!..

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אז ניט איינעם פון די דריי באַפעלן האָבן די קאָלאָניסטן געקענט, צי געוואָלט נאָכקומען און די מלחמה צווישן זיי מיט דער דעספּאָטיע האָט אויפסניי אויסגעבראָכן.

ווי א געניטער סטראטעגיקער, וואס זוכט די שוואכסטע פּאָזיציע פונם שונא איט דעם ערשטן קלאַפּ צו געבן, אזוי האָט אויך דער נייער דירעקטאָר אין די שוואכסטע, ארעמסטע מקומות די שלאַכט אָנגעהויבן. דאָרט אַף די פעלצער, וואו דער היישעריק מיטן דלות זיינען תושבים אַף זייער אייגענער טעריטאָריע פון אייביק אָן, דאָרט וואו די גאנצע ארדענונג פון דער געגנט איז אויך א מאָגערע און א הונגעריקע... דאָרט אין די פּראָווינצן פון סאנטיאגאָ דעל עסטערא, פון סאנטא פע, ענטרע ריאָס, דאָרט האָט ער די מלחמה אָנגעהויבן, און בא די ערשטע קאַנאָנען שאָסן, זיינען שוין קאָלאָניסטן געפאלן... מ'האָט דורך יענער פּאָליציי 25 יעריקע קאָלאָניסטן אַף דער נאס ארויסגעוואָרפן. אייניקע לעמעשקעס, שטילע שעפּסעלעך, די וואָס האָבן זיך ניט אנטקעגנגעשטעלט דער פּאָליציי מיט די סאָלדאטן און קיין גוואַלדן אין דער עפנטלעכקייט אַף דער יק"א ניט געמאכט, — אט די האט דער נייער באהאנדלט מיט חסד, נאָר א העלפט פון זיין נחלה אפּגעשאָסן פארן חוב און דעם שעפּס ווייטער געלאזט: זאָל ע ר זיך מוטשען ביז ס'וועט אויפשטיין א נייער נאָ־טשאלניק, און איט נאָכאמאָל אפּשערן און ארומשניידן...

ס'האט זיך פון יענע קאָלאָניעס געטראָגן א שטילער, שמערצליכער קרעכץ; זיי האָבן ניט געשריגן, די געקווילעטע לעמער, זיי האָבן געפּאָלגט זייערע פ א ס ט ו כ ע ר און האבן דעם נייעמס מעשים פארשטיקט אין זיך. ערשט שפּעטער מיט א צייט, ווען דער יונגער שרייבער ז. ברכות איז אהין געקומען און האָט ארומגערייזט יענע ארעמע קאָלאָניע, יענע ארימע ערד, און יענע ארימע פאסטוכער, האָט ע ר ערשט דעם גוואַלד געמאכט.

קאראאוּל! — האט ער געשריגן — די יק"א ראבעוועט די קאָלאָניסטן! מ'שנייט אפּ לאנד און מ'נעמט דאס אָן אין דער פרייז פון צוריק מיט 25 יאר, דער קאָלאָניסט בלייבט כמעט דער זעלבער בעל חוב. און פון וואס צו צאלן איז שוין אפילו קיין אויסזיכט ניטאָ, ווייל ער האט דאָך נאָר א האלבן צי א דריטל פעלד...

ער איז אומגעלאָפן דער געטרייער יונג ז. ברכות אין אלע קאָלאָניעס, האט געשריגן, געוועקט, א דעלעגאטן־פארזאמלונג, א „קאָנגרעס"

פון די קאָלאָניסטן קיין בוענאָס איירעס האָט ער צוזאַמענגעשלעפּט; אָבער ס'איז גאָר ניט געוואָרען פון דעם: די מאַשינאַוויטשעס האָבן גע־וואוסט אז באַין ברירה וועט מען אים מאַכן די זעלבע שפּיל וואָס כאַ־זאַנאָוויטשן.

און בוענאָס איירעס? די אַלע רחמנות־אידן פון שטאָט? זיי זיינען ערשטנס זייער באַשעפטיקט: אַמעריקע!.. און צווייטנס, איז מען שוין צוגעוואוינט. ע, בע, קאָלאָניסטן מיט דער יק"אַ... אַן אַלטע מכה... אַזוי איז פון דעם גאַנצן מאַראַראָם וואָס ז. ברכות האָט אויפגעהויבן גאָרניט געוואָרן.

איך וועל שפּעטער ריידן פון אים. דערווייל לאָמיך אייך דערציילן פון דעם נייעם דירעקטאָר. ער האָט געאַרבעט מעשים אין יענע אַרעמע מקומות. צו אונז, אין פּראָווינץ בוענאָס איירעס, איז מען ניט געקומען, ניט געמאָנט קיין געלט און קיינעם ניט געטשעפּעט.

ערשט שפּעטער, אין מאָנאַט סעפּטעמבער, ווען די וועלט־שלאַכט האָט זיך אין אייראָפּע שוין צעשפּילט און אונדזער אַדמיניסטראַטאָר, מאָסיע הלוי, האָט זיך געקליבן אָפּפאָרן קיין פראַנקרייך פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד, האָט ער געלאָזט רופן אונזער קאָמיסיאָן און איר גע־מאָלדן:

— איר זאָלט וויסן, קאָלאָניסטן, אַז אַ טערק איז אויף אייך אויפגע־שטאַנען, אַ שונא! מיר, —לאַכט דער בחור, — זיינען דאָך „אַליאיר־טע", רוסן און פראַנצויזן. ווייסט, רוסישע אידן, אַז דער נייער דירעקט־טאָר, ש. איז זיין נאָמען, פון דער ארץ הקדושה, ער איז זייער אַ ביטערער טערק, ד. ה. אַ געשמד'טער רוס, ער איז אַ רוסישער איד, וועלכער איז אַפּגעוועזן צוואַנציק יאָר אין טערקיי, זיך דאָרט נאַטוראַליזירט און זיך צוגעטשעפּעט דעם טערקישן „מעט"... און ער וואָרגט דעם רוסישן אי־דן אָן רחמנות. איך האָב פון אים אַ אוקאַז איינצוגעבן אין געריכט אויף אייך, דעסאַלאָכירן, שניידן קאַמפּן, אַרויסשמייסן אַלטע און יונגע קאָ־לאָניסטן... געלט זאָל ווערן! — שרייבט ער. — איך — זאָגט דער פראַנ־צויזישער בחור, — האָב די זאַך אָפּגעהאַלטן ביז איצט, פאַרטיידיקט זיך, רוסן! אייערע פּראָצעסן זיינען שוין אין געריכט...

דער גוטער פראַנצויז האָט זיך פריינטליך צעזעגנט און איז אָפּגע־פאָרן. זיין שטעלע באַ אונדז האָט פאַרנומען פּ. מ., אַ אינגל וועלכער איז געוואָרן דער שטעקן אינם „טערקס" האַנט. און דער קאַנאָן האָט גע־קראַכט.

אומגעזאמט, איז דער פאליציי־אויטאָמאָביל אומגעלאָפן איבער די גרופעס און צעטיילט איינלאדונגען: מ'רופט קאָלאָניסטן צום ריכטער. אכט קאָלאָניסטן פון קאָלאָניע לא עספעראנסא, די פארטרונקענע, וואס זייערע פעלדער שטייען נאָך האלב אונטער'ן וואסער און פיר אלמנית פון די אלטע קאָלאָניסטן, זיינען געווען די ערשטע אפ'ן פייער, קעגן די 12 איז אָנגעגעבן געווארן זיי אפצוראמען: „דעסאלאכא"! זיי מוזן אפרייניקן דעם פלאץ. — און צען פון די אלטע קאָלאָניסטן זיינען גע־רופן געווארן וועגן „קאָברא דע פעסאס", ד. ה. זיי מוזן גלייך באצאלן און אויב נים, וועט „דזואיש" פאדערן די „רעסיסיאן", דעם בטול פונם קאָנטראקט.

די שאָף האבן דערשמעקט דעם וואלף, זיינען זיי זיך צוזאמענגע־לאָפן. אן אסיפה אין שול איז געווארן.

ס'איז באשטימט געווארן מלחמה. מען זאל זיך שלאגן מיטן טערק!.. קיין קאָלאָניסט, אפילו פון די גרינע, די פון לא עספעראנסא, די וואָס האָבן אונדזערע קינדערס פעלדער צוגענומען, אפילו זיי, זאל מען נים לאזן אָנרירן...

— מיר זיינען שוין נים קיין גרינע אין לאנד, מיר געפינען זיך אין דער בוענאָס איירעסער פראווינץ; דא איז נים סאנטא פע מים איר רע־גירונג... — האבן די אויפגעברויזטע קאָלאָניסטן געליארמט, — פיר יאר נים געצאלט, ס'איז א קריזיס געווען, און זיי האבן אויך נים געמאָנט... איז איצט, — טענה'ן די קאָלאָניסטן, — אז ס'האט זיך אנגעזאמעלט א גרויסע סומע געלט, און ס'איז מלחמה אף דער וועלט, וויל דער „טערק" זיך אויסנוצן מים דעם אומגליק און צוגעמען אונזער פראצע פון 25 יאר?... אין די טריבונאלעס, צו די דאקטוירים, צו די אדוואקאטן, ברי־דער!...

ס'האט זיך גלייך באוויזן א אידל, א גוטער חשוב בא די פריצים, א מליץ יושר בא די הענדלער מיטן שטאטלעכן געזעץ — אבאגאדאס רופט מען זיי דא — און עס זיינען זיי איבערגעגעבן געווארן פולמאכטן. און די יוריסטן, אונזערע אבאגאדאָס, האבן די מלחמה מיטן „טערק" אפן דערקלערט. שראפנעלן, קאנאָנען, אויך אומריינע גאזן זיינען גע־פלויגן. ס'איז געווען א ווייטיק און א בושה צוצוקוקן מים וואס פאר א פארלוימדונגען און בזיונות — אף כלל ישראל אריינגערעכנט — די „שריפטן" פון דער „דזשואיש" ד. ה. פון אירע אבאָגאדאָס, — מעגלעך

אז זי האט דערפון ניט געוואוסט, — שפייען אױף אירע קאָלאָניעס, אױף אירע „כודיאָס". שאַכערניקעס. — מיט דעם נאָמען זיינען די „שריפטן" פול.

מילא, ס'איז דאך א באוואוסטע זאך, אז א פראָצעס אין די געריכט־הייזער, קען זיך ציען אזוי לאנג, ביז וואנען די אדוואָקאטן פון ביידע צדדים קענען ציען פראפיט; זיינען אבער געווען אזעלכע פאציפישע קאָלאָניסטן, וועלכע האבן מורא פאר דער ש וו א ר צ ע ר פעסט. זיי האבן זיך מיישב געווען, אז איידער אריינצופאלן אין די נעגל פון די „אוועס נעגראס" (שווארצע פויגל) ווי מ'רופט דא אזעלכע אדוואָקאטן, איז פיל גלייכער צו פארקויפן א טייל פונם לאנד און פטור ווערן די בארעמהערציקע פילאנטראפיע, מיט אירע אדוואָקאטן און מיט דער פאר־ליציי צוזאמען. און דאס פארקויפן פון מאאוריציער פעלדער האט זיך אָנגעהויבן.

די ערשטע צו פארקויפן זייערע פעלדער זיינען געראד אזעלכע וואס ס'האט זיך צו זיי וויינעקער ווי צו אלע אנדערע געפאסט דער נאָמען שאַכערניקעס. אין מיינע ווייטערדיקע קאפיטלען וועל איך זיי פארשטעלן און זאלן זיי עדות זאגן וועגן די צילן פון דער יק"א פארוואלטונג.

XXII

שמואל מוזשיק

אַ הויכער, ברייטער, געזונטער איד, איז שמואל מוזשיק. אַ גבר, אַ דעמב, טראָגט זומער און ווינטער שטיוול, שטענדיק מיט אַ צעי־כראַסטעט הארץ, האָט ליב די ערד ניט ערגער פונם רוסישן פויער. „סוויאַטאַיאַ זעמליא", רופט ער זי, און ווען ער רעדט פון דער עבודת האַ־דמה קלעפּן זיך אים די ליפּן פון מתיקות און זיינע וואַסער־אויגן באַקומען דערביי אַ פּערל קאָליר.

אַ פאַמיליע האָט ער אַ גרויסע: ניין זין און פיר טעכטער. און ווי די ליבהאַרציקע אַדמיניסטראַציע האָט זיך נוהג געווען, האָט אַ דער קאָ־לאָניסט באַקומען בלויז 128 העקטאַר לאַנד און 6 העקטאַר אויף גרינס־גאָרטן. קיין זין, קיין איידעם זיינער, האָט נישט נושא חן געווען בײַ די אַדונים צו באַקומען אַ טשאַקרע אָדער אַזוי אַ שטיקל פעלד, הגם זיי זיי־נען פלייסיקע אַרבעטער און אויך שטילינקע אַרענטליכע ברואים.

שמואל, דער פאָטער פון דער משפחה, ווי גרויס און שטאַרק ער איז, איז ער אָבער בטבע שוואַך און גוט, מילד און ווייך ווי אַ לאַם, האָט מורא פאַר אַ פּאָליציסט, פאַר אַ קנעפל, אימת מות. ער רעט האַלב רוי־סיש, האָט זיך ניט אַרגענטיניזירט... בײַ יעדער זאַך, ווענן וואָס איר זאָלט מיט אים רעדן, וועט ער אייך גלייך זאָגן: — פּאַזשאַלויסטאַ, איך בין דאָך ניט קיין מאַלטשיקל!...

אַט דער שמואל מוזשיק איז שולדיק געבליבן דער יק"אַ אין די קריזיס יאָרן אַ דריי טויזנט פּעזאָס, שוין מיטן פּראַצענט און פּראַצענט פון פּראַצענט און די קאָנטריבוציע. אויך דער מוזשיק האָט פון געריכט באַקומען אַ צעטל ווענן „קאַבראַ", אויב ניט וועט מען מאַכן „רעסיסי־אָן" — ביטול פונם קאָנטראַקט... לאַדן זיך, איבערגעבן אַ פּולמאַכט צו אַן אַדוואָקאַט, האָט ער מורא געהאַט. — פּאַזשאַלויסטאַ, איך בין דאָך ניט קיין מאַלטשיקל! איך האָב פאַר די פּיאַוועס מורא — האָט ער צו די שכנים זיינע געטענהט.

דער רויטער פאליציייסקער אויטאָמאָביל, איז אין א פרימאָרגן אף זיין הויף פארפאָרן, האָט אלעם דאָרט אָפגעשריבן, און געלעגט אן „עמ־בארגע“ ווי דער דין איז, אף זיין רעמאנענט און אף די בהמות, און ר׳ער הינקענדיקער „אגואסיל“, דער שליח פונם ריכטער, האָט געהייסן אונ־טערשרייבן די עמבארגע. שמואל אבער איז פון אונטער די הענט געלם געווארן, ער איז ניט געוואר־ן פון הויז. מ׳האָט געזוכט אין שטאל, אפ׳ן גארטן, אין וועלדל און אים ניט געפונען. דער „אגוסיל“, א היימי־שער קריסט, זייער א גוטער „קריאזשא“ האט געלאכט, זיך געהאלטן בא די זייטן: וואו זאל ער, סעניאָר סאמועל, האבן אהינגעקומען? — טענה׳ט ער צו שרה־לאָנען, שמואל׳ס פרוי. - בוענאָ, זאָגט דער שליח בית־דין — נעם, באהאלט דאס פאפיר, סעניאָרא, ווען דיין סעניאָר וועט קומען, גיב עס אים איבער.

און דער אויטאָמאָביל מיט דער נאַטשאלסטווא איז לאבענדיק פון דעם נאאיוון אויפטו פונם מוזשיק, אוועקגעפארן.

אין זעלבן אווענט איז אונזער שמואל מיטן פאפיר אין האנט גלייך צו די אדונים קיין בוענאָס איירעס אוועק. אף די טרעפ פון קאזשאאָ 216, האט ער דעם שווייצאר, פריצ׳ן, דאס פאפיר געוויזן און אים אף זיין האלב רוסישער, האלב שפאנישער און אידישער שפראך זיין אומ־גליק דערציילט און נאָך א פאר שעה ווארטן, איז ער פאר די אדונים אליין געשטאנען. ווי גרויס ער איז, האט ער זיך פאר די לעדערנע שטו־לן ווי א קליין קינד צעוויינט;

— יעי באָנו — ס׳איז א סטראָב! — טענהט ער צום „טערק“ — ווי זאל איך אייך איצט נעמען געלט, גאספאדין ש.? פאזשאלויסטא! לאָזט מיך אָפ, צווינגט מיך ניט צו פארקויפן די „סוויאטאיא זעמליא“ און וואס קען איך איצט אין „וואָיענע וורעמיא“ פאר דער ערד נעמען?

— געלט ברענגט! באצאָלט! פארקויפט אפילו דאס ווייב! — האט ער אלם ענטפער באקומען. — אייב ניט ליידיקט אפ דעם קאמפ!

א היים איז דער שטארקער איד געקומען א געבראכענער א דעמאָ־ראליזירטער.

— פאזשאלויסטא! מיין שרה לאגען זאל איך פארקויפן!... א שיי־נעם ענטפער, יעי באָנו! א מאמע פון 13 קינדער, ווער וועט זי קויפן? זיי שוטיען גאָר מיט מיר, די סעניאָרעס, מאכען ווערטלעך, וואס בין איך עפעס א מאלטשיקל?.. און ער האט אָנגעהויבן זוכן עפעס א אידן, וואס

זאל בא אים קויפן א שטיקל לאנד. צו קיין קריסט האט ער די הייליקע ערד זיינע נים געוואלט פארקויפן.

זייגען דאך אבער אונזערע ארגענטינער גבירים רייך נאר אף פאפיר און די יעניקע וואס האבן שוין יא מזומנים, האבן גראדע נים ליב דאס געלד, האט ער געמוזט פארקויפן א שטיק פעלד צו א גוי.

און וויפל טרערן האט די פאמיליע פארגאסן באם איבערגעבן דעם איטאליענער די 25 יעריקע פראצע!...

XXIII

צלם־שין

דער צווייטער פארקויפער פון מאוריציער ערד איז געווען דער איד מיטן קאָמישן צונאָמען „צלם־שין“.

וואס? איר לאכט פון דעם מאָדנע צונאמען? צו ס'ארט אייך אפשר דער צוזאמענמיש פון דער טומאה מיט דער קדושה, דער צלם מיט דער שין? גייט זשע און פרעגט די ערשטע אימיגראנטן, וואס האבן אים מיט דעם נאָמען געקרוינט.

און ווייסט איר וואס? בויגט אייך צו, וועל איך אייך עפעס זאגן: דער נאָמען אדער צונאמען פון א מענטשן דינט אים אפט מאָל אלס א מין פאטאלע אָנשריפט פון זיין שיקזאל, וואס באגלייט אים אף זיין גאנצן לעבענסוועג. וואס? איר גלויבט ניט? לייענט איבער די מעשה מיט דעם „צלם שין“ וועט איר שוין גלויבן.

אין לעצטן צענדליק פון פארגאנגענעם יארהונדערט, האט זיך דער אידישער געשיכטע פארגלוסט אוועקצושטעלן עטלעכע הונדערט אידישע אימיגראנטן פאר א הילצערנעם געל־געפארבטן רחמנות־ווענטל, אין וועלכן ס'איז געווען אויסגעשניטן א פירעקענדיקע עפנונג. דורך דעם חלל פלעגט א האנט אויסטיילן קצבה, אָדער „סובסידיע“, א סובסידיע מיט וועלכער איינער א מיליאָנער, וואס האט אפנים געוואלט הנאה האבן פון זיין געלט, האט מזכה געווען דעם אידישן פאלק מיט דער רחבות פון זיין פילאנטראָפּישער האנט..

קיין נעמען האָבן נאָך דאַן די אימיגראנטען ניט פארמאָגט, נאָר נומערן, וועלכע אן איין אויניקער משרת פלעגט אויסטיילן בעת א צווייטער פלעגט אויסרופן נומער נאָך נומער און א דריטער פלעגט דורך דער עפענונג אין יד אריין לייגן. איך האב עס באשריבן אינ'ם ערשטן טייל פון דעם בוך.

— נומער דרייצן — האט מען אויסגערופן.

צוויי מאָגערע עלענבויגנס האבן גענומען ארבעטן צווישן דער אי־

מיגראַנטן מאַסע, אויפפּעפּענענדיק אַ וועג פאַר אַ לאַנגן דינעם קערפּער מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, מיט געקרייזלטע פּאות'לעך, און אויסגעצויגן פּנים, אַ בערדל פון עטלעכע שטייפע האָר, מיט אַ הארבאַטע נאָז. די דאַזיקע געשטאַלט איז צוגעקומען צום פענסטערל און אָוועקגעלייגט דעם אויסגערופענעם נומער.

דער אַרויסטיילער, אַדער קאַסיר, בערנהיים, אַ גרויסער וויצלינג, וואָס פלעגט ליב האָבן טרייבן שפּאַס מיט די חסידישע אימיגראַנטן אויף לשון קודש, האָט צוגעמאַכט איין אויג, אַ צי געטאָן פון דער ליולקע, וועלכע ער פלעגט שטענדיק אין מויל האַלטן, האָט אויסגעשפּיגן און גענומען וויצלען זיך איבערן פאַרשוין:

— מה שמיכם, ווי הייסן זיי? ווי איז אייער נאָמען?

— ווי איך הייס? שלום שכנא הייס איך! — האָט דער איד געענטפערט, אויסזינגענדיק עס מיט דעם ניגון פון דעם גאַליציאַנישן אידיש און מיט אַ פּעסטן, גראָבן טאָן.

— און דער שם המשפּחה, די פאַמיליע?

— מיין פאַמיליע? דאָרט אין דער פּאַלאַטקע געפינט זיך מיין פלונית'טע, מיין חיה גנענדל מיט די קינדער, זאָלן געזונט זיין!

דער קאַסיר האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אויסגעשפּיגן און ווייטער דערקלערט:

— איך מיין דער משפּחה־נאָמען, דער נאָמען צו אייער אייגן־נאָמען שלום שכנא, ווי איז ער?

— אָ, מיין משפּחה־נאָמען מיינט איר? שקאַפּע! אַזוי רופט מען אונז דאָרט אין דער היים אין אַזיעראַן, אין גאַליציע.

— הייסט איר אַלזאָ, שלום שכנא שקאַפּע. אַ גליק פון אַ אידן: דריי שינן! אַלע דריי נעמען פון איין און דעם זעלבן אידן הויבן זיך אָן מיט אַ שין, וואָס קאָן דאָס באַדייטן? — האָט ער געפרעגט, ווענדנדיק זיך צו די שוחטים, וועלכע זיינען גראַדע געשטאַנען נעבן דעם חלל, וואַרטנדיק אויף זייער ריי — דריי שינען: שדי, שמע ישראל און שטן...

די שוחטים, וועלכע האָבן אים שוין געקענט מיט זיינע וויצן און גימטריאות, האָבן געצויגן מיט די אַקסלען און געשמייכלט.

—אָנו, שרייבט נאָר אונטער אָט דעם שיינעם נאָמען אייערן מיט זיינע דריי הייליקע שינען! — האָט בערנהים באַפוילן דעם גאַליציאַנער.

אונזער פאַרשוין האָט זיך אַ קנייטש געטאָן, אַ דריי געטאָן מיט'ן

קאָפּ און אַרויסגעברומט:

— הום... אט א דאָס מין קען איך ניט!

— וואס פאר א מין קענט איר יאָ? — האט אים דער קאסיר גע־פרעגט, נאָכדעם ווי ער האט אים א ווײַלע באַטראַכט.

— וואס איך קען? פאַררדרען קען איך! פון צוועלף יאר אָן א קינד בין איך אױף דער קעלניע, איך פאַרדרר!

באַם אַרויסטײַלער אין מויל האָט זיך דער ציבעס א טרייסל געטאָן:

— אזוי, איר זענט, הייסט עס א פאַררדרער, א חסידישער בעל־עגלה, טאָ נעמט זשע אָן דעם בליישטיפט, צייכענט אונטער א שתי וערב און — פטור.

— איך ווייס ניט וואס איז דאָס א שין מיט אַן עירוב?

— איר ווייסט ניט? ס'איז דאָך דער סימן פונ'ם רבין, פון רבי ישוע פון נצרת. איר פלעגט דאָך עפעס פאָרן צו א רבין...

— מײַן רבי הייסט ניט רבי ישוע, און האט ניט קיין עצירות און איך ווייס ניט פון קיין סימן פון א שין מיט אַן עירוב.

— נו, וועל איך עס אײַך אויסלערנען. רוקט אײַך צו, אָט אזוי: איין פּאַסיקל אין דער לענג, א צווייטער אין דער ברייט, קרייץ...

— אי, וואי, אי וואי! א ציילעם, ציילעם־שין, ווילצט מיך גאָר אפשמד'ן! — האט זיך אונזער אַרעמער גאַליציאַנער צעשריגן און זײַנע פּאותלעך האבן זיך צעשויבערט און געטרייסלט איבער זײַן פּנים.

דער עולם האט אויסגעשאסן א געלעכטער און פון מויל צו מויל האט זיך ווידערהאַלט דאס וואָרט: צלם שין...

אומזיסט האט דער פרומער שוחט, רבי יצחק גלאזערמאַן ע"ה, אים געפּרואווט באַרואיקן, באַווייזנדיק אים צו מאכן א שין, דעם איניציאַל פון זײַן נאָמען. אונזער פאַרשוין האט עס ניט געקענט איבערנעמען, ביז דער ליטווישער שוחט, רבי יצחק קרעל, האט אױף אים א ברום געטאָן:

— פערד! א בייטש קענסטו אָראָפּלאָזן?

בײַ די ווערטער איז דער נפש לעבעדיקער געוואָרן און צושמייכלענ־דיק דעם שוחט, האט ער אים איבערגעפרעגט:

— וואס? א בייטש?

— א בייטש, יאָ, קענסט אָוועקלעגן א א בייטש?

— א שאַילע א ביסל?

— טאָ, איז גוט. קוק, אט אזוי: לאָז אראָפּ איין בייטש, א צווײ־

טן און א דריטן, שמיר אונטער אלע דריי בייטשן מיט דער פיזישאלע און דו האסט דיין חתימה...

שלום שכנא שקאפע האט עס פארשטאַנען. ער האט פארקאטשעט די ארבעל, א נעם געטאָן די פען און אוועקגעלעגט זיין חתימה, אָפּווישנ־דיק דערנאָך מיט די הענט דעם שווייס, וואס די דאזיקע שווערע און אייד־דעלע מלאכה האט ארויסגעשלאָגן אַף זיין פנים.

אין די סובסידיע־ביכער פון יענע יאָרן קענט איר נאָך היינט טרע־פן די חתימה.

פון דאמאָלסט אָן, איז ער עס פארבליבן מיט זיינע דריי צונעמען: „צלם שין" אדער די „שין" לויט די פרומע, און די „די בייטש" לויט די יונגע. אלס פאפולערסטער נוסח אבער איז פארבליבן דער ערשטער, דער אָריגינעלער „צלם שין", א צונאָמען וואס קוים איז ער נאָר אויסגע־שפראכן געווארן דארט באם גענן רחמנות־ווענטל, איז ער שוין קיין מאָל מער ניט פארגעסן געווארן. און פארבייטנדיק זיין ריכטיקן נאָמען שלום שכנא שקאפע, האט ער אים באגלייט ביז אין זיין לעצטן טאָג.

ווי איך האב אינ'ם ערשטן טייל געזאגט, איז מיט'ן אָנקומען פון דעם אדמיניסטראטאר לאפין אין דער קאָלאָניע, די קצבה אפגעשטארבן און די שווערע אגריקולטור ארבעט האט פארנומען איר ארט, דאן האט יעדער איינער, וואס האט געקענט האלטן א בייטש אין האנט, רעוואל־טירט, געווארפן די קאָלאָניזאציע:

— זאלן די מלמדים, די קרעמער זיך נאָכשלעפן הינטער'ן אקער־אייזן; אונזער ארט איז אויבנאָן, אַף דער הויכער, בכבודיקער קעלניע, אַף איר קענען מיר פיל לייכטער אונזער ברויט פארדינען...

אַף אלע ווענן זיינען זיי זיך צעלאָפן, אין די שטעט און אין די שטעטלעך און פיל פון זיי האבן אויך באגליקט; דאָס מזל האט זיי צו־געשפילט און מאנכע פון זיי זיצן היינט אין בוענאָס איירעס אויבנאָן, אַף דער געזעלשאפטליכער קעלניע, אָנטרייבנדיק די פערד מיט א גאל־דענער בייטש.

אונזער „צלם שין" אבער; ער איז ניט אַנטלאָפן, ער האט זיך גע־ווידמעט דער אגריקולטור. עס איז אים אבער ניט געגאנגען, איינגעשלאָ־פן איז זיין מזל, און אַף זיין גורל איז שלעכטער זומפּיקער באָדן אויס־געפאלן; וויפיל ער האט ניט געהארעוועט און געפראצעוועט בא דער עבודת האדמה און אפט מאָל אויך אונטערגעבייטשעוועט, פירנדיק די

שווערסטע משאות פונ'ם וואקזאל, האט ער דאך ניט געקענט פארטריי־
בן דעם דלות וואס האט זיך ארייננעקליבן אין זיין פארם, און האט
בשום אופן נישט געקענט נאכקומען צו צאלן די יערלעכע ראטע, די „אגר־
אלידאד", וואס האט זיך געמערט און געוואקסן אין די ביכער פון דער
יק"א. אמת, די חתימה האט זיך אים מיט דער צייט פארפאלקאמט: די
„שין" פלעגט שוין בא אים ארויסקומען שענער, לעזבארער, אזוי אז אפי־
לו נישט קיין עקספערט האט עס שוין אויך דערקענט, און דאס האט אים
טאקע אביסל פארלייכטערט. דעם קריסטלעכן „אלמאסענערא" איז זי שוין
אויך באקאנט געווען. די חובות אבער זיינען געוואקסן און אויך די פינף
בתולות, וואס זיין חיה גנענדל האט אים געבוירן, זיינען געוואקסן און
צעוואקסן געווארן.

אלט און צעקנייטשט איז שלום שכנא שקאפע געווארן, א קנייטש
אף א קנייטש, ווען איר זאלט אשטייגער וועלן צולייגן נאך א קנייטשל
אף זיין פארמעט־געלן פנים, וועט איר שוין דארט קיין פלאץ דערויף
ניט געפינען.

דער נייער דירעקטאר האט זיך פאר אים ממש דערשראקן, און ווען
ער האט אין די ביכער זיין חשבון דערזען, האט ער, אוים רחמנות, בא־
פוילן אים ארויסצושמייסן פון דער קאלאניע.

דער יונגער אדמיניסטראטאר האט אבער מיטלייד געהאט מיט דער
פאמיליע, האט ער שלום שכנא'ן אן עצה געגעבן. באם נאטאריוס אין
קאסארעס זיינען ביידע צדדים, שלום שכנא אלס פארקויפער און דאן
פעדרא אלס קויפער, מושוה געווארן מיטן פרייז. די ראטעס מיטן פראָ־
צענט זיינען גלייך איינגעצאלט געווארן. די שריפט האט דער נאטאריוס
דאן סעכא, פארטיק געמאכט און געהייסן ארייננבעטן א אידן אלס עדות.
דער צופאל האט געוואלט אז דאס זאל זיין דער אלטער שוחט קרעל, וועל־
כער האט שלום שכנא'ן אויסגעלערנט מאכן די „שין", און וועלכער האט
שוין דאן אויך געהאט פארלאזט די קאלאניע און זיך ארומגעדרייט אין
שטאט, ארויסקוקנדיק אף משיח בן דוד, וואס דארף פון די וואלקנס
אראפנידערן...

דאן סעכא האט איבערגעלייענט די שריפט און העפליך געבעטן:
פירמען סעניארעס, שרייבט אייך אונטער, הייסט עס. אונזער שלום
שכנא שקאפע האט אוועקגעלעגט זיין באוואוסטע ש י ן אפן פאפיר,

און דער גוי, דאָן פּעדראָ — אויך אַן אַנאַלפאַבעט — האָט אַ שווערן צ ל ם אונטערגעשטראָכן... דער אַלטער שוחט האָט אַ ציטער געטאָן און זיינע ליפּן האָבן ווי פון זיך אליין ארויסגעמורמלט: „צלם שין“...

צוויי טרערן זיינען אראפּגעפאלן פון שלום שכנא'ס אויגן און מיט ווײי האט ער א זאג געטאָן: און בא וועמען איז געבליבן די ערד? שוחט!

XXIV

דער קלאַנג, אַז די יק״א איז באַנקראָט

דער אדון ש. באפעלט מיטן לאקיי ניט אריינצולאזן אן געלט. — מ'שניידט אוים אברים פון די נהלות צום פארקויפן. — די כוחרים באַארבעטן די אַנאַלפאבעטן דורך פאלשע התימות. — קאלאניסטן באַנייען זעלבסטמארד און שטארבן אין פרעמדע תכריכים. — בעלניע איז באַזעצט פון די דייטשן, מוז מאוריציא באצאלן. — די לעגענדע פון יק"א'ס באַנקראָט, ווערט באַפעסטיקט דורך אירע אַגענטן, אז זי שליסט די שולן. — א מורא איז געפאלן אף די קאלאניסטן. —

די בשורה פון ערד פארקויפן אין קאָלאָניע האָט זיך ווי א ציקלאָן, ווי א ים שטורם דורכגעטראָגן איבער אלע אידישע קאָלאָניעס, יעדעס הארץ האָט אויפגעציטערט. דער אלטער מענדל האָט געהייסן קריעה רייסן, און מיט זודיקע טרערן אין די אויגן האט ער דעם תלמודישן אויס־דרוק אויסגעשריגן: — „הקרעים אינם מתאחין לעולם“ — דער ריס וועט שוין ניט גאנץ ווערן,.. ס'וועט זיך שוין רייסן און רייסן, וואס אמאָל אַלץ גרעסער און גרעסער.

אפאר פון די פאציפיסטישע קאָלאָניסטן האבן געפרואווט מיט תחנונים, זיינען געפארן אין בוענאָס איירעס בעטן זיך באם אדון ש., האט זיי אבער דער שווייצאר ניט אריינגעלאזט אין ביורא:

— געבראכט פלאטא? ניין? גייען זיי פאָרט! — האט דער לאַ־קיי געענטפערט, — די הערן זיינען ניט צום שפרעכן, נאָר צום איינ־קאסירן...

די אדונים איז א פנים ניחא די קאָלאָניזאציע זאָל צו גרונד גיין. — האבן די אהיימקומענדיקע פון בוענאָס איירעס דערציילט יעדן איינעם; געלט, שרייען זיי, ברענגט! א גראביעזש, כ'לעבן! די רעגירונג האט א מאַראטאריע נאָך אף זעקס חדשים געגעבן, און אונזער גראביטעלניצע וויל דערפון ניט וויסן...

ס'האבן זיך צונויפגענומען די פחדנים און די אביונים, די וואס האבן ניט פארמאָגט קיין בהמה צום פארקויפן, דעם ערשטן הונדערטער

דעם אדוואָקאַט אויף די הוצאות פון פּראָצעס צו געבן און האָבן אָנגעהויבן פאַרקויפן שטיקער פעלד, אַבי צו פּטור'ן די יק"א מיט אירע עמבאַרגעס, מיט אירע „דעסאַלאָכאָס". שטיקער־ווייז האָט מען געריסן פון אונדזער שיינער מאָוריציע; אַברים, גלידער, האָט מען געשניטן; ביז דעם אַרויסגעכאַפּט דאָס האַרץ, דאָס בעסטע שטיקל פעלד פון דער גאַנצער טשאַקרע, באַם אַנדרען די אויגן, א האַנט, א פוס. דער קויפער האָט געוויינליך דאָס בעסטע געוואָלט, די זיבורית זיינען פאַר די אָרעמע קאָלאָניסטן געבליבן.

דאָס רוב קאָלאָניסטן אָבער, די וואָס האָבן זיך אין די 25 יאָר צייט אָרגענטיניזירט, און האָבן אויך אויף די ערשטע שפּייזן פון פּראָצעס פאַרמאָגט; די האָבן א פּראָצעס פאַרפירט אין געריכט קעגן דער דעספּאָטיע. — דריי יאָר וועלן מיר דעם פּראָצעס ציען, — האָבן זיי געזאָגט, — דער קריזיס וועט פאַריבער, די מערדערישע מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר זיך קענען אויסדרייען ניט צו פאַרקויפן קיין לאַנד, און אפילו ווען יאָ פאַרקויפן, וועלן מיר כאָטש קענען צו אידן פאַרקויפן... ס'וועלן געווים נאָך דער מלחמה רייכע אידן אָנקומען, וועט אונזער ליבע מאָאוריציאַ ניט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט...

איז עס דען ווי דער מענטש טראַכט? אומגליק און אומגליק פאַרפאַלגן־אונזער קאָלאָניע אויף שריט און טריט. דער ים פון עלענד און נויט, וואָס האָט אונזערע ברידער דאָרט אין דער אַלטער היים פאַרפלייצט, האָט אָהער אין דעם ווייטן אָרגענטינע אויך א כוואַליע מיט ליידן אַריינגעבראַכט. וואָס מער די מלחמה האָט זיך דאָרטן צעברענט, איז ביי אונז דער קריזיס גרעסער געוואָרן, טאָג נאָך טאָג זיינען אַלץ נייע באַנקראָטן געקומען און אַלע זיינען זיי אויסגעגאַנגען צו די קאָלאָניסטישע קעפּ... די פּאָליציי האָט גאַנצע טעג מיט די קאָלאָניסטן געהאַט צוטאָן, די באַנקראָטירטע סוחרים פון די שטעטלעך אַרום די קאָלאָניעס, וועלנדיק אָנווייזן פון וואַנען עס נעמט זיך זייער דעפיציט, האָבן אָנגעוויזן בערג מיט קאָלאָניסטישע וועקסלען. די קאָלאָניסטן האָבן זייערע חתימות ניט דערקענט און מ'האָט געמוזט שטעלן עקספּערטן זיי זאָלן נאָכקוקן...

אונזער אָרגאַן, דער „פּאַרטיידיקער" האָט זיך פאַר די אַנאַלפאַבעטן איינגעשטעלט, האָט דעם מיליאָנער פון די קאָלאָניסטישע חשבונות פאַרן דעת הקהל געשטעלט...

דער לעצטער האָט אים צו דער היזיקער געריכטיקייט אָנגעקלאָגט,

און דאס געזעץ, וואס כבוד הגבירים איז בא איר טייער, האט דעם יונגן הגרמאן קראסילאווסקי, דעם ארויסגעבער פון פארטיידיקער צוויי יאר טיורמע געשאנקען און נאר אראנק שתדלנות, איז ער באפרייט געווארן נאך א פאר חדשים זיצן. אלע וועגס זיינען אף די קאלאניסטן איינגע־פאלן. פון אלע זייטן האט זיך אומגליק געשאטן...

דער קאלאניסט מ. ס., וואס האט צו טון געהאט מיט די באנקראַ־טירטע און האט שוין זיין לאנד געזען ווי פארפרעמדט, און אויך טיורמע האט אים געדראט, איז זעלבסטמארד באגאנגען.

אייניקע זיינען פאר צרות קראנק געווארן. און זיך אזוי בתמימות, שטילערייד דעם איינציקן וועג אוועק. אף תכריכים האט מען אין קאסאַ־רעם צוזאמענגעקליבן דעם קאלאניסט וו. צוויי הונדערט העקטאר לאנד האט ער געלאזט און נים געוואלט פארקויפן און האט נים געהאט פון וואנען צו לעבן און אפילו נים צו שטארבן...

ס'האט זיך ארויסגעוויזן די קאנסעקוועניץ פון דער עקלהאפטער הנהגה, מיט אירע גזרות און מיט איר רחמנות. דאס גאנצע לומפיקע פארוואלטונגס סיסטעם פון די פינף און צוואנציק יאר.

דאך האבן זיך נאך פיל קאלאניסטן געהאלטן פעסט בא דער אידייע נים אוועקצוגעבן אינגאנצן זייער הייליקטום — די ערד.

קיין איין קאלאניסט האט נאך דעם גאנצן קאמף נים פארקויפט; בלויז א שטיקל, א העלפט פונם לאנד, אבי צו דעקן די חובות דער פילאנ־טראפיע. נאר אוים קאלאניסט, א, דאס ניין!

דער באשלוס איז פעסט בא יעדן פון זיי אין הארצן געבליבן.

איז דען אבער פאראן אזא קראפט זיך קעגנצושטעלן די אומ־שטענדן? און ווער איז מעכטיקער פון דער צייט? די צייט און די אומ־שטענדן בויגן דעם שטארקסטן; דעם אייזערנעם שטארקסטן ווילן ברעכן זיי איין, אלע מענטשלעכע באשלוסן ווערן צו נול, ווען די צוויי מעכטע קומען זיי אין וועג און זיי זיינען געקומען נאר פון אן אנדער זייט.

ד יי ט ש ל א נ ד האט דארט, מיט אירע מחנות בעלגיע באזעצט, איז דאריבער דא מאוריציע אף האלב געפאלן...

די לעזער וועלן לאכן, ווי קומט הודו צו כוש, וואס האט די שטילע ארגענטינער קאלאניע צו טאן מיט דער אייראפייאישער מלחמה?

ס'איז אבער פארט אזוי.

אַ קלאַנג האָט זיך אין קאָלאָניע פאַרשפּרייט: די יק"אַ איז אין באַנק־ראָט! מיליאָנען האָבן זיי אין די בעלגישע מלוכה פּאַפּירן געהאַלטן און איצט איז דאָס געלט פאַרלוירן און דער רעשט פון איר קאַפּיטאַל אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, לאָזן די רעגירונגען ניט אַרויס פון לאַנד...

אַ שרעקליכער פיבער האָט דורכגעדרונגען די הערצער פון די קאָ־לאָניסטן, ס'איז אימה'דיק געווען אפילו צו טראַכטן דערפון.

אָפּגעאַרבייט די בעסטע יאָרן פונם לעבן אין דעם פרעמדן מדבר פאַר אַ שטיקל אייגנס, וועלן קומען איצט די יק"אַ־קרעדיטאָרן און צו־נעמען איינגאַנצן...

דער המון, וואָס גלויבט אין אַלץ וואָס מ'זאָגט, איז שיר ניט משו־גע געוואָרן פון שרעק.

די לעגענדע וואָלט אפשר ניט געווען אַזוי געווירקט אויף די פּחדנים, ווען ס'זאָלן ניט געווען אונטערקומען די אַנאָנסן פון דער יק"אַ. זי האָט פּלוצים געלאָזט מעלדן דורך צעטלען אין פענסטערל פון דער אַדמיניסטראַציע, אַז די געזעלשאַפט איז געצוואונגען צו פאַרמאַכן די שולעס פון די קינדער ווייל ס'פעלט איר געלט. אין אַלע קאָלאָניעס דאָס זעלבע צעטל. די היגע צייטונגען האָבן גלייך זי באַדויערט, וואָס זי קען הײַ־יאָר ניט אַרויסהעלפן מיט זריעה די פּאַמפּער קאָלאָניסטן און זיי זיינען דעריבער געצוואונגען צו בעטן זריעה בא דער רעגירונג. אויך האָט מען געשריבן, אַז זי האָט געבעטן אַן הלואה בא די מיליאָנערן אין נאָרד אַמעריקע, אום צו קענען אויסהאַלטן איר פּערזאָנאַל...

די אַלע לעגענדעס און סקאַנדאַלן האָבן אויף די קאָלאָניסטן אַ מע־ראָר אַרויפגעוואָרפן און מ'האָט אָנגעהויבן זוכן קונים אויפן גאַנצן פעלד.

אוים! — האָט משה בעבטשיק געשריגן, — מיינע אבות אבותינו האָבן קיין ערד ניט פאַרמאָגט און מיר איז אויך אַ פּנים ניט באַשערט צו האָבן אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס... צוריק צו דער אַלטער פּרנסה, משה'לע... אַ קרעמער, אַ שענקער...

ער האָט עס טאַקע באַלד מקיים געווען.

ס'איז אָבער ניט אַזוי לייכט געווען צו פאַרקויפן דאָס לאַנד, די געלט־זעק האָבן געוואָלט צונעמען די פעלדער אומזיסט, 130 פּעזאָס האָבן זיי אָנגעבאָטן פאַר אַ העקטאַר באָדן„ וועלכער האָט פאַר דער מלחמה צייט 300 די ווערט געהאַט. ס'איז פשוט ניט געווען ווער צו פאַרקויפן.

די יעניקע קאָלאָניסטן וואָס האָבן אין די אַלע פּזמונות ניט געגלויבט,

האבן זיך געפרייט מיט דער נידריקער פרייז. — בעסער — האבן זיי געזאגט — אזוי וועט מען ניט פארקויפן! די צייט וועט זיך איינשטילן און אלעס וועט אנדערש ווערן, די קאָלאָניסטן וועלן בלייבן כאָטש מיט שטיקלעך לאנד. ס'וואלט אפשר טאקע אזוי געווען, ווען ניט די שוואר־צע הנהגה, אט די בייזע צרעת, וואס האט זיך איינגעגעסן אין דער קאָ־לאָניזאציע און פארדארבט זי ביזן יסוד; ווייל, וויפיל אונזער עלעמענט איז שוואך, גלות'דיק, קרעמעריש, חשבונ'דיק צו דער אגריקולטור אר־בעט, זיינען אונזערע אפיצירן, די מנהיגים נאָך ערגער, זיי זיינען צע־פוילט, פאראירט, ראכעזיכטיק, ערגייציק ביז גאר. די עדעלסטע פון זיי, וואס שטאמען פון די יחוסדיקסטע משפחות, קוים קומען זיי נאָר ארויף אף דער הערשאפט־שטול פון דער קאָלאָניזאציע, פארלירן זיי זיך; א שטאָלץ, אן אמביציע גאווה גרייפט זיי אָן, און זיי דריקן, פרעסן זייער איינגענעם ברודער; פון אויבן אראָפּ קוקן זיי אף אים, און לעגען אויך צו א האנט כדי צו שטירצן דעם גראנדיעזן בנין איבער וועל־כן עס האט געחלומט צוריק מיט 30 יאר דער גרויסער באראָן.

פאר וואס איז דאס אזוי? ניט איין מאָל ווען איך פארטראכט זיך איבער דעם פראבלעם, שפאלט זיך מיר מיין מוח; איך, וואס איך האב דאָך א יעדן איינעם פון די מנהיגים פון דער קאָלאָניזאציע אזוי אינערליך געקענט, איך, וואס בין 30 יאר א שליח־צבור פאר זייער עמוד געשטאנען, שעה'ן און טעג אין תפילה פאר זיי פארבראכט, וויפיל צער האב איך אויסגעליטן און אויך זיי ליידן געמאכט; וויפיל מאָל האט אט דער עדע־לער ווענעציאַני זיינע אויגן אין טרערן געוואשן, ווען איך האב פאר אים א קאָלאָניסטישן אומגליק געשילדערט. און דאך, ווען ס'איז צו אדמיני־סטראטיווער פאראָרדנונג געקומען ,ווען ס'האט געהאלטן בא מעשים, זיינען אלע עדעלע סענטימענטן פארשוואונדן געווארן און דער גאוה'שער דעספּאָטיזם האָט גענומען די אויבערהאנט, און דער חורבן האָט זיך נאָכגעשלעפּט אף יעדן שריט און טריט. פאר וואס איז דאס אזוי? פון וואנען שטאמט דאס? וואו איז דער מקור פון דעם?

אייניקע ווילן זיך אליין שמייכלען: דער דורכפאל פון אלע קאָלאָני־זאציאָנס פלענער — זאגן זיי — ליגט ניט אין אונזערע שלעכטע מנהי־גים, נאָר אין אונזער ראסע, אונזער עלעמענט איז זייער ערדל, מיר זיינען דער מוח פון דער מענטשהייט, ניט די הענט...

א שיינער קאָמפּלימענט, אָבער ווי ווייט ער טוט!

א פּאָלק פון פערצן אָדער פופצן מיליאָן, אָן א פונדאַמענט, אָן אַגרי־קולטאָרן, וואס זעצט זיך נאָר בא א פרעמדן טיש...

אויך איז אט די השערה ווייט פונם אמת; ווארום ווער האט די אלע טויזענטער העקטארן ווילדן סטעפּ דאָ אין ארגענטינע קולטיווירט? נים אונדזערע אידישע הענט? וויפיל טויזנטער טאָנען ברויט, אונדזער איינע־נע ארבעט, איז טראנספּאָרטירט געווארן אף דער וועלט! צי קארג הענט ליפערן מיר אין די פאבריקן! קארג טויזענטער פון אונזער יוגנט דארבן אין די ענגע לופטלאָזע ווערקשטאטן, וואו די שווינדזוכט פרעסט זיי אויף?

פאר וואס זשע פארט ווערן אונזערע קאָלאָניעס צונישט? און פאר וואס מיידן מיר אוים די אגריקולטור? איז דען דער געזונטער קולט פון דער ערד ארבעט נים געזונטער, אָנשטענדיקער פון אלע מוח און לופט פרנסות?

— א קללה! — זאָגן די ספרדישע אידן: דאָן יצחק אברבנאל האָט געשאלטן נים צו באארבעטן קיין פרעמדע ערד, מעגליך אז די אלטע 400 יעריקע קללה פון יענעם אידישן מיניסטער פאראורזאכט דעם חורבן פון די אלע פרעמדע קאָלאָניזאציאָנס פלענער.

מעגליך אז דארט אינם ארץ האבות וואלטן זיי געהאט אן אייביקן קיום...

נאָר גענוג, איך האב זיך שוין פאררעט. לאמיר זיך אומקערן צו מיין דערציילונג.

XXV

שרייבער צונאַסט אין מאַוריציאָ

דער ברייט ביינערדיקער ז. ברכות. — דער זיידענער פרץ הירשביין. — באַם קאָלאָניסט ז. און באַם קאָלאָניסט ארון קצב. —

אין יענער צייט ווען די לעגענדע פונם יק"א באַנקראָט און דאָס אכזריות פונם טערקישן דירעקטאָר האָט אַ שרעקלעכע מורא אַף די קאָלאָניסטן ארויפגעוואָרפן און דער פאַרקויף פון די אידישע פעלדער איז פריי פראָקלאַמירט געוואָרן, אַט אין יענער צייט האָט אונדז געטראָפן דער אויבנדערמאָנטער יונגער שרייבער ז. ברכות.

א געזונטער, ברייטביינענדיקער, הויכער בחור איז דער ז. ברכות געווען. געקומען אהער ארבעטנדיק אַף דער שיף אלס מאַטראָז; — ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָנצוקוקן די הנידחים באַרגענטינע, — האָט ער געזאָגט.

סוף זומער 1916, אין א פינסטערער רעגן־נאַכט, נאָכדעם ווי א גאַנצן טאָג האָט געבלאָזן א פאַמפּערא ווינט, איז ער, דער בחור, אַ נאַסער, אַן אויסגעווייקטער, צו מיר אין שטוב אריינגעפאַלן.

— איך בין ז. ברכות! — שטעלט ער זיך פריילעך פאָר — האַלט נאָר איין אביסל מיט דער וועטשערע, איך בין הונגעריק ווי א וואָלף!

די קינדער האָבן זיך פון דעם פריילעכן גאַסט אָנגעשטעקט און האָבן זיך פריילעך צעלאַכט.

מיר האָבן אים באַלד די קליידער איבערגעביטן, א פּאָר הייסע מאַטעס אריינגענאָסן און באַלד טאַקע געפּרואווט דעם כוח פון זיין מאַטראָסן־אַפּעטיט. נאָכן עסן האָט ער זיין צונג פאַנאַנדערגעלאָזט, האָט דערציילט און דערציילט פון די אלע אונזערע קאָלאָניעס פון סאַנטאַ־פע, ענטרע־ריאָס, דאַרא, פּאַמפּאַ, מאָנטעפּיאָרע, סערעס, וואו ער האָט דורכגערייזט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, סעניאָר אַלפּערסאָן — גיט ער מיך א פרעג — וויפיל האָבן די יק"א באַאמטע בא דעם קויף פון דער אומגוצ־

בארער ערד פון סערעס פארדינט? מ׳זאָגט א גאנצן מיליאָן פּעזאָס... איר ווייסט, ס׳וועט דאָרט קיינמאָל קיין קאָלאָניע ניט זיין, די ערד דאָרט טויג ניט אַף אגריקולטור, טאָקע לחלוטין ניט.

— זעט איר, א דאגה זיי, אז די ערד טויג ניט! פאר זיי איז דאס א מעלה... דאָרט וואו די ערד איז מאָגער, דער קאָלאָניסט ארים, דערשלאָגן, איז זייער ממשלה א שטארקע, א געהויבענע און א זיכערע אַף לאנגע יאָ־רן... שלעפּערס, זאָגן זיי, פעלן ניט... די אימיגראַנטן וועלן אָפּארבעטן אין סערעס עטלעכע יאר, וועלן מיד ווערן, אנטלויפן, וועלן קומען אנדע־רע... מיר האבן זיי גענוג, זיי בעטן זיך בא אונז...

— הומם — גיט דער בחור א ברום, — פאר וואס שווייגט מען? ס׳איז דאך די אידישע קאָלאָניזאַציע?..

— ווער זאָל ריידן, מענטש? די קאָלאָניסטן זיינען דאך אומעטום שטומע מענטשן, קענען ניט ריידן און ניט שרייבן, און די עטלעכע וואס קענען עפּעס יאָ, איז א טייל פון זיי האָלט מען אין טעראָר, יעדער האָט א ווייב מיט קינדער.. און די דרייסטע, די וואס שרעקן זיך ניט, מאכט מען פאר ראשים, מנהיגים, און מ׳דערלאנגט זיי דאס מין וואס ס׳מאכט בלינד די חכמים... ניט אין מזומן חלילה, די באאמטע ווייסן שוין ווי ארום אָפּצוקויפן יעדן איינעם פון זיי...

— נו יאָ, איר האָט רעכט! איצט איז מיר קלאר געווארן א זאך: ס׳זיינען פאראן אזעלכע פארשטייער אין די קאָלאָניעס וואס זיינען פאר־קויפט צו דער אדמיניסטראציע אומבאוואוסטזיניקערייד. היינט די ארומיקע סוחרים, אייניקע האנטווערקער, וואס פארדינען בא דער יק״א. אפגעקויפטע עדות אלע, איך פארשטיי. — און ער כאפּט ארויס דאס נאָ־טיץ־ביכל און נאָטירט. איך האב א שמייכל געטאָן.

דער בחור האָט עס באמערקט: — לאכט, לאכט! איך וועל... איך וועל אייך ניט זאָגן פאראויס, אפריער וויל איך זען מאוריציאָ.

מיטן טאָג גלייך האָב איך איינגעשפּאנט מיין נעראן אין דער סולקי, ארויפגענומען דעם בחור און מיר פארן.

נאָכן נעכטיקן רעגן איז דער מאָרגן זייער א שיינער געווען. די לופט איז פריש און קיל, די זון אַן אויסגעוואשענע, א קלאָרע, האָט געשיינט און באַגילדעט די אויסגעצוואָגענע בוימער מיט די נאסע גרינע קעפּ, האָט זיך געשפּיגלט אין די קליינע קאליושקעלעך וואסער, וואס אפן וועג, לעבן וועלכע ס׳האָבן געשווירבלט אין די טויזנטער קליינינקע, שייניקע, פיל

פארביקע שמעטערלינגען, זומער פויגעלעך, וואס נעראן האט אלע ווילע אפגעטריבן מיט זיין טיאפקען אין די וואסערלעך, און זיי זייגען זיך צע־פלוינן אין א מין גאלדענעם בויגן פארן פנים, אז ס'האט אנטציקט דאס אויג.

די פעלדער וואס האבן זיך נעצויגן פאזע דעם וועג, צעשטראלט פון דער שיינער מארגן־זון, האבן זיך אויך געביטן אין קאלירן און מיט זייער פאנאראמע געשעמערירט און נעפרייט דאס הארץ.

מיר זיינען פארבייגעפארן א לאן גרינעם האבער (ווינטער תבואה וואס די קאלאניסטן גרייטן אן פאר פאשע אין ווינטער צייט) גרין און שיין, אזש שווארץ פון גרינקייט, און אט זעט זיך שוין א „טראכע" מיט פריען מאאיס. אין דער זייט א שטח אויפגעאקערטע שווארצע ערד, און ס'זעצט א פארע פון יעדער מעזשע, פון יעדער סקיבע, וואס דער פלוג האט אויסגעגלייכט אין א גלייכער ליניע, ווי די פאלדן אף א שווארץ זיידן פרויען קלייד.

און דארט אין דער טיף, באם עק פונם האריזאנט זעען זיך פיר קעפ פון פערד, פארשקען מיט דער נאז, שלעפן א ברייטע דיסק־מאשין, וואס איז אנגעפילט מיט זריעה; די שטאלענע דיסקן שניידן אין דער רעליע, מאכן פלאץ פאר די זוימען, באשוואנגערן מיט ברכה און חיונה די מו־טער ערד; א יונגער בחור זיצט זיך בהרחבה אף דער קעלניע פון מאשין, פאכעט מיט דער בייטש אין דער לופט, צוזינגענדיק זיך דערביי עפעס אן ארגענטינער ליד.

מיין ז. ברכות ווערט מלא שמחה, הויבט זיך אלע ווילע פונם זיץ:

— אך, ווי שיין, ווי רייך! אט דאס הייסט ערד! אט דאס הייסט פעלד! זעט נאר ווי שווארץ און פעט די ערד איז דא! אט דא, אט דא, אין פראווינץ בוענאס איירעס, האט מען באדארפט דאס גאנצע ביסל אידישע קאלאניסטן באזעצן, נים דארט אין די מדבריות, אין די סאליטרע געגענטן און אפילו נים צווישן די טייכלעך פונ'ם מאגערן ענטרע ריאס.

מיר פארן אן לעבן עקאליפטן וועלדל פונ'ם קאלאניסט ז. מיין בחור שמעקט מיט דער נאז.

— וואס פאר א טייערער אראמאט דא איז! ווער וואוינט אין דער פארם? א פריץ, א פאמעשטשיק?

— ניין, דא וואוינט א איד, א קאלאניסט פון די ערשטע פיאנערן.

— ווער איז ער? ווי הייסט ער? לאמיר אריינפארן.

— איך וואָלט אייך ניט געראַטן זיך באַקענען מיט אים, ער איז אַ פּאַרביטערטער איד, דווקא אַ געלערנטער, נאָר אַ מגושם, איר קענט נאָך געזידלט ווערן פון אים.

— אזוי? געזידלט ווערן? דאָס האָב איך ליב! פּאַרט צו, איך בעט אייך!

איך האָב אים צוליב געטאָן.

אין אַ בלויזן העמדל, פאַרקאַטשערט די אַרבל, איז ער, דער קאָלאָניסט ז. געשטאַנען און זיך געפּאָרעט באַ אַ זיין־פּלוג. אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען איז מיט אַ מאַטע אין האַנט געשטאַנען לעבן אים, דערלאַנגענדיק אים דאָס מאַטע־טעפּעלע.

— גוט מאָרגן! — שרייט ברכות פון סולקי אַראָפּ.

— אָט האָט איר אַ גאַסט!

דער קאָלאָניסט הויבט אויף דעם רויט־האָריקן קאָפּ פון פלוג און, ווי זיין שטייגער איז, ניט צו ענטפערן קיינעם קיין גוט מאָרגן גוט יאָר, גיט ער הילכיק אַ פרעג:

— אַ גאַסט? ווער איז?

— דאָס איז ז. ברכות, אַ שרייבער. — ענטפער איך אים. — ער איז געקומען באַזוכן מאָוריציאַ.

— ווען דען וועט איר פירן! — קוקט ער בייז אַף מיר, — אַז ניט נשמה־מענטשן, די בינען! וואָס האָבן מיר פון זיי? ווער דאַרף זיי?

— נשמה־מענטשן? בינען? — צעלאַכט זיך ברכות און שפּרינגט אַראָפּ פון סולקי. — אַ נו, סעניאָר, קוקט מיך אָן! זעט נאָר מיינע הענט, מיינע מוסקולן. איר ווילט זיך אפשר באָרען מיט מיר?

דער רויטער האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט און אים פריינטלעך אויסגעשטרעקט די האַנט:

— שלום עליכם! איך זע איר זענט עפּעס אַנדערש, ניט ווי יענע בינען, לימעראַטן אָן געזונט, אָן לעבן, בלויז נשמה און חלומות מיט פּאָעזיע... נאַט, טרינקט אַ מאַטע!

ער נעמט דאָס מאַטע־טעפּעלע באַם קינד און דערלאַנגט אים.

ברכות נעמט שמאַצקען דאָס מאַטע רערל מיט זיינע גראָבע ליפּן און פינטלט מיטן אויג צו מיר מיט טריאומף. ס'הייסט, זע ווי איך האָב אים באַזיגט... און ער צעלאָזט זיך מיט דער שפּראַך, דערציילט וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט אין יענע יק"אַ־קאָלאָניעס געזען און בעט דעם

רויטן ער זאָל אים עפּעס דערציילן פון מאוריצא...

דער קאַלאַניסט כמורעט אָבער ווידער אַמאָל אָן די רויטע לאַנגע ברעמען און זאָגט:

— געזעען, געזעען... איר זענט אַלע זייער גוט, אַף גיך זעט איר; וואס מיר קאָלאָניסטן זעען ניט אין דרייסיק יאר לעבן, זעט איר אין איין אויגנ־בליק פונקט ווי יענער! וואס האָט ער געזעען, דער הויכער, דער מאָגערער, מיט'ן גראָבן נאָז, ווי רופט איר אים, סעניאָר אַלפּערסאָן? — ווענדעט ער זיך צו מיר — „ליידענע נשמה" רופט איר אים, אַ יאָ, סעניאָר!

— ועמען מיינען זיי עס? — פרעגט באַ מיר ברכות.

— זיי מיינען געוויס פּרץ הירשביין.

— יאָ, יאָ, הירשביין! הירשביין! אַזוי האָט ער געהייסן — שאָקלט מיט'ן קאָפּ דער רויטער.

— הירשביין? נו, טאַקע אַ ליידענע נשמה, וואס האָט איר צו אים?

— פרעגט ברכות.

— וואס האָב איך צו אים? וואס האָט ער צו אונדז? און וואס האָט איר אַלע שרייבער, פּאָעטן, טרוימער, צו אונדז, וואס העלפט איר אונדז? נאָך וואס קומט איר?.. הערט! קומט צופאָרן אַ יונגערמאַן, די בלעטער אין בוענאָס איירעס קלינגען נאָ גוואלד: הירשביין! הירשביין! פאָרט ער אום אין יענע קאַלאָניעס, טרעפט אונדזערע פאַרוואָגלטע קאָלאָניסטן, וואס די יק"א־כאַבארניקעס האָבן אין די אומגליקלעכע זומפּען פון סערעס־מאָנטעפּיאָרע פאַרפּירט, טרעפט ער זיי ווי זיי ליגן דריי וואָכן אַף די דעכער, ווייל דער רעגן, דאָס וואסער, האָט די ערד פאַרפלייצט, זיי גייען אוים פון הונגער, דערנערן זיך מיט דערטרונקענע עופות... דער שרייבער מאַכט זיין באַזוך באַ זיי אין אַ שיפל... נו, וואס טוט ער? לאָזט ער, דער גרויסער פּאָעט, פאַלן אַ טרער אַף די סטרונעס פון זיין גאָלדענער האַר־פע, שרייבט אָן עצבות'דיקס אַף די שפּאַלטן פונם ניו־יאָרקער „טאָג", לאָזט הערן אַ וויי אין דער „פרייער ארבעטער שטימע" און — באַסטאַ, דערמיט איז ער יוצא. מיט דער מאַדאַם יק"א, מיט איר פירט ער זיך מעשה קאַוואַליער, ווייל איר ניט פוגע בכבוד זיין, זינגט אַ פּאָר שבחים דער כלומרשט רייכער מאָזעסוויל, זיינע ליטוואַקעס, און אונדז מאוריציער פאַרשווייגט ער גאָר. איין טאָג האָט ער אונדזער קאָלאָניע געזעען, אָבער טאַקע גאָר ניט געזעען. אַ פּאַמפּערא האָט גראָדע דעם טאָג געבלאָזן...

— אַקעגן וואס זאָגט איר עס מיר? — פרעגט ברכות.

— איך זאָג עס אָקעגן אייך אַלע, ליטעראַטן, שרייבער; איר בינען, קומט אַף אונדזערע פעלדער מער ניט כדי צו שאַפן ליטעראַטור, איר שלעפּט צונויף פעלד־בלומען כדי צו שאַפן אייער זיסן האָניק, ס'אַרט אייך ניט פון וואַנען די בלום וואַקסט אַרויס, צי פונם שיינעם גאָרטן וואָס דעם מיידלס האַנט האָט געפלאַנצט, צי פון אַ קבר פון אַ אומגליקלעכן... אונד־זער שיינע מאָוריציע איז באַלד אַ חורבה, אַ קבורה, און איר שווייגט! איר אַלע בינען, שווייגט... אַך — גיט ער אַ דריי מיטן רויטן קאָפּ, — ווען איך זאָל קענען קומען קיין אייראָפּע, קיין אַמעריקע, זאַבאַרקו וואָלט איך דאָרט אונזערע גדולים אַנגענומען; קומט מיט מיר, וואָלט איך זיי געזאָגט, איר וואָס זאָגט, אז ס'קרענקט אייך דער בראָך פון דער אידי־שער אומה; קומט מיט מיר אין אונזערע פּאַמפּאַס, סערעס, דאַראַ, בער־נאַסקאָני, קוקט אָן אונזערע אַרגענטינער קאָלאָניעס, אונזער שיינע אומ־גליקליכע מאַאוריציע, אונזערע פעלדער, אונזערע סעדער, אונזערע ביני־שטאָקן; אונזער פּראַצע פון 30 יאָר נייט איבער אין פרעמדע הענט; קוקט און זעט וואָס די מושלים פון יק"א האָבן פון אונדז געמאַכט...

ער האָט געענדיקט ריידן האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל אין דער ערד און איז אַוועק אין פעלד.

ברכות איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. האָט אַ רגע גע־טראַכט און זאָגט צו מיר: — ער זידלט? עס טוט אים וויי! איז דאָ אַסאַך אַזעלכע? קומט, לאָמיר פאָרן... אַ גרוס פון הירשביינען האָב איך שוין.

איך האָב אַ טאָרקע געטאָן מיין נעראָן און מיר האָבן זיך פאַרנומען אַפן ברייטן שליאַך וואָס פירט אין גרופּע 54.

מיר פאָרן פאַרביי דער טשאַקרע פון אַרון קצב, אַ קאָלאָניסט פון 80 העקטאַר לאַנד. די „דזשואיש" האָט אים זיין ביסל מאָיס עמבאַרגירט פאַרן חוב, און דער האָט אַ שווערע זינד באַגאַנגען: ער האָט די עמבאַר־גירטע קוקורוזע אויפגעגעסן, די אַדמיניסטראַציע האָלט אים באַם אַרעס־טירן... אין קייטן האָט דער כועז געהייסן אים שליסן.

געטראָפן האָבן מיר אים מיט זיין ווייב און אויך זיינע אַ פּריילן פון אַ יאָר צוואַנציק בלאָטע קנעטן. דער פּאַמפּערא, דער עזות'ניק האָט נעכטן זיין זקנה, די 25־יעריקע ראַנטשע צעלייגט, אַ וואַנט האָט ער אומ־געוואָרפן, מאַכן זיי איצט וואַלקעס אַף צו פאַרריכטן די וואַנט.

ז. ברכות דערוויסט זיך דאָס אַלעס, ציט מיט די געזונטע אַפּסלען און פּרענט:

— פאַר וואָס האָט איר אַזאַ פאַרברעכן געטאָן? איר ווייסט אַז ס'קומט אייך טורמע פאַר צונעמען די עמבאַרגירטע מאַיס?

דער אַלטער ווערט דערציטערט.

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, סעניאָר? אַ שלאַנג ווען זי וואָלט געווען אַרום די מאַיס אַרומגעוויקלט, וואָלט איך זי אויך געווען אַראָפּגענומען. די קינדער ווילן עסן!

— פאַר וואָס האָט איר אַזוי ווייניק לאַנד?

— אַ מזל, סעניאָר! איך האָב ניט נושא חן געווען אין אַדמיניסטראַציע. מיין שכן יחזקאל מיכאַלאָווסקי האָט 350 העקטאַר.

— וויפיל זענט איר שולדיק אין אַדמיניסטראַציע?

— ווער פון אונז ווייסט דען אַף ריכטיק וויפיל ער איז שולדיק? ס'דאַרף זיין מיטן פּראָצענט און די קאָנטריבוציע און מיט די זעקס הינטער־שטעליקע ראַטעס, מיט זייער זעקס מאָל פּראָצענט פון פּראָצענט, אָן ערך פון 3.500 פּעזאָס, עקסטרע די פאַרשאַלטענע דריי טויזנטער פון דעם מיליאָן...

— פאַרשאַלטענע דריי טויזנטער, זאָגט איר? פאַר וואָס האָט איר זיי גענומען?

— איך ווייס? מענטשן האָבן גענומען, די אַדמיניסטראַציע האָט צו־גערעדט, האָב איך אויך גענומען. הלוואי וואָלט איך ניט געווען גענומען!

— וואו האָט איר אַהין געטאָן אַזוי פיל געלט?

— אַ קללה איז באַהאַלטן געלעגן אין דעם געלט, סעניאָר.

— איר זענט אַן אַלטער קאָלאָניסט און גלויבט אין נאַרישקייטן, אין קללות?

— ניט קיין נאַרישקייטן, סעניאָר! די תוכחה איז געווען באַהאַלטן אין דעם מיליאָן וואָס דער אדון מ. האָט צווישן די קאָלאָניסטן צעטיילט. די הלוואה פאַרקויפט איצט אַסאַך פון די מאַאוריצער פעלדער. ס'איז נאָך אַ גליק וואָס מיר האָבן אויסגעריסן בא זיי דאָס רעכט אַף קויפשיינען, סען מען פאַרקויפן אַ שטיק לאַנד און באַצאָלן דער „יעוויש" איר חוב מיטן פּראָצענט און בלייבן באָטיש מיטן איבעריקן פעלד. אז ניט, וואָלט זי, מיט די איבעריקע קרעדיטאָרן, צוגענומען אינגאַנצן.

— איר האט מיר ניט געענטפערט וואו האט איר אהינגעטאָן די דריי טויזנטער מזומן געלט פון דער הלואה...

— מממזזזומן? — ציטערן דעם אלטנס ליפן און א טיפער וויי צע־קרימט אים דאָס פנים, — די אדמיניסטראציע האָט אָפּגענומען צוערשט אירם, אן ערך 17 הונדערט פעזאס, סקאַלאַ דעם קרעמער 500 געגעבן אפן חוב און דאס רעשט געלט האט די ערד צוגענומען. דריי יאר האט גע־רעגנט, מיר זיינען פארפוילט געווארן...

— וואס דענקט איר איצט צו טאָן? מ׳וועט אייך איינזעצן אין תפי־סה.

— סקאַלאַ׳ן וועל איך דאס לאנד אוועקגעבן. לואיס סקאַלאַ איז א גוטער קריסט, ער וועט באצאָלן דער יק״א, און מיר לאזן די שטוב מיט צען העקטאר, איך זאל ניט דארפן אף דער עלטער אף פרעמדע טירן זיך אומשלייען — פארענדיקט דער אַלטער און זיינע קינבאקן הויבן אָן ציטערן און קאַנוואולסירן פון צער.

— פארט! גיט ז. ברכות א רעווע צו מיר. כאַפּט אוים די לייצעס פון מיין האנט און שמייסט אוועק...

איך מוז דא אָנמערקן און זאל די וועלט וויסן. דער גוטער קריסט לו־אים סקאלא האט היינט אין מאאוריציע היבשע עטלעכע אידישע משאָק־רעס. די כשרע אדמיניסטראציע האט היבשע אלפים בלויז קאָמיסיאָן בא דעם סוחר פארדינט, און זי מיט דער הילף פון נאָך אזעלכע „נקי כפים“ פון יק״א און ווי אייניקע זאגן מיט דער הסכמה פונ׳ם דירעקטאָר אליין, האבן די אידישע פעלדער אין גויאישן באזיץ איבערגעשיפט״.

מיר פארן. מיין נעראן שטעלט פים. ברכות שמייסט נערוועאיש דאס פערד, קארטשעט די ברייטע פלייצע און קוועטשט שטארק די פי־זשאלע פון בייטש.

איך קוק אף אים פון א זייט. איך זע דער ריזיקער גרויסער קערפער זיינער איז ווי איינגעשרומפּן געווארן, ער זיצט און שמייסט דאס פערד. טראכט און שווייגט.

ס׳מוט דיר וויי, ליטעראט, צי פשוט, ווי דער רויטער קאָלאָניסט זאגט, א בין, ניט מער? געפונען א בלום אפן קבר פון דעם קאָלאָניסט, דארף מען אויסקוועטשן אביסל האניק, אויסארבעטן אן אַרטיקל אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפט“ אריין...

ער האט אבער ניט געהערט וואס איך האב געטראכט, און נערוועז

געטריבן דאס פערד. דעם נעראן איז דאס מין טרייבן ניט געפעלן געווארן און ער האט געפרואווט מיט די הינטערשטע פיס געבן א‫ָ‬ף צוריק...

— נאט, פארט איר! — ווארפט ער מיר צו די ווישקעס מיט דער בייטש — פירט מיך צו אין אדמיניסטראציע, — בעט ער זיך בא מיר. איך האב אים צוגעפירט צום טויער, אראפגעלאזט און בין מיר געפארן אהיים.

XXVI

דער לעצטער אדמיניסטראטאר

אַ זון פון דער קאָלאָניע. — די יק"א דאַרף געלט. — דעסאָלאַכאַס פון קאָלאָניסטן „אַרענדאַטאָרס". — געשעען אַ נס. — דער טערק איז אין כעס. — דעם אַדמיניסטראַ־טאָרס ודוי. —

נאָך גאַר אַ אינגל איז ער געווען, אויפגעצויגן זיך און אויסגעהאָדעוועט זיך צווישן אונדזערע קינדער און האָט אויך אַלע געוואוינהייטן פון דעם היזיקן: ניט קיין סאך ריידן און ניט באלד אין כעס ווערן. ער האָט ניט פיינט די קאָלאָניסטן, פארקערט, ער באדויערט זיי זייער, אבער די באַפעלן פון קאזשאַאַ פירט ער פונקטליך אויס; א באאַמטער פון דער דעספאָטיע, מיט אַלע אירע פּלימערלעך.

— איך מוז היטן מיין שטעלע, סעניאָר — זאגט ער בא יעדער לומ־פעריי פון דער אדמיניסטראציע, וואס ער פירט דורך. — איך מוז דער־נערן מיין מוטער מיט דער פאמיליע...

דער יונגער אינגל האט געלאזט רופן יעדן פון די בעל חובות באזונ־דער, אים אויפגענומען בסבר יפות און א בענקל אים צום זעצן געשטעלט.

דריי צענדליק יארן זיינען מיר פאר זיי אף די פיס געשטאנען און פלוצים רעט מען גאר אין א מילדער זיסער שפאנישער צו אידישער שפּראך, טענה'נדיק ברידערלעך:

— סעניאָר ב., ברענגט געלט... ס'פעלט אונדז געלט... דער דירעק־טאָר האט א סאך באאַמטע פון זייערע שטעלעס אפגעזאָגט... די קאָנ־טריבוציע אין רעגירונג ניט געצאָלט, ווייל די קאסע פון דער יק"א איז ליידיק. ס'איז מלחמה... פאריז האט ניט די ממתקים, מיר מוזן דאס מין דאָ שאַפן... טוט ברודער וואס איר קענט, פארקויפט א העלפט צו אין גאנצן דאס לאנד... דער נייער דירעקטאָר וויל דער פון ניט וויסן, אבי ברענגט געלט... מיר מוזן! געלט, געלט, געלט!..

ס'איז זיכער געווען אין זיינע רייד אז ס'איז טאקע אמת, די יק"א איז ארים געווארן, אָדער אַ עני באותה שעה. אַי פארוואָס האָבן זיי שפּע־

קולירט? ווער האט זיי א רעכט געגעבן דעם פאלקס אוצר אין בעלגישע צי אין דייטשע פאפירן פארטאָן? נו, וואס, תיקו.

און אפן, אָן סודות, נעמט ער פון קאסע א זשמוט פאפירן ארויס און ווייזט יעדן וואס די „סופעריארעס“ שרייבן אים:

א נייעם „רומבא“, א נייע ווענדונג זאלט איר אָננעמען. דער אלטער וועג ווי ס'איז ביז אהער אָנגעפירט געוואָרן, צו לאדן די קאָלאָניסטן וועלכע האבן פראמעסא־קאָנטראקטן, טויג ניט, ס'איז צו א לאנגער וועג... איר נעמט אייך גלייך צו די וואס האבן נאָר ארענדע־קאָנטראקטן, זאלן זיי געבן געלט, אז ניט שמייסט זיי ארויס... און — פארענדיקט דער יונ־גער אדמיניסטראטאר — איר פארשטייט אליין, אז איך מוז פאלגן דעם סופעריאר מיינעם.

און אזוי איז עס באלד געשען.

ס'איז ריכטיק מקוים געווארן דאָס ביבלישע ווארט: מיט וואָס קען דער דינער נושא חן זיין באם שלעכטן אדון, אז ניט מיט די קעפ פון זיי־נע קנעכט?“

דריי ארימע קאָלאָניסטן אין לא עספעראנסא, וועלכע האבן אין די אכט יאר נאָך קיין „פראמעסא“ בא דער יק“א ניט ארויסגענומען, האט ער אלס כפרה הינדלעך אויסגעקליבן; ווי אף ארענדאטאָרס און ניט ווי אף קאָלאָניסטן האט ער אַף זיי אין געריכט אָנגעגעבן און געפאדערט באם שופט צדק אָן אמת'ן משפט: אראפצו־ווארפן זיי פונם לאנד.

דער „כועז“ האָט גלייך געפסקנט „דעסאלאָכאָ“, און האָט נאָך א חסד מיט די אומגליקלעכע געטאָן; ער האט זיי געגעבן פערצן טעג צייט, אפצוריייניקן דער „דוואיש“ דאס לאנד.

א בהלה, א מהומה. פון אלע דריי טיילן קאָלאָניע, פון מאוריציא, עספעראנסע און סאנטא טאָמאס, איז מען זיך אין שול צוזאמענגעלאפן. שוים, פינע, רוגזה, כעס האט געשלאגן פון יעדנס מויל:

— אָ, די מרשעת! — שרייען די קאָלאָניסטן. — די שוואכסטע, די הילפלאזע, די וואס האבן נאָך ניט קיין קאָנטראקטן, האט זי פאר קרבנות גענומען. אלס ארענדאטארס, וואס זיצן אף פרעמד לאנד און צאָלן ניט קיין ארענדע, האט זי זיי אין געריכט פארקלאגט... מיר אלע וועלן גיין עדות זאגן און שווערן, אז זיי זיינען צוריק מיט אכט יאר אלס קאָלאָניסטן איינגעארדנט געווארן און ניט אלס ארענדאטארס... פאר שווינדל וועלן מיר די אדמיניסטראציע אָנקלאגן...

מ'האט גלייך באשטימט א „קאמיסיאן דע דעפענסא" און דעם ראש פון דער פארטיידיגונגס קאמיסיע קיין לא פלאטא אוועקגעשיקט, אנצו־געבן אין דער געריכטס פאלאטע, זי זאל דעם משפט פון די דריי קרבנות אפרופן...

א שווערער, פוילער מאנסטער איז די רעגירונגס מאשין. אומבאוועג־ליך איז איר מעכאניזם, אום צו רירן זי און אין באוועגונג צו זעצן. א שרייפל, א נערוו פון דעם מאנסטער, מוז מען גוט שמירן... און אפט מאל אויך א „קוניא" א קלין באנוצן.

דער ראש פון דער „קאמיסיאן דע דעפענסא" וואס די קאלאניסטן האבן קיין לא פלאטא געשיקט מיט דער אפעלאציע אין דער פאלאטע, האט נים קיין שמירעכץ און אויך ניט קיין מיוחס'דיקן בא דער זיים פאר־מאגט. און די צייט לויפט, די ערד דרייט זיך, ערב ובוקר און א טאג איז פארביי... גיך זיינען אוועק די פערצן טעג וואס דער „כועז" האט די דריי „דעסאלאכירטע" געגעבן און זייער אפעלאציע איז נאך אין קראפט ניט אריין.

די אדמיניסטראציע, וואס פארמאגט יא דאס שמירעכץ, דאס פעט־קייט וואס די מאשין האט ליב, — זי, וואס האט ארויסגעקוקט עס זאלן זיך ענדיקן די פערצן טעג אום זיך נוקם צו זיין, אנלערנען די עבדים וואס דערוועגן זיך אקעגנצושטעלן איר, זי, האט מיטן טאג גלייך, ארויסגע־שיקט איר געלן קאטש מיטן פילאנטראפישן הערב .J. C. A, ארויפגענו־מען א פאר וויזשילאנטן און א דריי גאאוטשאס, און זיי צו די אומגליק־ליכע משפחות קיין לא עספעראנסע פארפירט, באלד איז אויך דער קא־מיסאר מיטן „אגוואסיל" מיטן אויטאמאביל אנגעלאפן, די קרבנות זייי־ער רעכט צו טאן...

דער טאג איז א טריבער, א קאלטער געווען און פונם הימל האבן זיך ווי דריבנע נאדלען געשאטן און אין לייב געקראכן אז ס'איז אן עבירה גע־ווען א הונט אפן גאס ארויסצולאזן... די פאליציי האט איר פליכט כמעט אומווילנדיק געטאן:

דער ערשטער קאלאניסט, יאנקל שטיין, איז גלייך מיט זיינע בעבע־כעס אף דער גאס געליגן. פארשלאסן האט דער אגענט פון דער אדמיני־סטראציע די שטוב. לעבן „אלאמבראדא" א שומר געשטעלט, א גאאוטשא מיט זיין „פאקאן" און פטור.

באם צווייטן, א. מרגלית, אַן אלמן וואס האט ערשט מיט א פּאר טאָג פריער די אלטע זיינע באַגראָבן, איז אַ ביסל שווערלעך צונעגאַנגען... שכנים, ביטערע יונגען, האבן זיך מיט דער פאליציי שלאגן געשטעלט; די פּאליצייאישע „רעוועגקעס" און די שווערדן האבן זייער היציקייט אפּגעקילט און מ'האט אויך די פאמיליע ארויסגעשמיסן.

באם דריטן, בנמין העלענבערג, דאָ איז נאר א צרה געווען. די אלטע זיינע איז שוין א צייט צו בעט, די וואסערן און דער ווילגאטש פון דער צעווייקטער ראנטשא האבן בא איר אירע רעמאטיזן צעשפּילט און די לעצטע געשעעניש, פון דער יס"א מיט דער „דעסאלאכא", האבן זי גאר דערשלאגן. בעת די ווי‍זשילאנטן האבן זי מיטן בעטל גענומען ארויסטראגן, האט זי אזוי ווי אלע רעומאטיז־ליידנדע, געוואלדן געמאַכט... דער קאָמיסאר מיטן אגוואסיל האבן ניט געקענט צוזעען די סצענע. דער לעצטער האט, ווי דער מנהג פון דעם היזיקן, א קללה געשיקט גאטס מאמע דער צנועה מיט איר זון צוזאמען מיט אלע הייליקע... און דער קאָמיסאר האָט געמורמלט: „קאראמבא"! „קע בארבארידאַד!" דער קאָלאָניסט בנימן העלענבערג האט זיך הינטער זיינעם א בוים פארוקט און א שטריקל געזוכט... ער איז געווען אזוי דערשלאגן, אז ער האט גאר ניט געוואוסט וואס ס'טוט זיך מיט אים. די גרויסע קינדער זיינע, דריי זין, זיינען אין דער היים ניט געווען, זיי האבן אין א פריצישן גוט ערגעץ געארבעט. אַ גליק איז דאס געווען, ס'וואלטן געווען הרוגים געפאלן. און די קליינע קינדערלעך האָבן די ווי‍זשילאַנטן מיט בלאָטע באווארפן, געשטיפט, געוויינט און געזידלט...

א שכן איז מיט זיין וואגן אָנגעלאפן ארויפצונעמען די קראנקע פרוי און איבערפירן צו זיך אין שטוב.

נאָר דא איז פלוצים א נס געשען.

אַן אפיסיאל מיט אַן אויטאָמאָביל איז אָנגעלאפן פון „כוזנאדא" מיט א טעלעגראמע פון לא פלאטאַ, אז מ'זאל די קאָלאָניסטן ניט רירן פון זייער אָרט און אַן אָרדער פונם כועז פון קאסארעס, אז: אויב זיי זיינען שוין דעסאלאכירט, זאל די פאליציי זיי העלפן אריינטראגן צוריק אין זייערע וואוינונגען...

מ'האָט גלייך אויסגעפּאָלגט דעם באַפעל. אַף אלעמען איז אַ גדולה געוואָרן, אפילו די שווארצע האבן מיט צופרידענהייט געשפּיגן און געפּליסטערט אין דער שטיל:

— סע סורטעו! סע ביען! (וואס פאר א מזל! ווי גוט!) נאָר דער איין אדמיניסטראַציע אגענט איז אוועק מיט א ברונזער נאָז.

דער קאָמיסאר האט פאראָרדנט אז מ׳זאָל די קראנקע פרוי אין דעם אנגעקומענעם אויטאָ ארייַנזעצן און זי קיין קאסאַרעס צום דאָקטאָר פירן, וואו זי איז א צייט לאנג פון אונזער דאָקטאָר גרונמאַן באהאנדלט געווארן אומזיסט.

ווען דער נייער דירעקטאר אין קאזשאַאָ 216 האָט זיך פון די דריי ניט געלונגענע קרבנות דערוואוסט, איז ער טאקע ווי אן אמת׳ער טערק אין צאָרן אריין און באפוילן צו אונדזער מושל פ. מ. ער זאָל רייסן שטיקער פון די אלטע קאָלאָניסטן. זאָלן זיי וויסן ווי זיך אייַנצושטעלן פאר די גרינע און צושטערן זייַנעם א באפעל.

די קאָלאָניסטן האבן זייער שלעכט געטאָן, — האט מיר אין א שמו־עס נאָכדעם געזאגט דער יונגער אדמיניסטראטאר — דער נייער וועט זיך אן זיי אָן רחמנות נוקם זיין.

— וואס דען האבן זיי געזאָלט טאָן, סעניאָר? לאזן די אומגליקליכע ארויסשמייסן אויף דער גאס?

— און וואס פאר א טובה האט מען זיי געטאָן? — פרעגט ער בת־מימות — מ׳האט זיי פארלענגערט די גסיסה. זיי וועלן דען בלייבן קאָלאָ־ניסטן? מיר וועלן דען זיי לאזן? צו קענען זיי דען עקזיסטירן אויף די ני־דעריקע, זומפיקע פעלדער? וועלן זיי דען אויף זייער לעבן קענען אונז אָפּ־צאָלן דעם הינטערשטעליקן חוב, אן ערך פון זעקס טויזנט פעזאס? פון וואנען וועלן זיי עס נעמען?

— פאר וואס זשע האט מען זיי אויף אזעלכע אומפּרוכטבארע פעלדער קאָלאָניזירט?

— דאס איז דער פעלער פון יענעם אדמיניסטראטאר — זאגט ער, — אפגעשניטן בא די יונגע שטיקער „לאגונא“ און באזעצט אויף זיי די גרינע, איצט קענען ביידע ניט, אי די געלע, אי די גרינע, ניט לעבן און ניט צאָלן... די דירעקטאָרן אנערקענען דעם פעלער, אבער מ׳קען צוריק ניט כאפן...

— וואס זשע זיינען די ארימע שולדיק וואס מ׳האט זיי שלעכט קאָ־לאָניזירט? קומט זיי נאָך אזוי פיל יאר מאטערניש, אויף דער גאס ארויס־צו־ווארפן?

— די קאָלאָניזאציע איז ניט קיין צדקה אנשטאלט, זאגט אונזער דירעקטאָר; דער בנימין העלענבערג איז גאר א בעסער פון פאך, מרגלית איז א בעדער, שטיין איז א קרעמער... זיי זיינען ניט קיין קאָלאָניסטן...

— האט דען דער באראן די קאָלאָניזאציע געשאפן פאר געבוירענע קאָלאָניסטן? ער האט דאך ערשט געדענקט פון אזא עלעמענט אן אקער־בויער פאלק צו מאכן, און ווען מ'האט שוין דעם בעדער צו דעם קרעמער איין מאָל קאָלאָניזירט און א שלעכט שטיקל לאנד אים געגעבן, מוז מען אים, נאָכן יושר נאָך, איבערפירן אף א בעסערן באָדן, אים אויסהאלטן... נאָר ווייסט איר, יונגער אדמיניסטראטאר, פאר וואס די אדמיניסטראַציע טוט דאָס ניט?

דער יונגערמאַן איז רויט געווארן איבער די אויערן: איר זאָלט ניט גלויבן וואס מ'זאָגט — בעט ער זיך בא מיר. עט! וואס קאָלאָניסטן זאָגן! זאגן זיי דען ניט אף דעם סעניאָר — איר קענט אים גוט — אז ער האט א מיליאן פעזאס בא דעם אומגליקליכן קויף פון דער קאָלאָניע מאָנטיפיאָרע אראפגענומען?.. זאגן זיי דען ניט, אז דער נייער האט א ליידיקן טער־קישן טורבאן געבראכט און וויל אים מיט גאלדענע פעזעס אָנשיטן?.. און וואס זאגן זיי שוין ניט אף מיר? איר מיינט איך ווייס ניט?

— איר ווייסט, סעניאָר פ., אז מיט אייער ארט באַנעמען זיך מיט די קריסטן, וואס קויפן אָפּ די קאָלאָניסטישע פעלדער, גיט איר זיי שטאָף צו דענקען אין דעם וואס מ'זאגט אף אייך... — זאג איך, און קוק אים גלייך אין די אויגן אריין. דער יונגערמאַן לאזט די אויגן אראפ צו דער ערד און אין אן ערנסטן טאָן, נעמט ער זיך מתודה זיין פאר מיר:

— איך ווייס, אז איך באַגיי א זינד, א „קרימען“... דאס קומט אויס, אז איך בין א מעקלער באַם גוי. ניט אומזיסט זאגן זיי אז איך נעם צען צי צוואנציק פעזאס פונם העקטאר לאנד באַם גוי. אָבער, זאָגט מיר, קען איך דען אנדערש מאכן? דער גוי, דער קויפער האט דאך מורא צו גע־טרויען דעם אידן דאס געלט. איידער ער שרייבט אים אונטער דעם קויפ־שיין פונם לאנד, און דעם קויפשיין קען דאך דער קאָלאָניסט ניט האבן, ביז וואנען ער באַצאָלט ניט דער יק"א זיין חוב. דאָ מוז איך שוין אלס פאר־מיטלער אונטערקומען; דער גוי געטרויעט אונז, דער אדמיניסטראציע, דאָס געלט און איך גיב אים ארויס א קוויטונג אף דעם, מיט א שריפט, אז ווען די פאפירן וועלן דורכגיין דעם רעגיסטער, בלייבט ער דער איינגטי־מער פונם לאנד. מיט רעכט קענען זייטיקע מענטשן דענקען אז דער קוי־

פער ניט מיר אראפ עטלעכע פעזעס פונם העקטאר פאר מיין ארבעט. אבער, גלויבט מיר, אז ס'איז פאלש. מיין האַרץ רייסט מיר נעגוג אז איך מוז העלפן אידישע פעלדער זאלן איבערגיין אין גויאישע הענט...

— פאר וואס זשע עפענט איר ניט די דירעקטארן די אויגן אף דעם פארברעכן, וואס ווערט דורך זיי געמאכט?

— עפענען די אויגן? — פארקרימט זיך דער יונגער מענטש, — זיינען זיי דען בלינד? זעען זיי דען ניט דעם טשעס פונם גוי וואס איך שיק זיי צו, צום איינקאסירן? שרייב איך דען ניט ווער דאס געלט איז און ווער עס בלייבט מיט דעם און מיט יענעם קאלאניסט'ס לאנד? געלט, שרייבט מען מיר, שיק! מאן איך און שיק... איך בין א שטעקן באם נייעם אין די הענט. וועניציאַני מישט זיך איצט גאר ניט. אט האב איך אן ארדער פון אים, — זאגט ער מיר שטילערהייד — אנצוגעבן אף נאך פ י ר אל־מנות פון די קאלאניסטן: באראכאוויטש, טעפער, גירסטל און די אלמנה פונם הרוג יאנקל שאראשאנסקי. טרערן וועלן זיך גיסן ווי וואסער. ער וויל ארויסווארפן פינף און צוואנציק־יעריקע קאלאניסטן. ער וועט צע־שטערן, חרוב מאכן די קאלאניזאציע... געלט, געלט, געלט! — פארקלעמט ער מיט די ציין. — אט פאר איך אין א פאר טעג ארום קיין מערסעדעס, לעגאליזירן די קאנטראקטן פון נאך א צוואנציק קאלאניסטן און זיי איבער־געבן צו זיין נייעם אדוואקאט, דר. לאפעז. פארטיידיקט אייך, קאלאניסטן, ווי ווייט איר קענט, דער נייער וועט ניט רוען, ער וועט צונעמען אייער לאנד... נאר מיך — בעט ער זיך מיט תחנונים, — זאלט איר ניט שעל־טן... וואלט איך אן אנדער שטעלע געהאט! ס'איז אבער איצט אזא קריי־זיס!...

מיט שברון לב האב איך אויסגעהערט די ודוי פון דעם יונגן באַ־אמטן און דעם גאנצן וועג, פארנדיק אהיים, האבן מיינע אויגן ניט גע־טריקנט און די ליפן האבן פון זיך אליין געשעפטשעט: — אלה מנהיגיך ישראל!...

א פאר וואכן צייט נאך דעם געשפרעך מיטן יונגן אדמיניסטראטאר האט די מגפה אויסגעבראכן. אכט און צוואנציק (28) קאלאניסטן אלטע און יונגע, ווי אויך די פיר אויבנדערמאנטע אלמנות, האבן באקומען צעט־לען פון „כוזגארא“; אייניקע אף געלט צאלן און די מערסטע אף „דעסאַ־לאכא“. און דאס פארקויפן די פעלדער האט זיך אנגעהויבן נאר אין גרוי־סן מאסשטאב און אומגעהויער שנעל.

— איידער די יק"א זאל צונעמען, איז גלייכער צו פארקויפן די ערד און איר באצאלן און עס וועלן נאך א פאר טויזנטער בלייבן צו דערשטיקע־וען דאס ביסל יארן. — האבן געזאגט א טייל, די וואס האב ניט גע־וואלט זיך לאדן. — געבענטשט זאלן זיי זיין, די מענטשן וואס האבן אונז די טיטולאס פון זייערע הענט ארויסגעריסן. ווען ניט דער צירקולאר 153 וואלט דער טערק אונז אין גאנצן בא'גזל'ט...

מ'האט פארקויפט, געכאפט, געראטעוועט ווי פון א שרפה. ביליג האט מען פארקויפט... 170, 150 פעזאס דעם העקטאר.

דער בעקער פון קאסארעס, טאמאס סאלוואט, האט די לענדער פון הירש גימעלמאן, משה טאבאקמאן און פון נאך א פאר שכנים פאר דער דאזיקער פרייז אפגעקויפט און זיך א גוט דארט אויסגעבוים. די מגפה האט זיך צושפרייט און געפרעסן אונזער מאאוריצער ערד.

א פאר אומגליקליכע, די וואס האבן געבעך א פאלשן באנקראט גע־מוזט מאכן, משה לעדערמאן און אברהם דיין, האבן א קרעדיטאָרן פאר־זאמלונג צוזאמענגערופן און די ערד צו דער יק"א צוגערעכנט, בכדי די בעלי חובות זאלן אף איר ניט קענען ארויפפאלן... אט די פאראומגליקטע, האבן פארקויפן ניט געקענט, אף זיי האט דער נייער זיין גאנצן צאָרן אויסגעגאסן און געפאדערט אויסצופירן דעם משפט: „דעסאלאכא".

אויך די אלמנה שאראשאנסקי האט געזאגט, אז זי גלויבט ניט, אז די יק"א זאל זי, ווען מען ס'האט מיט בלוט פאר דער ערד באצאלט, מיט די יתומים פון דעם הרוג נאך פינאנצוואנציק יאר ארבעט ארופ־טרייבן פון דער ערד... נו האבן אט די ארימע געווארט, ניט פארקויפט, און אויך ניט אפעלירט צום העכערן געריכט.

נאר ערשט דעם 12 דעצעמבער 1916, ווען ס'איז אנגעפארן דער קאָ־מיסאר מיט א האלב טוץ ווידשילאנטן צו יד דריי, אויסצופירן דעם משפט, זיינען זיי צו סגלויבן געקומען...

דער זון פון דער אלמנה וואס טראגט דעם פאטערס נאָמען: יאנקל — זי איז דאך שוואנגער געבליבן — איז אפילו רעכט ברוגז געווארן און געזאָלט שיסן דעם טערק. — אָבער די מוטער האט עס ניט דערלאָזט. זי האט געבעך געמוזט אויסזוכן א קריסט און האט אים 90 העקטאר לאנד פארקויפט, האט באצאָלט דער פילאנטראָפיע און זי מיט די פיר קינדער זיינען מיט די איבעריקע 40 העקטאר געבליבן.

די צוויי אנדערע: משה לעדערמאַן און אברהם דיין, האָבן באם קאָ־מיסאר 4 טאָג צייט אויסגעוויינט, אפשר וועלן זיי זיך קענען ארעגלירן מיט דער יק"א. דער ערשטער, לעדערמאַן, האָט אן אדוואָקאט באקומען און אָנגעגעבן אן אַפּעלאציע אין העכערן געריכט און דער צווייטער, דער זקן אברהם דיין, האָט באַשלאָסן אַפּעלירן צום רחמנות פון דער יק"א...

ער אליין איז געבעך זייער א דערשלאָגענער אַלטיטשקער און א שטיקל כבד פה. איז ער געקומען צו מיר און שטארק געוויינט איך זאָל מיט אים מיטפארן צו די דירעקטאָרן אין בוענאָס איירעס.

— איר — וויינט דער אַלטער פאר מיר — וועט בא זיי פועלן... דער אדמיניסטראטאר זאָגט אויך אזוי... די דירעקטאָרן וועלן אייך ניט אָפּזאָגן,,, ראטעוועט מיך! פאָרט מיט מיר!

איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך האָב ניט געוואָלט פאָרן. ערשטנס האָב איך נאָך דעם נייעם טערקישען אידן, דעם דירעקטאָר ש—מעט פער־זענלעך ניט געקענט. צווייטנס בין איך שוין מיד געווען פון דער כלל אר־בעט, וואָס מער ווי פארדרוס און פארביטערניש לאָזט זי ניט איבער הינטער זיך און דריטנס, מי יודע צי וועל איך עפּעס ווירקן אַף דעם נייעם מיטן גרויזאמען שם... איך האָב ניט געוואָלט הערן דערפון.

נאָר קען מען דען ביישטיין די טרערן פון אן אַלטן? האָט איר שוין געזעען א זקן פון 67 יאר וויינען, גיסן מיט טרערן ווי א איינגל פון 10 יאָר? האָט איר שוין אמאָל געפּרואווט הערן דאָס שלוכצן פון אן אַלטער צעווייטיקטער ברוסט, דאָס כליפּען פון א געבראָכן הארץ וואס האָט שוין אַלעס אין רואינען, אין חורבות הינטער זיך געלאָזט? דאָס ווייב זיינס מיט דריי טעכטער האָט ער שוין אפּן מאוריציער בית עלמין באַשטאַט, דאָס 25 יעריקע פארמעגן האָבן שווינדלערס, אָנזעצערס בא אים אויס־גענאַרט און אים נאָך אין א באַנקראָט פארשלעפּט; איין זון א בן יחיד איז אים געבליבן, אן אַלמן מיט פיר קינדער, וואס ארבעט דאָס פעלד, וואו דער צעבראָכענער אַלטער קען זיין מידן קאָפּ אָנשפּארן... נו, קומען איצט דעם באַראָנס באַאַמטע און ווילן אים מיטן זון, מיט די פיר יתומים, אפּן גאַס ארויסוואַרפן! איך האָב ניט געקענט ביישטיין די טרערן פונם אַלטן דאיען, און בין מיט אים צו די אדונים געפאָרן.

XXVII

אויף די טרעפּ פון קאַזשאַאַ 216

אַלט פאַרגאַנגענע בילדער, סצענעס און פּאַרשוינען וואָס לעבן אויף אין זכרון, וואַרטנדיק אין פּאָדערצימער פון דער בוענאָס איירעסער דירעקציע. —

שבת צען אַזייגער אין דער פרי, דעם 16־טן דעצעמבער 1916, בין איך מיטן אַלטן אַף די מאַרמאָר טרעפּ אַרויף. הגם כ'האָב באַ זיך נעפּאַסט דעם באַשלוס, ווען איך האָב זיך גענומען דערציילן די פאַרגאַנגענהייט, אַוועקצולייגן אַלע סענטימענטן און שרייבן נאָר די געשעענישן, קאַלט, טרוקן, ציפער נאָך ציפער, דאָך קען איך זיך ניט באַהערשן און מוז עטוואָס אייך איבערגעבן דערפון וואָס איך האָב געפילט און איבערגעלעבט און איבערגעליטן אין די פּאָר שעה אין הויז קאַזשאַאַ 216 יענעם שבת פונעם אודיענץ.

דער זעלבער אומעט מיט דעם זעלבן גלות־דופט פון שטענדיק, האָט מיר אין פּנים אַ שלאָג געטאָן, ווען איך האָב די מאַרמאָר טרעפּ באַטראַכט אַלץ איז דאָ ווי שטענדיק: די זעלבע אוניפאָרם פונעם שווייצאַר מיט דער גאָלדענער געלייסטער קאַלישקע J. C. A., כאָטש דאָס פּנים איז שוין אַן אַנדערס געוועזן; דער זעלבער קאַלטער בליק פון די בעאַמטע וואָס קומען אַן פון גאַס. זיי גייען צו צום בוך וואָס ליגט אויפן שטענדער נעבן שווייצאַר, גיבן אַ קוק אַפן אַלטן וואַנט זייגער, שרייבן איין זייער נאָמען די מינוט וואָס זיי האָבן זיך צוגעשטעלט און שווייגנדיק, ניט אומקוקנדיק זיך, ניט שענקענדיק קיינעם אפילו אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווערן זיי פאַרשוואונדן אין די פילע טירן פון דעם מעלאַנכאָלאַשן קאָרידאָר...

שוין פיל, פיל צענדליקע מאָל אין משך פון די 30 יאָר איז מיר אויסגעקומען צו טרעטן אַף דעם קאַרפּעט מיט די פוכיקע האָר וואָס באַדעקט דעם פּאָדערצימער און באַ יעדעס מאָל באַפאַלט מיך אַ מרה־שחורה, אַ קאַלטע קלויסטער־לופט נעמט מיך אַרום און ס'נודיעט באַם האַרץ. אויך איצט, ווען איך האָב זיך מיטן אַלטן דאַיען אַף דער קאַנאַפּע לעבן דער גרויסער צעדער־טיר פונעם דירעקטאָריום מיטן היטל אין האַנט אַנידער־

נעזעצט, ווארום אױף דער אויפנאמס־צייט, האב איך דאס איינגע גע־פילט. ווארום מוז יעדער איינער.

ס'איז מיר אין די אויגן טונקל געווארן און באם הארצן האט מיר פארקוועטשט. די אלע טראגישע וויטיקלעכע סצענעס, ווי די האלב לע־בעדיקע, וואס מיינע אויגן האבן אין פארשידענע צייטן דא הינטער אט דער טיר געזעען, זיינען אויפגעשוואומען פאר מיר גלייך ווי זיי זיינען ערשט איצט געשען.

אט זע איך די צעקרימטע פנים'ער פון א פאר פאלק, זיי שטייען איינגעבויגן אין דרייען. ווי צעטומעלט זיינען זיי פון דער אודיענץ ארויס־געקומען מיטן באנאלן ענטפער: „מיר וועלן שרייבן קיין פאריז".

— שקר וכזב! — קרעכצט דער מאן. — יא — ענטפערט די פרוי. — קאלטע פריפארקעס!...

און אט איז א צווייטער אלטער. ס'איז אים שוין אויסגעטרוקנט געווארן דער טרערן־קוואל. ער שטעט בא דער זייט פון א יונגן ווייבל, וואס גיסט מיט זודיקע טרערן. איר מאן, דעם אלטנס זון, איז אין סונ־טשאלעס, אין א סאנטא פעער קאלאניע דערשטאכן געווארן... רעטעך איז דוכט זיך זיין פאמיליע־נאמען געווען און דער מערדער נייט דארט אום פראנק און פריי..

א צעקארטשעטע מוטער פון דער קאלאניע מאזעסוויל, אין סאנטא פע, שטיים און וויינט: א גאוטש האט איר אכצן־יעריק מיידל אױף א חתונה דערשאסן. זי האט אים טאנצן אפגעזאגט... און די פאליציי אײלט זיך אפילו ניט דעם מערדער צו ארעסטירן...

זיי קומען אלע זיך באקלאגן אין דער ביורא.

אין א ווינקל פון קארידאר שטייען דריי געזונטע אידן מיט ברייטע פלייצעס, א גלאנץ פון אמאליקער רייכקייט איז צו זעען אין זייער קליי־דונג, נאר דער קאלאניזאציע־דלות האט שוין זיין שטעמפל אױף זייער פנים געלעגט. אלע דריי זיינען זיי צעפלאמטע פון דעם דירעקטאריום ארויסגע־קומען און ריידן אין רוסיש צווישן זיך. איינער א הויכער, א איד א רעמב, מיט א פליך אפן גאנצן קאפ, טענהט צו א נידעריקן אידן, מיט א גרוי געשוירן בערדל און זייער קלוגע אויגן:

— מ'האט אייך פשוט באשווינדלט אין פאריז, גאספאדין טשארני, מיט אזעלכע פירער פון דער קאלאניזאציע וועלן מיר אין ריוועדא (א נייע קאלאניע אין יענער צייט) א שווער ביטער לעבן דורכמאכן...

און אַט איז אַ קאָמיסיע פון פינף ברוינע פנים'ער, באַוואַקסן ווי באַ די ווילדע. זיי קומען פון דער נייער פּאַמפּאַ־קאָלאָניע בערנאַסקאָני. זיי שטייען הינטער דער טיר. וואָסער זיינען זיי געקומען בעטן. די פערד זיינען שוין אַלע אויסגע'פגר'ט פון דורשט. פאַר די מענטשן איז שוין אויך קיין טרונק וואַסער ניט געבליבן. די הונדערט צוואַנציק מעטער־טיפע ברונעמס זיינען אויסגעטרוקנט. וואַסער־מיהלן דאַרף מען מאַכן. שטייען זיי מיט די הימלען אין די הענט, קוקן אַף דער צעדער־טיר און וואַרטן אַף דער אוידיענץ.

אַ יונגערמאַן, אַ בלאָנדער, מיט אַ בולאַנדזשע־בערדל, שפּאַנט אַרום באַ דער זייט אין קאָרידאָר, ציפּט נערוועאיש דאָס בערדל, וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק צו דער טיר און מורמלט שטיל אַף רוסיש. דאָס איז מיגעל סאַכאַראָוו, דער פּרעזידענט פון דער קאָאָפּעראַטיווע „פּאַנדראַ קאָמונאַל" אין קלאַרא, זריעה פאַר די קאָלאָניסטן איז ער געקומען בעטן און דאַ זאָגט מען אַז דער קרעדיט איז שוין איבערפולט...

— סיעם סאַט טיסיאַטש...! — קרימט ער זיך. — נו איך קטשאַר־טו!...

אַלץ אַזעלכע בילדער שוועבן מיר פאַר די אויגן. מענטשן, גרופּעס און גאַנצע סצענעס וואָס איך האָב דאָ געזען און געשפּרעכן וואָס איך האָב דאָ געהערט.

דאָס גלעקל גיט אַ קלונג. דער שווייצאַר אַף די שפּיצן פינגער לויפט צו, גיט אַ בליק אַפן נומער וואוהין דאָס גלעקל האַט גערופן און ווערט פאַרשוואונדן אין איינעם פון די זייטן צימערן...

אַ באַאַמטער מיט אַ בוך אונטערן אָרעם קומט פון אַ טיר אַרויס. דער שווייצאַר לאָזט אים אין דירעקטאָריום אַריין און אַליין זעצט ער זיך צוריק אַף זיין פּלאַץ, שטופּט דערווייל אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס, שלעפּט אַרויס עטלעכע זילבערנע מטבעות און ציילט אין דער שטיל דאָס דריבנע געלט. געוויס דאָס טרונקגעלט וואָס ער האַט אין אוונט פון די הערשאַפטן באַקומען... פאַרלעגט אַ פוס איבער אַ פוס און נעמט זיך דרייען די וואָנצעס אַרויף, שטאָלץ מיט זיין וויכטיקן אַמט, צי אפשר מיטן טרינק־געלט...

ס'איז מורא'דיק שטיל הינטער דער טיר. ס'הערט זיך נאָר אַפט אַ זיפץ אַרויסגעריסן פון אַ צעוויטיקט קאָלאָניסטיש האַרץ אָדער דאָס שור־שען פונם טיכל, מיט וועלכן דאָס ווייבל פונם הרוג ווישט זיך די טרערן,

וואָס רינגען, קאַפּען און ווערן פארשלונגען אין דעם האָריקן פּוכיקן קאר־
פּעט און עס בלייבט שטענדיק דארט אלץ טרוקן דאס פלאַץ...

אַ געוויסער אויפטו איז דער קארפּעט. אז ניט וואָלט אָפּט מאָל נאס
געווארן דער פאָל.

די אלע אלט פארגאנגענע הארצרייסענדע, טרויעריקע בילדער
שוועבן מיר פאר די אויגן און איך זיץ און וואַרט.

XXVIII

מיין אוידיענץ באַם דירעקטאָר ש״מעט

דער דירעקטאָר איז סימפּאַטיש און העפלעך. — זיין קוק אַף די קאָלאָניסטן. — אַלע זענען זיי באַ אים אַ בינטל שענקאַרעס און קרעמער וואָס ווילן קינדער דאָקטוירים. — די יק״א האָט אויסגעלאָדן דאָיענס ערד פאַר זיך. — דער היקעוואַטער איך רעדט. — דער אורטייל איז אַן אַנטשידענער. — „ס׳איז מיר אַ שאַנדע די „דזשואיש״ זאָל אַזוי האַנדלען“. —

דער אַלטער יק״א זייגער האָט אויסגעשלאָגן האַלב עלף. דער נייער שווייצאַר, וואָס האָט מיך געקענט, און ווי דער מנהג איז, זיך אַפּילו ביז אין דער אוידיענץ שטונדע ניט אומגעקוקט צו אונדז, איז צוגעקומען און מיינע זכרונות פאַרטריבן.

— דער נאָמען און די קאָלאָניע? — גיט ער אַ פרעג. איך האָב אים מיין וויזיט קאַרטל געגעבן און אויך אונטערגעצייכנט דעם אַלטנס נאָמען. ער האָט אַפן קאַרטל אַ בליק געטאָן און געזאָגט פריינדליך:

— אָ, זי זיינען עס! איך האָב געהערט פון אייך... אָבער — גיט ער צו — דער הער ווענעציאַני רייזט היינט אָפּ מיט דער שיף נאָך פּאַריז. ער איז שוין באַם פאָרט. זיי וועלן שוין בלויז קענעןריידן מיט איינעם, מיט דעם נייעם...

און ער פאַרשווינדט אין טיר.

דער אַלטיטשקער אַברהם דאַיען האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— דער אומגליק פאַרפאָלגט מיך... אַז ווענעציאַני איז ניטאָ... דער נייער איז גאָר אַ גזלן...

דער שווייצאַר מיטן וויזיט קאַרטל האָט זיך אין טיר פון דירעקטאָריום באַוויזן, צו אונז אַ וואונק געגעבן און אונז אַריינגעלאָזט אין זאַל.

אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ נאַקעטן קאָפּ און אַ סימפּאַטישן פּנים, האָט אונז ביידן זייער פריינדליך אַף דער באַגריסונג געענטפערט און שטולן צום זעצן זיך אָנגעוויזן.

— האב איך די עהרע צו ריידן מיטן דירעקטאָר ש.?

— יאָ, סעניאָר אַלפערסאָן, עס פרייט מיך צו קענען אייך. איך האָב פון אייך פיל געהערט.

נאָכן טוישן זיך מיט די צערעמאָניעלע העפליכקייטס ווערטער זיינען מיר צוגעקומען צום תוך פונם וויזיט.

— איך בין דא געקומען — הויב איך אָן — מיט א געפערלעכן קראַנקן, עס שטייט אים פאָר א ריזיקאַלישע אָפּעראַציע און ער איז נעבאך זייער דערשראָקן, ער קען זיך נים אויסריידן מיט די פראָפעסאָרן...

דער דירעקטאָר האט גלייך פארשטאַנען וואו איך ציל און אויפציענדיק זיין ברייטן שטערן, האט ער מיט א מיטפילנדן טאָן געזאָגט:

— יאָ, א קראַנקער! — האבן מיר אים פיליכט קראַנק געמאכט? דער מענטש האָט זיך קאָנקורסירט, די בעל חוב'עס האָבן אַלץ בא אים צוגענומען, צוזאמען מיט זיין לאַנד, וועלכעס איז אייגענטלעך אונזער לאַנד... נו, האבן מיר דורך אונזער אַדוואָקאַט אויסגעלאָדן און אפגענומען באַם סינדיקאָ — באַטאָנט ער — ניט בא אים, אונזער לאַנד... אַלזאָ וואס האט דער מענטש צו אונז?

און ער נעמט זיך מיר אויסרעכענען נאָך פיל אזעלכע גערעכטיקייטן, וואס די אַדמיניסטראַציע טוט; אַלץ איז בא אים לעגאַל, מיט צדק און מיט יושר און פירט אויס, אז די שולד פון אַלע שלעכטיקייטן פאַלט אין גאַנצן אף די קאָלאָניסטן... זיי זיינען א שלעכטער עלעמענט פאַר קאָלאָניזאַציע, — רעדט ער אין דער שטיל — א קליינעם נישטיקן דור האט דער גרויסער באַראָן געטראָפן... א בינטל שענקאַרעס, קרעמערס, לופט מענטשן. זיי האבן ליב די שטאָט, טרייבן לוקסוס, לאָזן שטודירן די קינדער; דאָקטוירים, איזשינירן, פראָפעסאָרן מאכן זיי פון זיי, נאָר נים קיין ערד ארבייטער... איך בין מסופק — האט ער א זאָג געטאָן — אין דער גאַנצער ארגענטינער קאָלאָניזאַציע.

איך בין געזעסן ווי אף הייסע, ברענענדע קוילן. דאס פנים האט מיר געברענט פון שאַנדע, וויסנדיק אז אין פיל פרטים האט ער נעבאך רעכט. הגם ווען מען וויל זיך אביסל פארטיפן אין די אינערלעכע סיבות פון די אַלע חסרונות, וואס ער האט אויסגערעכנט, פאַלט דאָך ניינציק פראָצענט פון זיי, אף די רביים, אף די מנהיגים פון דער קאָלאָניזאַציע...

איך האב אים געלאָזט ריידן און ער האט גערעדט היים און מיט הארץ. איך האב א טראַכט געטאָן: אונזערער א רוסישער איד, אָן ערלעכער

מענטש... די אידייע טוט אים באמת וויי... און האָב שוין די אַלע גרויל־טאַטן וואָס מדערציילט זיך אָן וועגן אים, צונערעבנט צו זיי, צו די גדר־לים אין פּאַריז, בּאַ וועלכע ער איז געבעך נאָר אַ שמעקן אין די הענט...

ווען ער האָט געענדיקט ריידן, האָב איך געבעטן דאָס וואָרט און אים גענומען איבּערווייזן, אַז דער אָרעמער דאַיען איז ניט איינער פון די אַלע אויסגערעכנטע זינדער; ער האָט קיין קינדער ניט געלאָזט שטודירן; פינף און צוואַנציק יאָר אַז ער אַרבעט זיין פעלד, אַרבעט שווער און ביי־טער, האָט אַ פּאַרמעגן געמאַכט, נאָר שווינדלער האָבן אים אין אַ נעץ פאַרנאַרט, אין אַ קרעדיט מיט טובה־וועקסלען פאַרוויקלט און מיט אַ פאַלשן באַנקראָט אַריינגעפירט, — ער איז פשוט אַ קרבן פון דער צייט...

דער אַלטער א. דאַיען כאַפּט אונטער:

— איר זאָלט וויסן, הער דירעקטאָר, אַז איידער איך האָב די קרעדיטאָרן פאַרזאַמלונג גערופן, בין איך דאָ אין ביוראָ געווען און האָב דעם דירעקטאָר ווענעציאַני אַלץ דערציילט, אַז די שווינדלער שאַרפן זיך די ציין אויפן לאַנד, אַז זיי וועלן בּאַ מיר צונעמען די ערד און ווענעציאַני האָט מיר געזאָגט איך זאָל פאַר זיי קיין מורא ניט האָבן, איך זאָל נאָר זאָגן אַז די ערד איז דער יק״א׳ס, וועלן זיי מיר שוין גאָרניט קענען טאָן קיין שלעכטס... און איך האָב געפאָלגט...

דער נייער דירעקטאָר האָט אויסגעהערט און געענטפערט:

— נו, האָבן מיר דאָך אויסגעלאָדן... וואָסזשע ווילט איר? זאָלן מיר צוריק דאָס אייך אָפּגעבן? איר ווייסט וויפיל דאָס לאַדעניש קאָסט אונז? היינט וואו זיינען אייערע שולדן? די אַלע הינטערשטעליקע יערלעכע ראַ־טעס? דאָס לאַנד איז אונזערס און מיר וועלן אויף אים נייע אימיגראַנטן קאָלאָניזירן, אַ בעסערן עלעמענט פון אייך...

ס׳איז מיר געווען אַ וואונדער; דער אַלטער היקעוואַטער דאַיען האָט בּאַ דעם שאַרפן, ביטערן ענטפער ניט געחלשט און אויך זיך ניט צעוויינט, ווי איך האָב יענע רגע גערעכנט עס זאָל געשעען, נאָר שטאָלץ האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם שטול און מיט אַ שפּאַטישן ווי געענט־פערט:

— הייסט דאָס אַז די יק״א וויל מיך ר א ־ ר א ־ ר א ־ ב ע ו ו ע ן? צע ־ ע ־ ע ־ ע־ ען אַגולידאָרן האָב איך איינגעצאָלט, פאַר אַ האַלב פעלד שוין באַצאָלט מיטן כשרן פּראָצענט, נאָט זעט די קוויטאַנציעס... — און

ער ווארפט אים גלייך די צען קבלות אפן טיש. — איך האב מיין לאנד אלפאלפירט, אלאמברירט, די אדמיניסטראציע האט מיר גארניט נעגעבן.. דריי הייזער האב איך אף מיין לאנד אויסגעבויט, מיט מיין שווייס און בלוט האב איך עס דערווארבן... מיין ארעמע פרוי איז פון דער שווערער ארבעט פאר דער צייט געשטארבן און איצט, אף דער עלטער, ווייל די יק"א מיך אפראבעווען... מיך אף דער גאס ארויסווארפן, צונעמען מיין לאנד, וואס האט די ווערט צען מאל אזויפיל ווי פיל ס'האט געקאסט? ראבעוועט, ראבעוועט! און ער שטרעקט אויס די געקארטשעטע מאזאליע־האנט אקעגן דעם בילד פון באראן וואס הענגט דארט, און זאגט:

— שיין אויסגעפירט, באראן הירש!..

דער אלטער היקעוואטער איד האט געענדיגט, האט זיך אריינגע־זעצט צוריק אין שטול און אויסגעשטרעקט שטארצאם זיינע בליקן אפן נייעם דירעקטאר.

מיין הארץ איז מיר איבערפולט געווארן, הערנדיק דעם כבד פה אזוי גוט און גיפטיק ריידן. איך האב שוין מער גארנישט באדארפט זאגן. ס'איז דאכט זיך געווען גענוג געדבר'ט איבער גענוג.

דער דירעקטאר איז געזעסן אראפגעלאזט דעם קאפ. ס'איז ניכר גע־ווען, אז די רייד פונם אלטן האבן אים גערירט, האבן ארויסגערופן א מלחמה אין זיין הארצן; מענטש און באאמטער האבן געשטריטן. איך האב באמערקט ווי בלויע אדערן באוועגן זיך קאוואולסיוו אף זיין ווייסן קאלן קאפ, ווערן אנגעפילט, נעמען זיך צוקן און ווערן פארשוואונדן. יושר מיט טשינאווניק קעמפן איצט אין זיין נשמה — טראכט איך אין מיר.

ער האט זיך א דריי געטאן, א דריק געטאן א קנעפל אפן טיש.

אויגנבליקלעך האט זיך א באאמטער באוויזן.

— ברייננט מיר די קארעספאנדענציע פון מאוריציא פון חודש אפ־ריל אין יאר 1901! — באפעלט ער דעם דינער.

דער באאמטער האט באלד א דריי־חדשים'דיקן קאפיר־בוך מיט גע־לע פאפירן אפן טיש אוועקגעלעגט.

דער דירעקטאר האט גענומען מישן, בלעטערן די אלטע פאפיראס־פאפיר זייטלעך.

— איר האט גארניט באקומען פון אונדז, סעניאר דיין? — פרעגט ער דעם אלטן, — בלויז די נאקעטע ערד? און מילך קי, רעמאנענט?

— ניין, סעניאר! — ענטפערט דער אלטער. — קיין מילך־קי האט

אברהם דאיען

מען מיר ניט געגעבן און דער רעמאַנענט איז צו דער ערד צונערעכנט געוואָרן. איך בין דאָן, אין 1892, רייך געווען. איך האָב אַ סך גאָלדענע פראַנק־שטיק פון פאַריז מיטגעבראַכט. דר. זאָנענפעלד האָט מיך פון דאָרט קאָלאָניזירט.

עס זיינען אריבער אַ פּאָר מינוט. דער דירעקטאָר האָט דעם פּענסנע פון זיין אידישער נאָז אַראָפּגענומען. דער יק"אַ־באַאַמטער, דער מושל, דער זעלבסטהערשער האָט זיך אָף אים באַוויזן... און לאַנגזאַם, בנעימות האָט ער די ווערטער געציילט:

— איר הערט, סעניאָר דייען! דאָס לאַנד קענען מיר אייך צוריק ניט געבען. מיר מאָרן אייערע קרעדיטאָרן ניט נאַרן. מיר האָבן באַ זיי אונדזערס אָפּגענומען און מיר'ן מיט דעם לאַנד מאַכן וואָס מיר דאַרפן מאַכן...

— הייסט עס, פשוט, איר וואַרפט מיך אַרויס אָף דער גאַס? האָט איר גאָר קיין רחמנות ניט אָף אַן אַלטן מאַן? וואוהין זאָל איך גיין?

— און וואוהין וועל איך גיין מאָרגן, ווען מ'זאָגט מיך אָפּ פון דער שטעלע? — פרעגט דער דירעקטאָר בתמימות. — פאַר זקנים איז פאַראַן אַ מושב זקנים אַ שיינער, אין בוענאָס איירעס!.. מיר וועלן אייך אַרויסוואַרפן, הער דייען, און זאָלן די קאָלאָניסטן וויסן ווי צו לאָדן זיך מיט אונדז!..

דער כבר פּה האָט נאָכאַמאָל געוואָלט ענטפערן, איך האָב אים אָבער אַ וואונק געגעבן ער זאָל זיך אַרויסגיין און מיך לאָזן מיטן דירעקטאָר אַליין.

ווען איך בין מיט אים אַליין אויג אָף אויג געבליבן, פרעג איך אים:

— איז דער אורטייל אייערער ווענן אַלטן אַ באַשטימטער, אַן אָנט־שידענער?

— מיר מוזן, הער אַלפערסאָן, דאָס מאַכן, — ענטפערט ער, — אונדזערע פרינציפּן פאָדערן דאָס.

— איך פאַרשטיי ניט, סעניאָר ש., ווי אַזוי נעמט די „דזשואיש", די אידישע קאָלאָניזאַציע, באַ איינעם צו זיין פאַרמעגן, זיין 25 יעריקע האָרעוואַניע? ווי אַזוי נעמט מען יענעמס צו?

— וואָס איז, מיר נעמען דאָס חלילה פאַר זיך? מיר וועלן דאָס אַוועקגעבן אַנדערע אידן...

— ווילט איר, הייסט עס, מיט דעם אָרעמענס 25 יעריקע פּראַצע גוטס טאָן?

— ס'קומט אונדז געלט, סעניאָר! — זאָגט ער שוין נערוויאיש...

— טאָ נעמט איך אָפּ פאר אייער געלט אַ שטיק פעלד לויט איצטיקן פרייז. און דאָס רעשט פעלד מיט די אלע בנינים, אויב ס'פּאסט אייך ניט פאר די קרעדיטאָרן אים, דעם אלטן, דאָס אָפּצוגעבן, קענט איר דאָס זיין זון אוועקגעבן, און זאָל דער אלטער 67 יעריקער אומגליקלעכער האָבן וואו צו שטארבן... ס'איז מיר אַ שאנדע די „רזשואיש" זאָל אזוי האנדלען, סעניאָר!

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ פּאָר מינוטן צייט.

— נום, — זאָגט ער — איך וועל שרייבן צום אדמיניסטראטאר, מעגלעך אז איר האָט רעכט... הגם איך האָב אַ קליינעם צוטרוי צו זיין זון אויך...

ער האָט מיר געגעבן די האנט, א סימן אז די אוידיענץ איז געענ־דיקט און איך האָב פארלאָזן דעם זאָל.

XXIX

אף דער פאלטער באנק

אינקוויזיציע בילדער. — שרעק און בושה. — פרישע געדאנקען. — מאכיו טשאפלין. — דעספאלכאס זיינען קיין גיים נים. — דער גייער גייט אין די אלטע וועגן. —

ווען איך בין פונם דירעקטאָריום ארויסגעקומען, איז קיין מענטש אין ווארט צימער שוין נים געווען, בלויז דער אלטער דייען איז זיך געזעסן צוזאמענגעקאָרטשעט, אריינגענומען דעם ווייסן קאָפּ אין זיינע ציטערנדיקע הענט און זיינע גלידער האָבן שטארק קאָנוואולסירט.

איך האָב קיין הארץ נים געהאט צוצוגיין צו אים; איך האָב פאר־שטאנען, אז די אלע איינגעהאלטענע ליידן, דער גרויסער צער און פאר־דרוס, האָבן ערשט איצט אָף אים געווירקט און אים דערשיטערט. מ׳מוז אים לאָזן א ביסל, טראכט איך זיך. איך האָב זיך אנטקעגן אָף דער שטרויענער קאנאפע אוועקגעזעצט און זיך גענומען איבערחזר׳ן דעם די־רעקטאָרס לעצטע רייד:

„איך וועל שרייבן צום אדמיניסטראטאר"...

אָן אומפארשעמטער, באנאלער ענטפער, וואָס איז שגור ביי די מושלים אין מויל... אָרעמער דייען!

די זון אויבן, האָט אריינגעשיינט דורך דעם איין און איינציקן הימל־פענסטערל אין ווארט־צימער, האָט זיך א פנים פארשעמט צוצוקוקן דעם הימל־שרייענדן אומרעכט און האָט געכאפּט א שטיקל שווימענדן וואָלקן און זיך דאָס פנים פארשטעלט.

אין דעם פירעקיקן חדר איז טונקל געוואָרן. אָן אימה איז מיך פלוצים באפאלן: ס׳האָט זיך מיר געדאכט: — איר ווייסט וואָס? וואָס א גע־דאנק קען איינפאלן! — אז איך בין אין אָן אונטערערדישן אינקוויזיציע־קעלער אריינגעפאלן. אָט ליגט דער אלטער איד אָף דער פאלטער באנק און צוקט מיט אלע זיינע אברים... אָט עפנט זיך א טיר, א מאנאך לויפט דורך, בויגט זיך מיט יראה אין דרייען, ווען ער דאַרף אריינגיין אין דער

גרויסער צעדער־טיר, וואו ס'זיצט דער הויפּט אינקוויזיטאָר... אַט קלינגט דאָס גלעקל...

דער געדאַנק האָט מיך געשראָקן און מיך אויך אין אַ בושה אריינ־געטריבן:

ווי שעמט זיך ניט אַ מענש מיט געוויסן צו טראַכטן וועגן דער הויכער פילאַנטראָפּיע אַזאַ אומגעלומפּערטע זאַך! גלייכען דאָס הויז פון נדיבות, פון אידעאַל, פון הומאַניטעט, דאָס הויז פון באַראָן דע הירש, צו דער שרעקליכסטער פון אַלע שרעקן; צום הויז פון דער בלוטיקער אינ־קוויזיציע!..

די רעיונות האָבן זיך אין מיר גענומען שלאָגן. געדאַנקען שלאָגן זיך אויך! איר לאַכט? איר מעגט לאַכן!

דער ערשטער געדאַנק איז געשטאַנען אַף זיינעם:

האָט דען דער דירעקטאָר דיר ערשט ניט געזאָגט: „מיר מוזן אָנלער־נען די קאָלאָניסטן, די אפּיקורסים", ד. ה., מיר וועלן אָפּערן דעם אלטן, די אלמנה מיט די יתומים פאַרן אידעאַל... מיר דאַרפן ניט קוקן אָפן פּרט". נו, איז דאָס ניט אַן אמת'ער יעזואיטישער אָרדן, בא וועלכן דער צוועק הייליקט די מיטל?

דער צווייטער געדאַנק, דער שעמעדיקער, האָט זיך געקרימט: אסור אויב מ'מעג אזוי טראַכטן! גלייכן די עדעלע דירעקטאָרן צו יענע פאַר־דאַמטע שווארצע?...

אַ חרפה, כ'לעבן!

פאַר מיינע אויגן האָבן גענומען דורכשוועבן אַלע דירעקטאָרן מיט זייער עדעלער געשטאַלט, פון דעם דאָקטאָר לעווענטאַל ביז צו דעם עפּענ־די ש—מעט פון דער ארץ הקדושה. דוכט זיך, אזוי פיין און אייניקע פון זיי נאָך אזוי באַרמהערציק פרום!..

— נו, און טאָרקוועמאַדאַ? — זאָגט מיר דער ערשטער רעיון, — איז דען ווינציק פרום געווען? האָט אים דען באַרמהערציקייט געפעלט? האָט אים דען ניט וויי געטאָן ווען ער האָט זיין אָפּער געברענט? נאָר דער אידעאַל פון דער דריי אייניקייט איז בא אים פיל העכער געשטאַנען... וואָס איז איין מענטשנס לעבן צי עטלעכע מענטשנס ליידן נחשב קעגן דעם אייביקן אידעאַל?

האָסטו דען ניט געזעען, גולם, ווי בלייך דער דירעקטאָר איז געוואָרן, ווען ער האָט זיין לעצטן אורטייל דעם אַלטן דאַיען אַרויסגעזאָגט: „מיר

וועלן אייך ארויסשמייסן!.. און זאָלן די קאָלאָניסטן וויסן ווי צו לאָזן זיך מיט אונדז!"... געוויס טוט אים וויי, — אָבער די קאָלאָניזאַציע איז אים פיל טייערער...

די געדאַנקען האָבן זיך אין מיר געמישט, האָבן זיך געאַמפּערט, געשטריטן און מיר האָט געברענט אין מח די פראַגע און ווי מיט שפּיז־לעך געשטאָכן: ווער און וועלכער פון דיביידע געדאַנקען איז דער ריכ־טיקער? און איבערהויפּט, צי איז דער אורטייל שוין אַ פאַרשלאָסענער? צי מוז דאָס שוין אייביק אזוי בלייבן? דער זיגל פון דער אייביקייט ליגט דאָך אַף דעם פּראָבלעם! די טרערן פון די געדרויבטע טריקענען דאָך קיינ־מאָל ניט אוים!.. וועט דאָס אזוי שוין אייביק פאַרבלייבן? אַרעמע מענטש־הייט!

פון אויבן האָט מיר אַ ניי ווינטל אַ פרישן געדאַנק צוגעטראָגן, אַ יונגעטשקן, אַ מאָדערנעם: אַלטע רעיונות פאַרשימלטע פאַראורטיילטע... צו וואָס איז דאָס חקרנ׳ען? פרעגט דער יונגער, צי ווייסט איר דען ניט אז די גאַנצע עקזיסטירנדע אָרדענונג איז פויל, פאַרדאָרבן, געוויסנלאָז און נשמה־לאָז? ווי ווילט איר פון דער פאַרפעסטעטער הארצלאָזער אָר־דענונג בעסערע מנהיגים ווי די ארויסבאַקומען? קען מען פון אומריינע, אומווירדיקע שיינס און זויבערס ארויסנעמען?... יעדער דור פאָדערט זיינע פירער — און ווען ס׳מאַכט זיך איינער ווערט פאַר דער צייט גע־בוירן, איז וויי צו אים... אָבער וואַרט, וואַרט, ס׳קומט די צייט, ס׳איז שוין געבוירן דער טאָג, ער איז שוין אין וועג! אַ נייע וועלט ווערט גע־שאַפן, צעבראָכן וועלן ווערן אַלע באַ־מהער־ציקע אינסטיטוציעס, פון דער שטיף קאַסע ביז אין דעם אינוואַלידן הויז, וואו דאָס רחמנות גיסט זיך ווי וואַסער, אַלע שטאַטלעכע ראַט־הייזער, אַלע געבעט־הייזער זיינען דאָך מיט די פעדעם פון היפּאָקריטישן עיפּוש און פּעכט דורכגעפלאָכטן... צום טייפל וועלן זיי גע־שליידערט ווערן, נידערקניען וועלן זיי אַלע פאַר דעם געזונטן זויבערן נייעם דור! אַלע פילאַנטראָפּן, די וואָס האָבן זיך מיט דער חצופה „רחמנות“ זייער שאַנדע פאַרדעקט, וועלן נאַקעט מיטן דער חרפּה שטיין בלייבן... ס׳קומט דער טאָג! ער איז שוין ניט ווייט!..

ווער ווייסט וויפיל איך וואָלט נאָך אזוי געוועזן געטראַכט. ווען אַ האַנט וואָלט מיך ניט געוועקט אַ לייכטן ריר טאָן:

— וואָס זיינט איר אזוי פאַרטראַכט?

איך קוק זיך אום, ס'איז מאסיו טשאפלין, און אלטער יס"א באמ־
טער נאך פון גאר די ערשטע יארן. ער האט שוין זעקס דירעקטאריומס
איבערגעלעבט און איז מיינער א גוטער ברודער.

— וואס איז מיטן אלטן? — גיט ער א פרעג, ניט חלילה אויס
רחמנות, ווייל ער איז שוין צו אזעלכע זאכן ווי א קברות מאן צו א בר
מינן געוואוינט, נאר פשוט אויס נייגעריקייט.

ער נעמט ארויס זיין זייגער, גיט א קוק:

— איך האב נאך אכט מינוט צייט, ביז דער שווייצאר וועט די
ביורא שליסן. קומט צו מיר אין „אפיסינע", — זאגט ער צו מיר, —
פון אייך וועל איך וויסן וואס פאר א קורס, וועלכע ווענדונג דער נייער
דירעקטאר נעמט אן. ער איז דאך אייגנטלעך ערשט היינט אפן דירעק־
טאר־ביינקל ארויף. ווענעציאני שיפט זיך נאך אפן לא פלאטא...

איך בין מיט אים אין זיין צימער אריין. איך האב פאר אים אלעס
פון דער אוידיענץ איבערדערציילט און האב באדויערט די איצטיקע צייט.

— אין דער צייט פון קאזעס מיט הירש'ן וואלטן קיינע דעסאלאכאס
ניט פארגעקומען, — זאג איך.

דער אלטער באאמטער האט א שמייכל געטאן, האט אויסגעשטרעקט
די האנט צו א קאפיר־בוך און זאגט:

— נאט, ערשט האט דער דירעקטאר געפאדערט אט דעם בוך פון
מאוריציע, ער ליגט נאך דא אפן טיש. ער נעמט און מישט אויף דאס
יאר 1899, דעם חודש נאוועמבער און ווייזט מיר א בריף צום דאמאלס־
דיקן אדמיניסטראטאר באב.

דער בריוו לייענט זיך אזוי:

„סעניאר אדמיניסטראטאר פון מאוריציע, ארטור באב.
מיר מעלדן אייך אז אונדזער אדוואקאט פון נועווע דע כוליא, סע־
ניאר קאברערא, האט אויסגעווירקט באם כועז דעסאלאכאס פאר פאל־
גענדע פיר קאלאניסטן: שלמה הארישניק, מארקוס פיינגאלד, לעאן קאר־
מאן און איסאק טאבאקמאן. דער ארדער איז שוין געגעבן געווארן צו
דער פאליציי זיי ארויסצושמייסן.

אונטערגעשריבן:

גענעראל דירעקציע אין בוענאס איירעס, דעם 14־טן
נאוועמבער פון 1899, ש. הירש און ד. קאזעס".

אלע בלוטן זיינען מיר אין פנים אריינגעקומען לייענענדיק דעם דא־

זיכן בריוו. א קללה, א שרעקלעכע, האָט זיך פון מיינע ליפּן ארויסגעריסן אויף דעם גוטינקן, פרומען הירש.

דער אלטער באַאַמטער פון דער יק״א האָט זיך צעלאַכט:

— שעלט אים נים, דעם פרומען הירש — זאָגט ער — ער איז גאָר א דימענט פון א מענטשן געווען, נאָר די נעזעלשאַפט האָט זיך אירע וועגן, אירע צילן, אירע קאפּריזן, איר אידעאל; זי רעכנט זיך נים מיט קיין פערזענלעכעס, מיט קיינע סענטימענטן... דאָ איז ניטאָ קיין הארץ...

דאָס גלעקל האָט א קלונג געטאָן.

— מ'שליסט די ביורא — האָט דער באַאַמטער באמערקט, — קומט! שבת ארבעטן מיר נאָר א האלבן טאָג. אדיאָס, אמיגאָ! איר זעט? — קוועטשט ער מיר באַם געזעגענען זיך די האַנט, — דער נייער גייט אויף דעם אלטן אויסגעטראָטענעם וועג...

מיין אלטיטשקער אברהם דייען האָט זיך געפילט זייער שלעכט. דער גוטער מאַסיו טשאַפּלין האָט מיר געהאָלפן אים אראָפּפירן די מאַר־כאָר טרעפּ. איך האָב צוגערופן אַן אויטאָמאָביל, אים, קענן זיין ווילן, אריינגעזעצט און בין אויף דער אבסניה אוועק.

XXX

דעם נייעם דירעקטאָרס הומאַניטעט

„דאָ איז ניטאָ קיין הארץ“... — ניטאָ קיין אבסאָלוטע שלעכץ. — דער חסד מיט אברהם דאַיען. — דער גוי האָט געיאָכט. — דאַיען שטאַרבט אף דער אַנדער זייט פון זיין טשאַקרע. — די אַדמיניסטראַציע מיט די אַדוואָקאַטן פרעסן די פעלדער. —

אַ גאַנצען טאָג האָבן מיר נעגריזעט די נשמה מאַסיו טשאַפּלינס לעצטע ווערטער: „דאָ איז ניטאָ קיין הארץ“... פאַר וואָס? האָט דער דער באַראָן די געזעלשאַפט אָן אַ הארץ געגרינדעט? ווער קען עס לעבן אָן אַ הארץ? און וואו קומען אהין די מענטשלעכע עדעלע געפילן? זאָל עס אמת זיין, אַז דער כהן גדול וואָס דינט אין טעמפּל פונם נאָט מאַמאָן, איז אָן אַ הארץ? צי ער טראָגט גאָר אַ גאָלדענע הארץ...

פאַר וואָס רויבט מען אָפּ דעם אַלטן? וואו איז דאָס רחמנות אף דער פרוי מיט די קינדער פונם הרוג יאַנקל שאַראַשאַנסקי? און פאַר וואָס נעמט מען צו באַ שיינדל לעדערמאַן דאָס לאַנד?...

פאַר די אויגן האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון שיינדל לעדערמאַן. אין 1898 האָט זי די צווייטע פרעמיע פון דער גאָרטנוואַרג־אויסשטעלונג באַקומען. אַ „טיכטיקע ארנטלעכע קאָלאָניסטקע“ — האָט דער אַדמיניסטראַטאָר באַב אף איר געזאָגט. איך האָב זי געזען מיט די באַרוועסע פיס ליים קנעטן אין 1892; אַ שטוב, אַ נעסט פאַר אירע פויגעלעך האָט זי געבויט... איצט איז זי טויט, אוועקגעפאַלן פאַר דער צייט, און די פילאַנטראָפּיע שמייסט ארויס אירע קינדער פון דעם זעלבן הויז וואָס זי האָט מיט איר בלוט און שוויס, מיט איר מוטער ליבע געבויט... וואָלט דאָס דער באַראָן אַליין, ווען ער לעבט, אויך געטאָן?

— ניין! — דיקטירט מיר דאָס געוויסן — ליבער וואָלט ער אַלע זיינע מיליאָנען אין טיפן אָקעאַן ארייננעוואָרפן און פאַרשפּאָרט דער מענטשהייט אַזוי פיל ליידן און צער.

— און דער אידעאַל? — טראָגט זיך ווי אַ בליץ דורך מיינע געהירן, — אָט דער נאָבעלער רעיון צו מאַכן אידן פאַר ערד אַרבעטער?...

— גוואלד! אידן פארקויפן די ערד צו גויים, נעמען זיך צוריק צום שאכער, טרעטן מיט די פיס די שיינע, הויכע געזונטע אידייע... און די פירער, די מנהיגים? זיי שטופן נאך אונטער. פאר וואס? און ווער פון דיביידע האט די גרעסערע שולד?...

איך קען ניט אורטיילן, איך בין צו נאנט צום פארהאנג פון דער קאלאניזאציע בינע. די סצענעס קריכן מיר צו פיל אין די אויגן, די ביל־דער זיינען צו שטארק בולט. דער שפעטערער, דער ווייטערער, דער היס־טאריקער, ער וועט אמאל אויסגעפינען און וועט אורטיילן ווער פון די ביידע, די פאסטוכער צי די שאף, האבן דעם גרעסטן חלק אין דער שולד. איך וועל אייך נאר איבערגעבן ווי אזוי ס'איז געווען.

ריכטיק האבן די אלטע געלערנטע באשטימט, אז קיין „רע מוחלט“, אבסאלוטע, ריינע שלעכץ איז אף דער וועלט ניט פאראן, אין יעדער שלעכטער זאך, אין יעדן געפערליכן עיפוש, פעסט, מגפה, גיפט, סם, איז פאראן עפעס גוטס, אפילו דער טויט אליין איז אויך ניט קיין גאלע „רע“, עטוואס גוטס מוז זיך אין דעם געפינען. ס'איז א געזעץ אין דער נאטור, אז דאס אבסאלוטע שלעכץ זאל ניט קענען עקזיסטירן, ס'מוז אין זיך עטוואס פונם חלק הטוב פארמאגן.

אט די אלטע לערע האבן די קאלאניסטן ערשט ריכטיק פארשטאנען צוזעענדיק די שיינע הומאנישע מעשים, וואס האבן זיך ארויסגעשיילט פון די אלע גרויזאמע טאטן מיט וועלכע ס'האט זיך ארומגעהילט די פער־זאן פונם נייעם דירעקטאר און אף זיי אנגעיאגט א מורא און א שרעק. מיט דעם חסד וואס דער נייער האט מיט דעם אלטן א. דאיען געטאן איז דער פחד פאר אים און פאר זיין גרויזאמען שם פיל געמינערט און קלע־נער געווארן. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז חלילה ניט ערגער פון די פריערדיקע און איז אויך ניט קעגן דער נאטור, ער איז ניט הוילע שלעכץ, גאלע רע, ווי מ'האט געדיינקט; להיפוך, אייניקע האבן געדרונגען, אז דאס איז ריינער חסד מיט רחמים, קלארע זויבערע הומאניטעט.

ס'איז, דאכט זיך, כדאי עס צו פארצייכענען. פונם בית המשפט צוריקרופן דעם פראצעס אף די דריי אנגעגעבענע: לעדרמאן, אלמנה שאראשאנסקי און א. דאיען, דאס האט דער נייער ניט געטאן, פאר א גאנץ פשוט'ן טעם: ניט צו שאדען חלילה דער דיסציפלין. „למען ישמעו ויראו“, בכדי דאס פאלק זאל הערן און זאל מורא האבן, דאס האט נאך

גאָט אליין אונדזער משה'ן געזאָגט. ס'איז אַן אַלטע געטלעכע טעאָריע, בדוק ומנוסה פאַר די מושלים.

מילא, דער פּסק־דין איז אַרויס: דעסאַלאַכאַ, און איז גלייך טאַקע אויסגעפירט געוואָרן, נאָך איידער איך בין מיטן אַלטן דאַיען אַהיימגעקומען, איז שוין זיין פעלד צו אַ גרינעם אָוועקגעגעבן געוואָרן. געהאָלפן דאָרין האָט דאָס השתדלות פון איינעם אונדזערן אַ קהלם מאַן און אויך אַ ביסל פון דעם מין וואָס מאַכט בלינד די זעענדיקע. מיט די ביידע זכותים האָט דער גר נעבעך איבערגענומען דאַיענס פינף און צוואַנציק יעריקע פּראַצע און דווקא מיט מזל און ברכה דאָס געשעפט געמאַכט, ווייל אַמבראָסיאָ קאַלינאַרי, אַן איטאַליענער, האָט מיטן גרינעם באַלד אַ קאָנטראַקט אויף פיר יאָר געשלאָסן, אָפּדינגענדיק בא אים דאַיענס פעלד.

געלאַכט האָט דער קריסט פון מיר: — נאַ, זע, וואָס האָסטו דאָרט באַם גרויסן פּאַטראָן אין בוענאָס איירעס געפּועלט? מיר דאָ באַם קליינעם פּאַטראָן האָבן עס שנעלער און בעסער געמאַכט. אָט נעם לייען דעם קאָנטראַקט!..

אָבער ווייס איך וואָס אַ גוי לאַכט! איך האָב באַם גרויסן אָדון מיט מיין וויזיט יאָ געפּועלט. וואָס דען הייסט מענטשלעכקייט, הומאַניטעט? וואָס איך האָב געפּועלט?

די אַדמיניסטראַציע האָט געשיקט רופן דאַיענס זון, דעם בן יחיד, און האָט אים מיט דער דערלויבעניש פון דער דירעקציע אָנגעבאָטן צו פּאַרדינגען אים איינע פון זיין פאָטערס שטיבער אויף אַ גאַנץ יאָר פאַר אַ שיבוש געלט, פאַר פּופצן פּעזאָס מזומן, נים מער.

שפּעטער איז אַ קאָמיסיע פון קאָלאָניסטן נאָכאַמאָל צום דירעקטאָר געפאָרן און אַ „קינטע" פאַר אים, פאַרן זון, אויסגעווירקט און אויך איינע פון דעם אַלטנס שטיבער. אַ יאָ, אַ חסר? זאָל דער אַלטער שטאַרבן אין אַן אייגענער שטוב!..

דער אַלטער עקשן האָט אָבער שטאַרבן נים געוואָלט. זעקס יאָר בסדר האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט מיט זיינע זעקס מילך־קי, די שארית הפליטה וואָס איז אים פון דעם פינף און צוואַנציק יעריקן פאַרמעגן געבליבן, און פון זיי פלעגט ער זיין חיונה ציען. אָט מיט די בהמות פלעגן מיר אים זעען באַם שליאַך פּאַשען זיי אין דרויסן באַם דראָט פון זיין אייגן פעלד. און נים איין טרער פלעגט בא די דורכרייזנדע פון די אויגן פאַלן, נים איין קרעכץ פלעגט זיך מיט גוואַלד פון ברוסט אַרויסרייסן, ווען דער

אלטיטשקער היקעוואטער פלעגט זאָגן: נישקשה, איך וועל נאָך אַמאָל צוריק אָפּנעמען מיין פעלד, איך גיי פון מיין דראָט נים אוועק... די גע־רעכטיקייט וועט סוף כל סוף זיגן...

יאָ, דער אלטער האָט זיך נים געוואָלט אונטערגעבן, האָט נאָך אַלץ געגלויבט און געהאָפט. ערשט אין נאָוועמבער 1922 איז ער מיד געווארן און מיט אַ קללה אָף דער אַדמיניסטראַציע האָט ער זיינע אויגן אָף אייביק געשלאָסן.

משה לעדערמאַן האָט גאָר אָפּן פּסק נים געוואָלט ווארטן. ער איז תיכף קראַנק געוואָרן, איז אוועק אין אַ שפּיטאָל און דאָרט די גאַנצע וועלט געשאָלטן:

— פאַרוואָס קומען זיי נים, אונדזערע ברידער פון אייראָפּע, פון אַמעריקע, צו צעשמעטערן די מאַשין אָן אַ קאָפּ, די יק״א — האָט ער גע־טענה'ט. — וואו זיינען זיי, די גדולים? פאַר וואָס צעברעכן זיי נים דעם ערדענעם טרייפענעם טאָפּ, וואָס מ'קען אים שוין נים כשר'ן?.. פאַר וואָס קומען זיי נים ארויסטרייבן די כאַבאַרניקעס, די רעדל־פירער וואָס גע־מען לא יחרץ משאַקרעס אום צו פאַרדעקן זייערע מעשים?.. פאַר וואָס נעמען נים איבער אָרנטלעכע כלל טוער די מיליאָנען פון באַראָן?..

ער האָט זיך אַזוי געבייזערט, געקללה'ט, געפלוכט און אוועקגע־שטאָרבן.

זיינע קינדער אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען בלאָנקען איצט ארום אין דער פרעמד.

די אלמנה פונם הרוג שאַראַשאַנסקי, זי האָט זיך אָן עצה געגעבן, ווי איך האָב אויבן געשריבן.

אָט די טאַט פונם נייעס, מיט זיין הומאַניטעט, האָט אַ געפּערלעכן האַס אין דער קאָלאָניע ארויסגערופן.

די גרעסטע אידעאַליסטן האָבן קלעפּ געשפּיגן אָף דער גאַנצער קאָ־לאָניזאַציע.

פאַרקויפן! — האָט דורכגעציטערט די לופט. — פאַרקויפן און פּטור ווערן פון זיי! — איז די אומגליקלעכע שטימונג געוואָרן.

ס'זענען אָנגעקומען איטאַליענער מיט גראָבע בייכער און שווערע טייסטערס געלט, אָפּצוקויפן די לענדער. דער שוין דערמאָנטער משה דוד גרונמאַן, דער ערשטער וואָס האָט מיט זיין בלוט דעם מאַוריציער באָדן באַנעצט, און אויך זיין זון חנא, ביידע האָבן זייערע פעלדער, גערטנער,

סעדער, הייזער, פון דער שולע־גרופע 49, פארקויפט.

— מיר קענען נים לעבן — האָבן זיי געטענה'ט — אלע צוויי וואָכן לויפט אָן דער אדמיניסטראציע־אויטאָמאָביל מיט זיין עסקריבאנאָ, אגוא־סיל, צו מאָנען געלט, שלעפן אין כוזגאַדאָ אריין. פאר יעדן פייף פונם אויטאָ דארפן מיר צאָלן. מ'צאָלט פון דער „לעגוא", א פרנסה האָבן זיך די אדמיניסטראַדאָרן דערפון געמאכט! זעכציק פעזאָס א פאָר!..

— די אדוואָקאטן מיט דער אדמיניסטראציע וועלן אויפפרעסן דעם קאמפ! — האָט בעריש פינקעלשטיין פארזיכערט. — מ'דארף כאַפּן און פארקויפן, זאָל כאָטש עפּעס בלייבן!..

און ווי האָט דאָרט דער אלטער גערטנער אין אונדזער ארץ ישראל געזאָגט:

„בהדי הוצא לקי כרבא", מיט די שלעכטע גראָזן פליקט מען אויך די גוטע אויס.

עס האָבן שוין אין דער פארקויף־בהלה פארקויפט אזעלכע, וואָס האָבן לחלוטין נים באַדאַרפט פארקויפן. פשוט, אזוי, כדי איבערצוציילן דאָס געלט...

XXXI

דער יצר הרע פון נעלט

ווי דער קאלאניסט ד. נ. האט פארזארגט זיך און זיינע קינדער. — צווישן געוועזע־נע קאלאניסטן אין קאסארעס. — אראפ פון דרך הישר. — בערל בענקט נאך זיינע עופות. — דער שוחט קרעל האט אין קאלאניע קיין דאקטאר ניט געהאט. — פארוואס האט די יק"א ניט געגרינדעט קיין דערפער, נאר צעווארפן אונדז איבער זיבעצן מייל? — מחשבות. —

ס'איז מיר אפילו א חרפה, א בושה, דאס פנים ווערט מיר רויט פארן ווייסן פאפיר... אבער איך מוז עס שרייבן.

דעם 28־טן יאנואר 1917 בין איך געפארן אין שטאט אריין קיין קאסארעס. גראדע איז מיר באלד אנגעקומען אנטקעגן מיינער א פריינט, א שכן נאך פון דער „מאטושקא“ ארויס, דער קאלאניסט נ. וועלכער האט ערשט צוריק מיט א פאר טאג זיין טשאקרע מיט אלץ וואס אף איר פאר־קויפט און זיך אין שטאט באזעצט. דאס הארץ האט מיר האסטיק אנגע־הויבן קלאפן...

איך האלט איין די פערד און ער קומט צו. אפן קאלאניסטישן שטייר־נער שטעלט ער א פוס אפן טרעפל פון מיין קאטש, גיט מיר די האנט און מיר קוקן זיך אן. ער ווערט רויטלעך ווי א משומד ווען ער דערזעט דאס ערשטע מאל נאך דעם שמד זיינעם א נאענטן פון דער פאמיליע.

איך גיב א בליק אף דעם ווייסן קאלנער וואס שטעכט אים אין האלז, אף זיין אפגעוואשענעם פנים מיט שמעקנדיקע זייף און אף זיין גרווילע־כער צעקעמטער בארד און, ניט ווילנדיק, פיל איך אז אף מיין פנים צע־לייגט זיך א פאראכטונגס גרימאסע.

ער באמערקט דאס און מיט דארפישער תמימות זאגט ער צו מיר:

— איר לאכט פון מיר?

איך ווער ערנסט און צי צונויף דעם שטערן.

— צי אפשר באדויערט איר מיך גאר? גיט ער שוין א פרעג מיט מער פעסטקייט — האט ניט קיין מיטלייד מיט מיר, איך וועל ניט

דארפֿן שטיין מיט קיין קעסטל ציגארן צום פֿארקויפֿן, ווי איר האָט דאָס אין זאמל־בוך פֿונם „פֿארטיידיקער“ צוריק מיט עטלעכע יאָר געשריבן... איך — באַטאָנט ער — האָב מיר איבערגעלאָזט פֿונם פֿארקויפֿטן קאָמף געגוג געלט אָף צו לעבן. הלואי וואָלט איך נאָר אזוי פֿיל געלעבט...

— ווער זאָגט אייך דען, ר׳ דוד—ענטפֿער איך אים — ווער ווינטשט אייך דען אַזעלכעס חלילה?

— ווינטשן? וואָס איז שייך ווינטשן? — דערוווידערט ער שוין רואי־קער מיט אַ קוים פֿילבארער קלאָנגעדיקער שטימע. — איר מיינט איך פֿארשטיי עס ניט? צי אפֿשר קען איך קיין אידיש ניט לייענען? צי אפֿשר איז דאָס ניט אמת? איר האָט אָפּגעמאָלען אַן אלטיטשקן קאָלאָניסט וואָס האָט פֿארקויפֿט זיין קאָמף און איז איבערגעקומען צו שטיין מיט פּאַפּיראָסן אין גאַס און שרייען הייזעריק: „קאָמפֿרע סיגאריזשאָס האַ־וואנאָס!..“ מיר האָבן שוין איינעם אַזעלכן; אָט דער נחום יאַנקל טאָקער. פֿאראיאָרן האָט ער פֿארקויפֿט דאָס לאַנד, גענומען פֿערציק טויזנטער און איצט האָט ער שוין קיין פּרוטה ניט און איז געקומען ארבייטן אלס פּע־אָן ביי דער קאָסעטשע... אייער נבואה איז מקוים געוואָרן!

— נו! — גיב איך ניט ווילנדיק אַ זאָג.

— וואָס, נו? בא מיר וועט דאָס ניט זיין. איר קענט דאָך איר, מיין שרה׳ן, אַ קאָזאַק איז זי! זי האָט שוין באַוואָרנט... צוויי און פֿופֿציק טויזנטער האָט דער קריסט באַצאָלט פֿארן לאַנד. האָבן מיר די עלטערע קינדער געגעבן צו פֿינף טויזנטער, זאָלן זיי זיך מאכן געשעפֿטלעך... איר פֿארשטייט?... זיי האָבן דאָך פֿארט פֿינף און צוואנציק יאָר געאַר־בעט... דעם שיבעניס, דעם מעזיניס, האָבן מיר נאָר דריי אלפֿים געגעבן. נישקשה, ער האָט אַ היבשע מטבע גענומען מעקלעריי באַם קריסט, דעם קויפֿער פֿונם לאַנד... (דער זון איז אליין דער מעקלער געוועזן). דער יק״א האָבן מיר איינגאַנצן פֿיר טויזנטער אירע חוב׳עס באַצאָלט... ס׳איז אזוי אַרום געבליבן פֿינף און דרייסיק אלפֿים במזומנים. ס׳וועט קלעקן ביז זיבעציק יאָר...

דערווייל זיינען אונטערגעקומען נאָך קאָלאָניסטן, באַקאַנטע, שיפֿס־ברידער, וואָס האָבן זיך איינאיינעם צענדליקער יאָרן בא דער קאָלאָניזאַ־ציע געפּלאָגט און איצט וואוינען זיי אין קאַסארעס. אייניקע זיינען שוין עקס קאָלאָניסטן, ערשט ניט לאַנג געפּטור׳ט דאָס פֿעלד...

איינער גיט מיך איראָניש אַ פֿרעג:

— נו, ווען קומט איר שוין אריין צו אונדז?

דער אַלטער שכן מיינער, דער שוחט קרעל, וואָס שטייט אויך דערבײַ, ניט אַ ברוגז פון זײַנע גערידטע וואָנצעס:

— אָ, ניין! ער וועט ניט „בראַסיען" די קאָלאָניע, גיכער אַן אויטאָמאָביל וועט ער קויפן, און אַלע טאָג אַרײַנקומען זיך אַ ביסל דורכשמועסן מיט אונדז; אָבער די קאָלאָניע וועט ער ניט פאַרלאָזן...

דער עולם אַרום לאָזט זינקען די קעפּ, דער שמועס ווערט אָנגעפילט מיט צער. אַ מערקבאַרע חרטה שוועבט אויף זייער־ע פּנים'ער, און דער אַלטער בערל, וואָס ווייסט קיין מאָל ניט פון כיטראַכט און איבערשפּיצלאַך, גיט זיך אַ זאָג אין דער וועלט אַריין:

— בע! — און ער קוקט אַרויף צו מײַן קאָטיש, נעמט אַ מעשענעם קנעפּל פון דער דעק, דרייט נערוויאיש דאָס שרייפּל און רעדט דערבײַ:— אַראָפּ פון דרך הישר!.. נאָך קיין זאַך פונ'ם קאָפּ טוט מיר אַזוי ניט באַנג ווי נאָך די עופות... איי — גיט ער אַ זיפּץ פונם האַרץ אַרויס. — איי האָב איך זיי ליב געהאַט, די עופות. יעדן אינדערפרי מיטן באַגינען בין איך שוין געווען בײַ זיי... ס'איז אַ פאַרגעניגן, כ'לעבן, צו האָדעווען עופות...

אייניקע שמייכלען פון בערלס תמימות.

— און דאָ וואָס האָבן מיר? — כאַפּט אונטער יאָסל רויטמאַן — אין די „קאַנפּיטעריעס" קאָרטן צו שפּילן טויגן מיר שוין ניט, צו אַלט שוין; אין בית המדרש דאָס ביסל גריזיק דאַווענען... טאַקע ס'גיט צו אַ ביסל חיות, אָבער וואָס קלעקט דאָס?.. אַ גאַנצן טאָג איז מען אין גיהנום, מאַטל, כ'לעבן אַ גיהנום! — שרייט ער צו מיר, — מ'שלייערט זיך אום בײַ די ווענט... די שקצים'לעך קלעפּן זיך באַפּירלעך אויף דער פּלייצע, גיבן צוּמאָל אַ ציפּ בײַ דער באָרד, שרייען „טשיוואַ מע"!... איך האָב נאָך ניט פאַרקויפט מײַן פעלד, איך גיי צוריק אין קאָמפּ אַריין...

די יעניקע וועלכע האָבן שוין יאָ פאַרקויפט, לאָזן טיפער אַראָפּזינקען דעם קאָפּ. אַ געדולדזאַמער שווייגן טרעט אַרײַן צווישן זיי. דער צער פונם אמת דריקט די נשמה און נעמט אַוועק די שפּראַך. ס'הערט זיך נאָר דאָס סאָפּען פון מײַנע פערד און דאָס שטילע ברומענדיק מעלאַנכאָלישע ניגונ'דל פונם שוחט קרעל.

איך האָב געפונען פאַר נויטיק אונטערצוברעכן דאָס שווייגן:

— וואָס זאָגט איר, קרעל? — פרעג איך — וואָס פאַר אַ רוח האָט איך געטראָגן אַהער!

— איך? — גיט דער שוחט א שאָקל מיט די שווערע האַריקע ברעַ־מען, — איך? איך בין אַלט און קראַנק... — די מורא פאַרן טויט האָט מיך אין שטאָט אריין געטריבן, ניטאָ קיין דאָקטער אין דער קאָלאָניע...

— און ווי אזוי קען זיין אַ דאָקטאר אין אַ קאָלאָניע וואָס איז אויף 17 לעגואס צעשפּרייט? — זאָגט דוד מוטשניק — אַ קללה צו די קאָלאָ־ניזאטאָרן! ווען זיי וואָלטן געוועז געגרינדעט ד ע ר פ ע ר אַנשטאָט די צעוואָרפענע גרופּעס, וואָלט קיין איד ניט געוועז אריין אין שטאָט. זיי האָבן אָבער געוואָלט אסימילירן אונדז, די פאַרשאָלטענע! דורך זיי ווערט חרוב ומוחרב אונדזער אידישער ישוב, אונדזער שיינער אידעאַל...

— אויך די פרייהייט איז דאָרין שולדיק! — רעוועט ארויס דער פּריערדיקער ד. נ. — ווען מיר זאָלן נים געוועז קענען פאַרקויפן, וואָלט איך מיין פעלד נאָך ניט געוועז פאַרקויפט... מיין שרה זאָגט אויך אזוי... ס'איז אַ יצר הרע אזוי פיל געלט... איך האָב עס געוואָלט צייל... איצט טוט מיר באַנג. דער גוי וויל אָבער נים אָפּגעבן צוריק...

ס'האָט מיר פאַרקלעמט באַם האַרץ. אוי, ברידער, איז קענט נים פאַרטראָגן דאָס ליכט, ס'שאַדט אייך די פרייהייט — האָב איך מיר געַ־טראַכט. כ'האָב אַ שמייכל געטאָן די פערד און בין אוועקגעפאָרן פון זיי.

איך פאָר און טראַכט. דער מוח ברענט, די שאַנדע וואַשט מיר דאָס פּנים. איך פרעג זיך: וואָס בין איך און וואָס פאָר אַ פאָלק זיינען מיר? איך זאָל זאָגן איך בין אַ קאָלאָניסט? האָבן דאָך אַזעלכע דרייסיק יעריקע קאָלאָניסטן ווי איך, גענומען און פאַרקויפט דאָס פעלד צו אַ גוי און די נשמה, דעם דריטל־הונדערט יעריקן אידעאַל, צום טייוול געשיקט...

און וואו ווערט אַהינקומען די מי, דאָס בלוט און שוויים, די אָפּערוויי־ליקייט, די מיזאַמקייט, די יסורים וואָס די קאָלאָניזאציע האָט אונדז געַ־קאָסט?

זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס זיינען מיר? וואו ליגט די סיבה, דער זאָמען פון דער צעשטערונג? פון וואַנען וואַקסט ארויס די שרעקלעכע רואינע, דער קלאָגעדיקער חורבן פון דער קאָלאָניזאציע? איך שעם זיך צו טראַכטן אפילו, אז... אין אונדזער אידיש בלוט געפינט זיך ניט די ליבע צו דער אַגריקולטור, אז אין אידישן האַרץ איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דאָס געזונטע דערהויבענע, פאַר דער רייכער, שיינער נאַטור... כ'לעבן, ס'איז אַן אבסורד צו דענקען אזוי! האָבן דען ניט די אַלע וואָס פאַר־

קויפן איצט און אנטלויפן פון דער נאַטור, ניט נעאָפּערט זייערע בעסטע יאָרן אַף צו פאַרפיינערן, פאַרפאָלקאָמענערן איר? זיינען זיי דען ניט מיט מסירות נפש דורך אַלע מענטשלעכע ליידן און נאַטור קאַפּריזן דורכ־נעגאַנגען און דאָך אויסנעבויט די קאָלאָניעס? האָבן זיי דען ניט פון אַ מדבר שממה אַ גן־עדן נעמאַכט? און דאָך, מיין גאָט! זיי וואַרפן זי איצט אוועק! וואָלט דאָס אַן אַנדערע אומה אויך געטאָן?..

אַ קראַנקע איז די קאָלאָניזאַציע געבוירן געוואָרן, — עקסבערט מיר אַ געדאַנק אין מוח. קראַנקע עלטערן האָבן אַ קראַנק קינד נעבוירן, וואָס איז צום אונטערגאַנג באַשטימט!

די פראַנצויזישע אידן פאַרשטייען אייך ניט, זיי האָבן אייך שטענ־דיק דערנידעריקט, באַליידיקט, באַשפּיגן און געשימפּט, אַ דריטל מאה יאָרן אייך אונטער זייערע פיס געהאַלטן, מיט אייער מיינונג קיין מאָל זיך ניט גערעכנט, דעם קלענסטן איננל פון דער אַדמיניסטראַציע, דעם אומווירדיקסטן מאַראָקאַנער שטיוול־פוצער האָבן זיי מער נאמנות גע־געבן, ווי אייערע געטרייסטע און געבילדעטסטע קאָלאָניסטן, מ'האָט פון אייך אַן אומשטאַנדהאַפטע נערוועאישע באַשעפעניש נעמאַכט... איז איצט, נאָך דער אויסגעקעמפטער פרייהייט, ברעכן אויס איינגעהאַלטענע ליידן, און עס ווילט זיך אָפּצאָלן מיט'ן זעלבן שפּייעכץ די אדונים אין פּנים אריין... נקמה נעמען פון די דערציער!

דאָס גיט מיר מיין מחשבה אָן אַלס סיבה צום קאָלאָניזאַטאָרישן דורכפאַל. איז עס אָבער ריכטיק? טראָגט עס כאָטש אין זיך איין זעמדעלע, איין קערנדל אמת?... מיין האַרץ זאָגט מיר אַז ניין, און טויזנט מאָל ניין. ס'מוז זיין אַ טיפערע סיבה, ניט בלויז נקמה און אויך ניט כדי צו וועלן ציילן, ווי דוד נעמיטשעניצער האָט געטאָן, פאַרלאָזן מענטשן זייער אַלטע, אין משך פון דרייסיק יאָר אויסגעוואָרימטע, נעסט און ציען אין שטאָט אריין... אַ געהיימניס פון דעם מענטשנס נשמה איז באַהאַלטן אין דעם. ס'איז אַ סוד פון דער מענטשלעכער, און אפשר נאָר פון דער ספּע־ציפיש אידישער נשמה... זאָל דער קומענדער פאָרשער, דער פּסיכיאַטר, וואָס קען זיך אריינגריבלען אין דער טיפעניש פון דער נשמה, זאָל ער עס אונטערזוכן און זאָגן פאַר וואָס?

איך וועל אייך נאָר איבערגעבן דעם חורבן וואָס וואַקסט און נייט, שלינגט און פאַרדאַרבט אַזאַ רייכן שיינעם אידעאַל.

XXXII

שכנא גוי

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַנציען די נײַע באַלעבאַטים, גוים מיט זײערע טשערעדעס חזירים, אין מאוריציאַ. און די טמאים האָבן אָנגעהויבן קריכן, דאַקוטשען, אויפפרעסן אַלץ בײַ די אידישע שכנים, בײַ די וואָס האָבן ניט געוואָלט און אויך זיך ניט געגוויטיקט צו פאַרקויפן דאָס לאַנד.

די גאַנצע קאָלאָניע איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט האַס, גאַל, גיפט אַף דער יק"א און מיט האַרץ־ברעכעניש אָנצוקוקן די גויים...

ס'האָבן אָנגעהויבן צו קראַכן די שטאַרקסטע דעמבעס; די ריזיקע בוימער, די אײַנגעוואָרצלטע, האָבן זיך געבויגן און געבראָכן. ס'איז אַזוי ווייט געקומען, אַז דער גרויסער דעמב, דער אײַזערנער אידעאַליסט שכנא גוי, האָט דערפילט און אַ קרעכץ געגעבן...

ס'איז כדאי איר זאָלט זיך באַקענען מיט אונדזער ליבן, אײדעלן און אויך גראָבן שכנא גוי.

מיט דעם צונאָמען איז ער באַקענט אין קאָלאָניע. דער דירעקטאָר הירש האָט אים צוריק מיט פינף און צוואַנציק יאָר מיט דעם נאָמען גע־קרוינט.

אין אַ דיסקוסיע מיט הירשן וועגן דעם פּראָצענט פון קאָנטראַקט, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן ניט געוואָלט אונטערשרײַבן, האָט ער, שכנא, דעם דירעקטאָר אַ פראַגע געשטעלט:

— ווי קומט פילאַנטראָפּיע, נדיבות, יושר, צו דעם געפערליכן סם, גיפט, פאַרגיפטיגונג — פּראָצענט? ווי קענען די צוויי עקסטרעמען זיך צונויפגיסן? און אַז יאָ, ווער וועט וועמען גובר זײַן?...

בײַ הירשן האָט זיך די קפדנ'ישע נאָז גלײַך אָנגעצונדן:

— ס'איז ציניזם! — האָט ער אויסגעשריען — ניט קיין פּראָצענט... מ'דאַרף קענען בוכפירונג!..

— וואָס מיר ציניזם! — ענטפערט שכנא, — רופט עס בעסער ווי דער הומיש רופט עס: „נשך". ס'בײַסט ווי אַ שלאַנג און ס'וועט אײַנבײַסן און אויפפרעסן אונדזער נײַעם ישוב...

— איר זענט אַ גוי! — שרייט אוים הירש בייז. — גייט אוועק פון מיר!..

אַט פון דעמאָלט אָן טראָגט ער דעם נאָמען גוי.

דער נאָמען פּאַסט אים כמעט אין אַלע הינזיכטן: שטאַרק, קרעפטיג, הויך און ברייט איז ער, טאַקע ווי גבר אַ גוי. טראָגט זומער און ווינ־טער שטיוול, רויבערט אַ ליולקע און אַרבעט די ערד און האָט זי ליב מיט דער גאַנצער נשמה, ווי אַן אמת'ער גוי.

די שענסטע פאַרם בײַ אונדז אין קאָלאָניע, איז אַט דעם גוי'ס. ס'איז אַ מוסטער פון דער שיינקייט און רייכקייט, וואָס אונדזער באָדן פאַר־מאָגט. וואָס פאַר אַ מיני בוימער איר ווילט, טרעפט איר בײַ אים אין וואַלד. וואָס פאַר אַ פרוכט־בוים ס'געפינט זיך אין דער געגנט, איז ער דאָ בײַם גוי אין סאַד, זיין בינשטאָק, זיין האָניק האָט אַ שם אַרום און אַרום. אפילו כל המינים פויגעלעך, די שענסטע די טייערסטע, ווי דאָס „שוואַרצע קעפּעלע", וואָס זינגט ווי דער קאַנאַריק, דאָס רויטע פויגעלע, דער „וויכילאַנטע", דער קאַלאַנדריאַ, דאָס פּיצינקעלע פויגעלע וואָס איז גרויס ווי אַ בין, דער „קאָליברי" אָדער „פּיקאַפלאָר", אַלערליי טויבן, אַלץ איז פאַראַן דאָרט בײַם גוי אין וואַלד. און אַ אידישן בוך געפינט איר אויך בײַם גוי...

ער איז ניט קיין גרויסער ידען אפילו, נאָר דאָס וואָס ער ווייסט יאָ, קען ער עס גוט, געזונט ווי אַ גוי!.. אַ הארץ האָט ער אַ ווייכס, אַ מילד אי־דיש הארץ. די שענסטע נדבה גיט דער גוי...

אָבער אַ בריזגע טאָן יענעם אין פּנים אַריין, אָפּבאָדן יענעם, קען ער צומאָל אויך, גראָב, אומגעשליפן, טאַקע ווי אַ גוי.

קומט צו פאָרן אַ קרעמער אָדער אַ תבואה־הענדלער אין קאָלאָניע אויף אַ באַזוך, גייט דורך די גאַס און טרעפט אים אָן:

— וואָס מאַכט איר עפּעס, שכנא?

— וואָס איז דיין עסק, גנב? ביזט שוין געקומען עמיצן אָפּשווינדלען, מאַשעניק?

אַלע סוחרים, קרעמער, רעכנט ער כלא נעגן דער כשר'ער ערלעכער פרנסה עבודת האדמה.

אַט דער שכנא גוי איז זיך רואיק געזעסן, זיך ניט געוואָלט צוהערן צו דער בהלה, צו דעם שטורעם וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די קאָלאָניע. אַלע זיינע שכנים פון דער גרופּע זיינען זיך צעלאָפן, אויספאַרקויפט, און ער זיצט זיך רואיק:

— אָ, די מייז פילן אז די שיף גייט אונטער, — ווערטלט ער זיך אנומלט פאר מיר. — איך, — באַטאַנט ער מיט זיין הילכיקן קול, — וועל ניט אוועק. בעסער דערטרונקען ווערן מיט דער שיף צוזאַמען!..

און ער איז עס מקיים, דער אידעאַליסט. ער דרייט זיך אַרום איינער אַליין, איין איד מיט אַ ווייסער באָרד און גראָבע שטיוול, איין איד צווישן אַ באַנדע חזירים פון די גויאישע שכנים, וואָס רינגלען אַרום זיין שטוב; זיי קנורען הייזעריק אין די אויערן, צערויען זיין פעלד, גראָבן אונטער זיינע פרוכט-ביימער, וואָס ער האָט זיי יאָרן מיט זיין בלוט און שוויים באַנעצט און אויפגעצויגן.

איינמאָל נאָר האָט ער געפּרואווט, איין איינציק מאָל, נעמען אַ שטעקן אין האַנט און דערלאַנגען דער בשר'ער חיה, ווען משיח וועט קר מען. איז אָנגעלאָפן דער בעל הבית און איז מלא רחמים געוואָרן אָפן דבר אחר, וואָס אַ פאַרשאָלטענער איד מיט אַ באָרד שלאָגט אים. און אָפן געוואַגטן אידן איז ער מלא חימה געוואָרן און האָט אים מכת רצח גע־שלאָגן און מבטיח געווען, אָפן הן פון זיין חזירײַ, אַז דאָס צווייטע מאָל וועט ער אים פשוט אָפ טויט דערשטעכן... שווייגט ער שוין פון דעמאָלט אָן, דער אידעאַליסט, און לאָזט די פּירפּיסיקע קריכן. ער זאָגט שוין איצט, אַז ווי באַלד דאָס רוב קאָלאָניסטן וועלן זיין גויים און אויב, הלילה, זיי וועלן אין מאוריציאָ שטעלן אַ קלויסטער, ווי זיי זאָגן, ווייל דער זכות פון דער מאַמע מרים איז זיי ביינעשטאַנען צו באַקומען אַזאַ קולטיווירטן באָדן פאַר אַ שיבוש נעלם, — דאַן וועט ער בעטן בײַ די גדולים פון דער יק"א, זיי זאָלן בײַ אים אָפּנעמען דאָס לאַנד און אים געבן דערפאַר אַ שטיקל פעלד דאָרט אין ארץ ישראל...

פאַרקויפן דאָס לאַנד דאָ, חלילה! דאָס לאַנד, די ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל אידישע טרערן און מיט אידיש בלוט, איז אדמת קודש... אַ „מועל בקדשים“ איז יענער — אַזוי זאָגט ער — וואָס פאַרקויפט מאוריציער ערד.

דער הסכם אָפ צו טוישן מאוריציער ערד אָפ ארץ ישראל איז בײַ אים נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן מיטן אָנקומען פונם נייעם דירעקטאָר. ער איז דאָך פון דאָרט! ער וועט דאָס מיר מאַן!..

נו, האָט ער ווידער אַמאָל געפּרואווט. איר מעגט דאָס וויסן.

אין פענסטער פון אדמיניסטראַציע איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ צעטל:

„דער נייער אדמיניסטראטאר איז געקומען און איז צום שפרעכן".
די קאָלאָניסטן האָבן שוין אָבער זיין שם פון וויטן געהערט און האָבן זיין פרצוף נים געוואָלט אָנקוקן; אייניקע לעקער, מוסרים, האָבן אפילו יאָ אַף דער טיר געקלאַפּט, האָט ער זיי אָבער נים אריינגעלאָזן צו זיך. — די מסירה אייערע — האָט ער זיך אַ פּנים געטראַכט — האָב איך ליב, נאָר אייך אליין האָב איך פיינט...
ער האָט געהייסן שפּאַנען דעם קאַטש, מיטגענומען מיט זיך דעם יונגן אדמיניסטראטאָר פ. מ. און איז ארויסגעפאָרן אָנקוקן מאוריציע. זי איז אים טאַקע באַלד נים געפעלן געוואָרן. און ווי האָט זי אים יאָ גע־קענט געפעלן!
אַף יעדן טריט האָט ער אומאַנגענעמלעכקייטן באַגעגנט. אין אייניקע טשאַקרעס האָט מען אים פּשוט נים געוואָלט אריינלאָזן. אין איין אָרט האָט ער געטראָפן אַז דאָס פעלד געהערט שוין צו אַ גוי און דאָרט ווייטער איז דאָס ארענדירט. און ווען ער האָט לעבן דער גרופּע 38 געוואָלט אויסמיידן אַ טיפן זומפּ, אַ בלאָטע־גרוב, און אָנווייזנדיק אַפן הערב וואָס ס'טראָגט אַף זיך דער געלער קאָטש, .J. C. A, באַפוילן אַן אַלאמבראַדאָ אויפצושניידן, כדי ער זאָל קענען דורכפאָרן, האָט אים אַ רוסישער שיינעץ, אַ פּעאָן פון דער טשאַקרע, געענטפערט: — „ליעז וו באַלאַטו"! די טשאַקרע געהערט צו מיין באַלעבאָס, נים צו דיר...
אַ בייזער, אַן אָנגעצונדענער איז ער אין אָוונט געזעסן און מוסר געזאָגט דעם אדמיניסטראטאר פאַר דער שוואַכער דיסציפּלין. דער יונגערמאַן האָט אים געוואָלט איבערצייגן, אַז ס'געפינען זיך נאָך אין מאוריציע גוטע, געהאָרכזאַמע קאָלאָניסטן, און האָט אים מיטן באַנינען צו־געפירט צו שכנא גוי.
אין קאָראַל, מיט דריי מעלק־שעפלעך אין די הענט, האָבן זיי דריי מענטשן געטראָפן; אים, דעם אַלטן גוי, זיין אַלטיטשקע און זייערס אַ מיידל פון אַ יאָר 18, מעלקן די בהמות.
ווען שכנא האָט דעם קאַטש דערזעען, האָט ער דאָס שעפל אוועק־געשטעלט, אָפּגעווישט די הענט און די וויסע, מיט מילך באַשפּריצטע באָרד, אראָפּגעכאַפּט דאָס היטל און מיט אַ הכנעה'דיקער יראה געמישט מיט בטחון, האָט ער אים אַ ברוך־הבא, מיט אַן ארץ ישראל'דיקן שלום עליכם דערלאַנגט...
נאָר ווי אָנטוישט און פאַרבליפט איז ער נעבעך געוואָרן, ווען דער

דירעקטאָר האָט אים דוקא אַ הויך־לאַרץ'דיקן פּנים געוויזן. און ווען שכנא האָט פאַר אים זיין הייסטן וואונטש פאַרגעלעגט, אַ שטיקל פעלד אין ארץ ישראל פאַר דער מאוריציער ערד צו טוישן, האָט ער אים פּשוט געענט־פערט:

— איר ווילט אויף דער מוטער רחל'ס קבר? דאַרט זיינען פאַראַן גע־נוג שלעפּער. און אַן אַ זיי־געזונט, האָט ער אים שטיין געלאָזט און איז זיך אַוועקגעפאָרן.

אויפן וועג פאַרנדיק, זאָגט דער דירעקטאָר צום אדמיניסטראַטאָר:

— איר זאָלט מיר דעם שלעפּער עמבאַרגירן! אכט הונדערטער הינ־טערשטעליקע איז ער שולדיק, זאָל ער זיי באַצאָלן...

דער יונגערמאַן האָט אָנגעמערקט, אַז שכנא איז פון די בעסטע צאַ־לערס, נאָר אַ פּאָר יאָר, אַז ס'איז בא אים די קאָסטעטשע דורכגעפאַלן, אַז ער איז איצט אָרעם און ס'איז ניטאָ בא אים וואָס צו עמבאַרגירן...

— איך האָב אכט קי אין קאַראַל געזען. זיי האָבן די ווערט דאָס געלט. עמבאַרגירט זיי... — איז געווען דעם דירעקטאָרס ענטפער.

דער אידעאַליסט האָט אָבער ניט דערלאָזט צו דער שאַנדע. ער האָט אַליין פיר פון זיינע אכט קי פאַרקויפט, אריינגעטראָגן 400 פעזאָס אויפן קרן, ד. ה. דער קרן וואָס אנטהאַלט אין זיך דעם פּראָצענט פון די הינ־טערשטעליקע יאָרן, און נאָך 32 פעזאָס אויפן פּראָצענט פון דעם לויפענדן יאָר און מיט דער הילף פונם אדמינסטראַטאָר, וואָס האָט געבעטן פאַר אים, האָט אים דער נייער באַוויליקט אָפּוואַרטן אַ גאַנץ יאָר צייט...

ער שווייגט שוין איצט, דער אידעאַליסט. ניט קיין מייז אנטלויפן פון דער זינקענדער שיף, נאָר גיבורים, שטאַרקע מאַטראָסן, וואָס האָבן פינף און צוואַנציק יאָר מיט אַלערליי שטראָמען, מיט די שטאַרקסטע גרויזאַמסטע כוואַליעס געקעמפט. גראָדע אַזעלכע פאַרלאָזן זי.

XXXIII

די נקמה פון דער יק״א

פופציק אידישע קאָלאָניסטן האָבן שוין דאָס לאַנד פארקויפט. — איר זע קברים. — אַלטע קאָלאָניסטן גייען אום מיט מאַראַנצן אין בוענאָס איירעס — יונגע דינען אַלס באַטראַקעס בא די גויים וואָס האָבן זייערע עלטערנס נחלאות אפגעקויפט. — שולדיק זיינען ניט די קאָלאָניסטן נאָר די מנהיגים. — נקמה אינם שקלאַף וואָס האָט געוואָגט צו צעברעכן דעם יאָך פון די מושלים. —

פופציק קאָלאָניסטן, — זאָגט מיר דער אדמיניסטראטאר פ. מ. — האָבן שוין דאָס לאַנד פארקויפט. צוואַנציק זיינען ווי פארקויפטע.

איר הערט? פופציק פון אונדזערע פיאָנערן, פופציק אידישע נחלאות געהערן שוין ניט צו אונדז.

און די איבעריקע געהערען דען יאָ צו אונדז? נאָך א צען יאָר אין אין מאוריציאָ וועט קיין איין אידישע נחלה ניט בלייבן.

און די גאַנצע ארגענטינער קאָלאָניזאציע? תיקו...

דעם 2־טן אפריל 1917, זיינען מיינע צוויי גוטע פריינט, ישראל דיניעץ און מאָטל טאבאקמאַן צו מיר געקומען. עלנט, יאוש, חושך און ווי איז אָף זייער פנים געלעגן.

— איך בין שוין אוים קאָלאָניסט, — זאָגט צו מיר דער ערשטער, און דאָס פנים צוברעכט זיך אים אין שטיקער.

— פאר וואָס? ווי קומט עס?

— אָ, פרעגט נים! איך האָב גענוג געקעמפט.

און ער דערציילט מיר:

— מיין אדוואָקאט, בורגאזשאַ, פון מערסעדעס, האָט מיר געשריבן, אז דער משפט איז פארשפילט. דער נייער דירעקטאָר אליין איז אין מערסעדעס געוועזן. ער האָט זיך געזעען מיטן גאַנצן טריבונאל... ער איז א מייסטער אָף אומצוגיין מיטן באקשיש... איר פארשטייט?... ער איז גרויס, זאָגט אונדזער אדמינסטראטאר, אָפצוקויפן די גאַנצע גערעכטיקייט, אבי נוקם צו זיין זיך אָן אייך... דער אבאָגאדאָ שרייבט איך זאל זען צוגרייטן דאָס געלט, אז ניט וועט דאָס פעלד מיינס און נאָך פיל אנדערע קאָלאָ־

ניסטישע לענדער פארקויפט ווערן אין „רעמאטע כודיסיאל“ (אויף א געריכטלעכער אוקציאָן).... און איר ווייסט דאָך, ווי באַ אזא ליציטאַציע ווערן די פרייזן גענומען! האָב איך געמוזט, ברודער, איידער פארברענגען דאָס לאַנד און ס'זאָל גאָרנים בלייבן, בעסער דאָס פארקויפן.

דער צווייטער, טאַבאַקמאַן, האָט זיך צוואַנציק העקטאַר איבערגע־לאָזט.

און זיי האָבן מיר גענומען אויסרעכענען די אַלע אומגליקלעכע וואָס זיינען געצוואונגען געווען צו פארקויפן און זיינען שוין אין דער שוואַר־צער ליסטע פון די עקס קאָלאָניסטן.

— נאַט זעט — זאָגט טאַבאַקמאַן, — דעם חורבן וואָס די געזעל־שאַפט האָט איצט מיט איר לאָדעניש, מיט איר געלט מאָנען, מיט אירע דעסאַלאָכאָס, פאראורזאַכט אין מאָוריציאָ! אַלע אונדזערע חברים, אַלע טאַפּערע העלדן, וואָס האָבן גלייך מיט אונדז געקעמפט, געליטן פון דער שיף אָן, זיינען שוין באַלד ניטאָ...

יאָ, סברים זעה איך, באַגראָבענע אידעאַלן, פארלוירענע האָפענונגען, אנטוישטע אילוזיעס. אָט איז נחום יאַנקל טאָקער: ערשט דריי יאָר ווי ער האָט דאָס לאַנד פארקויפט און גייט שוין אום מיט א קוישל מאַראַנצן אין בוענאָס איירעס און שרייט:

— „נאַראַנכאַס, באַראַטאַ, כעניאָרעס“. מציאות קויפט, קונים!

און אָט זע איך די קינדער פונם פארשטאָרבענעם מענדל שניידער פירן ציגל מיט צעמענט פארן אדוואָקאַט דר. פערעז, וועלכער האָט זייער פאָטערס לאַנד, זייער לאַנד, אָפּגעקויפט, און בויט זיך דאָרט א פּאַלאַץ אויס!

קינדער פון די עקס קאָלאָניסטן זיינען שוין באַטראַקעס באַ די קריסטן, וועלכע האָבן זייער נחלה אָפּגעקויפט...

און צי וועלן ניט אָט די קינדער און די קינדערס קינדער מוזן הערן שימף־ווערטער און באַליידיגונגען פון אָט די איטאַליענער, פראַנצויזן און גאַזשעגאָס? — אידישע פוילענצער! — וועלן זיי שרייען — זאָלסט גע־ווען וועלן ארבעטן, וואָלט דיין פאָטער ניט געווען מיר אזא רייכן פרוכט־באַרן באָדן פארקויפט..

פון סבר וועלן זיי די ביינער פון די ערשטע פּיאָנערן ארויסוואַרפן. די קינדער, די אייניקלעך, וועלן זיי אליין סללה'ן און שעלטן:

— טויגעניכצן זיינען אונדזערע עלטערן געווען, דריי־קעפּ, שווינד־

לער, סוחרים! האבן אזא ערד, א גאלדענע מינע פאר א שיבוש געפטר'ט!..

און ווער איז דער אמת'ער חייב דארינען? אונדזער ירושה־פעלער, צי אונדזערע פאסטוכער? צי אפשר ביידע צוזאמען?..

איך באשולדיק זיי, די מנהיגים, און נאר זיי און הונדערט מאל זיי, די אדונים, מיט זייער נקמה.

„איר ווילט ניט אונדזער ממשלה, נאט, האט נאר ניט, ווערט חרוב!" דאס איז געווען זייער לאזונג.

דער גרויסער אחד העם האט ערגעץ נעקלאגט־

— העם כי יחרב מי יבנהו?

זאל מיר דער גרויסער מייסטער מוחל זיין; א פאלק ווערט קיין מאל ניט חרוב. דער חורבן זיינער וואקסט ניט פון אים גופא נאר פון זיינע פירער, זיי מאכן אים חרוב... בלעטערט דורך די געשיכטע, זינט מענטשן האבן זיך איין משפחות און שבטים און אין פעלקער פארמירט, קוקט דורך אלע זייער חורבנות, צי וועט איר טרעפן איין חורבן וואס זאל שטאמען פונם פאלק אליין? מ'שטופט אים אין דער רואינע, מ'פאראירט אים, ער זינקט און פאלט, פאלט, ביז די שטיקער חורבה רייסן די שטאר פון זיינע פארבלאנדזשעטע אויגען אראפ און ער דערזעט דעם תהום און כאפט זיך צוריק. דאן איז וויי צו זיינע פארפירער!

אריסטאטעל האט די מאסע מיט אירע אמת'ע פארבן באצייכנט: א גרויסע חיה בלינד אף די אויגן.

און ווי ערלעך און שיין האט די ביבל אונדזער משה'ן דעם עניו כאראקטעריזירט: „מחיני נא מספרך" — האט ער געבעטן. ווען זיין פאלק איז פונם דרך הישר אראפ, האט ער די שולד אף זיך גענומען: מעק מיך אויס פון דיין רייסטער, איך בין זייער לערער, זייער פירער, איך האב זיי שלעכט געפירט...

אונדזערע איצטיקע גדולים ווילן אבער ניט מודה זיין, אז זיי האבן די קאלאניזאציע שלעכט נעגרינדעט און נאך ערגער געפירט. זיי ווארפן די שולד אף די קאלאניסטן און זוכן נקמה.

יא, נקמה. קיין אנדער סיבה צו זייערע איצטיקע מעשים, די דעמ־אלאכאס, דאס קאמפ שניידן, אפזאגן די קאלאניסטישע קינדער צו קאַ־לאניזירן, דאס אונטערשטופן דעם איבערגאנג פון די פעלדער אין גויע־שע הענט — אין דעם אלעמען זע איך ניט עפעס אנדערש, ווי נאר נקמה, ראבע נעמען אין דעם שקלאף, וואס האט געוואגט צו צעברעכן דעם איי־זערנעם יאך פון די מושלים.

XXXIV

קוסט נאָר אריין אין אונדזערע דרייסיק יאָר

זאָלן דרייסיק יאָר אַרבעט און פּראָגרעס עדות זאָגן! — אַ וואָרט צום היסטאָריקער. — דאָס פאַלשע ליכט פון די רייכע קאָלאָניסטן. — פּי־כּוחרים און ערד־אַרבעטער. —

ווייניקע פּאַציפיסטישע פּשרנים, שמאַטע הענדלער, קרעמער, סוחרים, ווילן פאַרענטפערן די מעשים פון אונדזערע טיטוס'עס, פון אונדזערע צעשטערער:—„ס'איז מלחמה, ס'איז אַ גרויסער מאַנגל אין געלט, די יק"אַ מוז אַרויספרעסן פון אָרגענטינער קאָלאָניזאַציע וויפל ס'איז נאָר מעגלעך.—זאָגן זיי.—זאָל איין קאָלאָניע פאַרקויפט ווערן. וואָס קען מען טאָן?.. אַ טייל דרינגען נאָך אַנדערש: זיי שטופּן אונטער דעם פאַרקויף פון די פעלדער — זאָגן זיי — בכדי דערמיט אַרויסצופּטר'ן די שוואַכע עלעמענטן, די שאַכערניקעס... זאָלן זיי אויספאַרקויפן און זיך גיין, וועט מאָוריציאָ נאָך זיי בלייבן אַ ריינע, אַ געלייטערטע...

אַבסורד, דומהייט, משוגעים וואָס איר זענט! זיינען דען די אַלע פופציק משפחות וואָס האָבן שוין פאַרקויפט, און די צוואַנציק וואָס זיינען ווי פאַרקויפט, אַלע שאַכערניקעס געווען? זיינען דען ניט די שמילטשוקס, קיילעס און צוואַנציק אַנדערע, ניט קיין נעוועזענע אַקערבויער פון דער היים? זיינען דען ניט זיי, ווי זייערע עלטערן, קאָלאָניסטן נאָך פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און אַלכּסנדר דעם צווייטנס צייטן? צי קען מען זאָגן אַף דינעין, שניידער, נימיטשינייצער, אָדעסקי, פינקלשטיין, אַז זיי זיינען ניט קיין טיכטיקע אַקערבויער געווען? גיט אַ קוק אַף זייערע גערטנער, סעדער וועלדער, זייערע פּרוכט־בוימער, זייערע בינשטאָקן מיט האָניק, וואָס זיינען שוין איצט אין גויעשע הענט, מישט דורך די ביכער באַ די תבואה סוחרים, באַ די וואָס האָבן זייערע תבואות און אַנדערע פּראָדוקטן אָפּגעקויפט, בליקט אריין אין די יערלעכע קאָסטשע־צעגזן פון דער יק"אַ אַליין און זאָגט, צי זיינען די אַלע ניט קיין טיכטיקע, געזונטע, ערלעכע אַקערבויער געווען? זאָגט, ווער האָט די שיינע מאָוריציע געבויט? ניט זיי? ניט זייערע אייגענע הענט? זאָלן קומען די דרייסיק יאָר אַרבעט און פּראָגרעס און עדות זאָגן אַף זיי, אַף פיינע געפאַלענע ברידער, די יק"אַ קרבנות, ווער זיי זיינען געווען!

איך ווייס, אייניקעלעך לעזער פון דעם בוך וועלן ציען מיט דער נאָז און זאָגן: — זע נאָר ווי ער צעיאַכמערט זיך אַזוי אויף די דרייסיק יאָר!.. טויזנטער מענטשן גייען דורך דעם סכום יאָרן אין אָרימקייט, אין דלות און נויט, און מוזן נאָך אויף דער עלטער אויף בעטל ברויט קומען. וואָס זיי־נען דרייסיק יאָר?

געוויס איז עס אייך גרינג צו זאָגן, אָבער פּרובירט נאָר דורכצומאַכן אַזאַ שטיקל וועג! אַנו, קוקט נאָר אין דער ווייטקייט, אין דער שטרעקע פון אונדזערע דרייסיק יאָר! בליקט נאָר אַריין אין איר טיפקייט, מאַכט נאָר דורך אַ דריטל מאה יאָרן אין אַ גרויזאַמען מדבר מיט שלענג, לאַנאַר־טאָס (עקדישן), בייזע פליגן, צווישן רוצחים און גנבים, אונטער אַ דיס־ציפּלין פון באַנדעס נאַטשאַלניקעס, כאַבאַרניקעס מיט אַראַפּניקעס אין די הענט... פּרוווט נאָר צו ווערן יאָרן און יאָרן דערנידעריקט און צע־נישטיקט, געטראָטן מיט די פיס פון יעדן יס"אַ שייגעץ!..

וויפיל ווייטיק און שמערץ, לייד און פּיין זיינען מיר דורכגעגאַנגען און געליטן אויף דעם וועג!.

מיר האָבן יעדער טריט מיט מסירות נפש דעראָבערט, יעדער שפּאַן איז מיט בלוט און טרערן דעראָבערט געוואָרן.

איך באַשווער דיך, היסטאָריקער, דו קאַלטער מלאך, וואָס וועסט זיך אַמאָל גריבלען אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט, דו מענטשלעכע היענע, וואָס וועסט אויסגראָבן מתים און זיי אויספּרעסן, זאָלסט אונדז נישט פאַרשלינ־גען אויף גיך, זאָלסט מיט דיין וויסנשאַפטלעכן רידל לאַנגזאַם גראָבן. אַז דו וועסט אויפגראָבן דעם ליטוואַק לייב פּרענקל, וואָס האָט איצט אין 1917 דאָס לאַנד צו אַ גוי איבערגעגעבן, זאָלסטו מיט דיין היסטאָרישן אויג זיינע ביינער באַטראַכטן. דריי מאָל זיינען אָט די ביינער צעבראָכן געווען, דריי מאָל האָבן דאָקטוירים זיי געניפּעסוועט און באַנדאַזשירט. אַ מקום מנוחה, אַ זיכערע היים האָבן זיי פאַר זיך אויסגעקעמפט און דאָך זיינען זיי אַרויסגעשמיסן געוואָרן פון איר!..

ווען דו וועסט קומען איבערן וועג פון דער באַן־סטאַנציע מאָוריסיאַ הירש, מיטן שליאַך, באַרג אַראָפּ, וועסטו דערזען אַ וואַלד. יאַנקל חוה'ס האָט אים געפלאַנצט, אַ גרויסער, ברייט־צווייגעדיקער אַקאַציען בוים שטייט דאָרט אין ווינקל, — אויב ער וועט נאָך דאַן שטיין, — דאָס איז דער „מקום מנוחה". אין קיטל און טלית וויל איך דאָ שלאָפן, — פלעגט דער אַלטער יאַנקל זיך שטענדיק ווינטשן. מיט שוויים און טרערן האָט

ער איז אַפּטמאַל באַנעצט. וויפיל קאַפּיטלעך תהילים און הייסע תפילות זיינען אונטער אָט דעם פאַראַדיזן־בוים געזונגען געוואָרן! וויפיל טרערן און טראָפּן בלוט וועסטו, היסטאָריקער, דאָרט אויף די זשוזשאַ קעפּלעך געפינען! אָבער ניט קיין זכר פון אים, פונם אַלטן יאַנקל, ניט קיין קינד, ניט קיין אייניקל פון אים; אַ גוי, אַן איטאַליענער איז שוין דער באַזיצער פון דעם לאַנד מיט דער ערד, און פון זיינע דרייסיק יאָר אַרבעט, מי שטרעבן און פליים.

אויף יעדן שליאַך, אויף יעדן וועג, וואו דיין אויג וועט קוקן, האָט זיך אונדזער שוויים, האָבן זיך אונדזערע טרערן נעגאָסן. יעדער בוימל, יעדער בלימעלע וואָס דו וועסט זען, איז אונדזער אַרבעט, די הענט פון די אימי־גראַנטן פון 1891 .אַלעס האָבן מיר פון אַ וויסטע, פון אַ ששת ימי בראשית'דיקער נאַטור געשאַפן.

מיר האָבן געדענקט צו לעבן פון דער ערשטער האַנט, ציען אונדזער חיונה פון דער מוטער ערד, און מיר זיינען ווידער אויסגעזעצט צום לופט לעבן, צו טרייבן האַנדל און נעמען מזונות וואָס ווערן געטריבן פון האַנט צו האַנט...

מיר האָבן געבוים אַ נעסט און זי ווערט צעשטערט. מיר האָבן זיך געזיכערט אַ היים און מיר ווערן פון איר פאַרטריבן. ער שווימט אַפּיר דער באָדען פון אונטער אונדזערע פיס, ער אַנטלויפט.

פאַרטריבן, יאָ פאַרטריבן מוזן מיר ווערן, אַלע קאָלאָניסטן, פון מאַר־ריציאַ. קיין איינציקער קאָלאָניסט וועט ניט קענען פאַרבלייבן אָפּגעזונ־דערט צווישן די פרעמדע שכנים וואָס דערווערבן טאָג טעגלעך שטיקער פון אונדזער לאַנד. ער קומט, דער חורבן, ער רוקט זיך אָן, דער שוואַרצער שטערן אויף דער גאַנצער אידישער קאָלאָניזאַציע. אַ פינסטערניש הילט זי איין, און אין דער פינסטער וועט זי פאַרשווינדן.

אפילו דאָס ביסל ליכט וואָס וואַרפט זיך בלומרשט אין אויג אין דער קאָלאָניע מאָזעסוויל, איז אויך נאָר אַן איר ליכט, פאַלש און האָט ניט קיין זיכערן קיום. ס'שיינען אפילו דאָרט אַרום אַ פּאָר צענדליק אַלטע קאָלאָניסטן, אָבער קאָלאָניסטן נאָר אויפן נאָמען, אין דער אמת'ן זיינען דאָס פּי־סוחרים, מיט קרעדיט אין די בענק.

וויפיל מאָל זיינען זיי שוין געשטאַנען אויפן שוועל פון תהום?

אָט איצט, ווען איך ענדיק שרייבן דאָס ווערק, זיינען די אַלע פּי־סוחרים — הירשביינס רייכע קאָלאָניסטן — אויף ככר לחם געקומען...

סוחרים! און וועלכער סוחר איז עס עפּעס זיכער מיט זיין עקזיס־טענץ? די איבעריקע, די 500 קאָלאָניסטן וואָס ציען זייער חיונה פון דער ערד, וואָס פאַר אַ מיזעריע, וואָס פאַר אַ דלות הערשט צווישן זיי! דער חושך מצרים דעקט דאָך זיי איין, דאָס עבדות פון דער דעספּאָטיע פון צוריק מיט דרייסיק יאָר איז צו לייענען אויף זייערע געפאַלדעוועטע פּנים'ער. דער אדון מיטן אראפּניק אין די הענט לויפט נאָך דאָרטן אום, מיטן אויטאָמאָוויל פירט ער אַלע מאָל דעם קאָמיסאַר. דער נייער פירט זיין ממשלה דאָרט ביד רמה, מ'מאַכט עמבאַרגעס, מ'שנייט פעלדער, מ'מאַכט דעסאַלאָכאָס, טראַנספערענסיעס... מ'דערנידעריקט זיי נאָך ני־דעריקער פון דער ערד. צעזייט און צעשפּרייט זיינען זיי אין די גרופּעס, ווי די מאָוריציער, און ליידן מאַנגל און נויט.

נו, קען אַזאַ פירונג האָפן אויף אַ קיום?

קען דען דער אומגליק זיך ציען לענגער? אייביק קען דאָס ניט האַלטן! וועט דען געלינגען די אדונים אימער און אימער זיי צו האַלטן אין דער מורא און אין אַרימקייט? וועלן דען די אומגליקלעכע אייביק ליגן אונטער דעם פּרעס? ס'מוז ברעכן און ווען ניט איצט, גלייך מיט מאָוריציאַ, וועט דאָס קומען שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט, אָבער דער חורבן, ווערלינג דער איצטיקער הנהגה, איז אַן אומפאַרמיידליעכער.

XXXV

איין כוס פאַר אַלע קאָלאָניעס

דאָס פרומקייט פון זכריה בן אבקילס און דער אידעאַליזם פון אַ טייל קאָלאָניסטישע ראשים. — אַן אָפּטימיסטישער שמראל. — מיר לעבן אין אַ צייט פון נסים. — דער ביישפּיל פון באַפרייטן רוסלאַנד. — מי יתן והיה. —

אַנומעלט זאָגט מיר אונזער גוטער אַדמיניסטראַטאָר, דער יונגער פּ. מ.:

— פאַרוואָס ערגערט איר זיך אַזוי און וואָס אַרט אייך, אַז אַ איד פאַרקויפט דאָס פעלד און באַצאָלט אונדז דעם חוב, אָדער ווען מיר וואַרפן אים אַרויס, ווען ער באַצאָלט ניט?.. אָט איז אין ענטרע ריאָס — דערציילט ער מיר — דער פּרעזידענט פון „פּאַנדראַ קאָמונאַל“, ער ניט אונדז גערעכט... מ׳מוז זיי האַלטן אין דער מורא, זאָגט יענער פּרעזידענט, אַז ניט זיינען זיי קאַפּאַבל אַף אַלץ אין דער וועלט... דיסציפּלין, זאָגט ער, איז דאָס לעבן, דאָס חיות פון דער קאָלאָניזאַציע... ווען אַ קאָלאָניסט, זאָל זיין אַף דער עלטער אפילו, באַזעצט זיך אין שטאָט, איז אַ מצוה צוצונעמען בא אים זיין לאַנד, מעג ער האָבן געאַרבעט דרייסיק יאָר בסדר... מיט גוטן קען מען מיט אונדזערע אידעלעך גאָר ניט מאַכן... אַזוי זאָגט דער פּרעזידענט און מיט דער זעלבער מיינונג פון דעם פּרעזידענט זיינען אויך אַ היבשע צאָל כלל טוער אין אַנדערע קאָלאָניעס... צווייפלט איר אפשר אין זייער ליבע צו דער קאָלאָניזאַציע? צי איז אפשר דער פּרעזידענט פון „פּאַנדראַ קאָמונאַל“ ווייניק אידעאַליסט?

— איר האָט רעכט, יונגערמאַן! מיטן גאַנצן רעספּעקט און מיט דער גאַנצער אַכטונג, וואָס איך פיל צו די אידעאַליסטישע רעדל־פירער און די קאָלאָניעס, מוז איך דאָך זאָגן, אַז... דער אידעאַל האָט זיי בלינד גע־מאַכט... זיי זעען ניט דאָס שוואַרצע מויל פונם תהום, וואָס שטייט אָפן צו פאַרשלינגען זיי מיט זייער גאַנצער קהל׳שער ממשלה, צוזאַמען מיט זייער ליבע און אידעאַל. דאָס פרומקייט פון זכריה בן אבקילס האָט חרוב געמאַכט אונדזער הויז, האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, און דער אידעאַ־ליזם פון אַזעלכע ראשים וואָס זיינען איינשטימיק מיטן טעראָר און מיט

דער גזלה פון דער אדמיניסטראציע, וועט חרוב מאכן די גאנצע אידישע קאלאניזאציע.

בלינדע, פאראירטע פאסטוכער! ווארום זוכט איר ניט נאך די אור־זאכן, די סיבות, וואס פירן דעם קאלאניסט צו פארלאזן זיין מי, זיין צענדליק יעריקע ארבעט און ארויסציען אין שטאט? ווער אנטלויפט דאס פון גוטס?

נעווים מוז אזא דעספאטישע ממשלה ווי די וואס האט זיך געפירט ביז איצט און וואס איז נאך מיטן טעראר פון טערקישן עפענדי פאר־דאפלט געווארן, פירן צו שלעכטע פאלגן.

אלע קאלאניעס וועלן מוזן טרינקען פון דעם זעלבן כוס וואס מאוריציא טרינקט איצט. און אין א פארלויף פון א פאר צענדליק יארן — הלואי זאל איך א ליגנער בלייבן, — וועלן זיי אויך איבערגיין צו פרעמדע הענט און די גאנצע אידישע ארגענטינער קאלאניזאציע וועט בלייבן אין דער געשיכטע אלס פלעק, מיט שפריצן בלוט באזוימט... צו דער שאנדע פונם אידישן פאלק און פון זיינע פאלשע פירער.

איין אפטימיסטישער שטראל שלאגט דורך דעם חושך, א געדאנק גנב'עט זיך נאך אריין אין הארץ.

א נס וועט געשעען, א וואונדערבארער, אזוי ווי מיט די מיליאנען מענטשן איצט אין רוסלאנד.

דער פוילער רעזשים פון קאזשאא 216 און דער אריסטאקראטישער פון באריז אין רו פאסקיע 2, וועלןביידע פאלן... די פארקריפלטע הנהגה, מיט אירע בייטענצערס, די גנבים און כאבארניקעס, ווי אויך די ראשים אונד־זערע אייגענע פון דארף, אלע די זויבערע נפשות, וועלן פארשווינדן... נייע, ריינע, ליבעראלע מענטשן וועלן זיך שטעלן באם רודער פון דער האלב געזונקענער שיף און וועלן זי ארויספירן צו א געזיכערטן ברעג.

און אפשר לעבן נאך א פאר פון די גאר עדעלע אקציאנערן וואס דער באראן האט זיי די פאלקס מיליאנען אנפארטרויט? אפשר וועלן זיי בכבודם ובעצמם קומען אהער, אפשר וועלן אויפשטיין מענטשן אין איי־ראפע און אמעריקע, מענטשן מיט הארץ, מיט נשמה, און זיי וועלן קומען רעפארמירן דעם קראנקן אומווירדיקן גרופע־סיסטעם, וועלן גרינדן דער־פער, וועלן אפשאפן די ממשלת הזדון מיטן שמוציקן פראצענט, וועלן עפענען דעם קאנאל פון דער אימיגראציע, דעםברייטן, שיינעם, עדעלן

רעיון פונם באראן, וועלן מאכן דאַ אַ קליינעם „קבוץ גליות", וועלן אריינ־ברענגען טויזנטער פון אונדזערע ארעמע פּאָגראָמירטע אידן „הנהרגים והנשחטים" און וועלן זיי באַזעצן דאָ לעבן אונדז, אונטער די שיינע נייע הימלען, אונטער דער פרייער בלוי־ווייסער פאַן פון בעלגראַנאָ און סאן מארטין און וועלן זיי לאָזן ארבעטן די פרוכטבארע ארגענטינער ערד!..

אפשר וועלן זיי קומען. „לא אלמן ישראל". מיר האָבן דאָך נאָך ערגעץ עדעלע אידן, גוטע מענטשן! זיי וועלן קומען, וועלן ארויספירן אונדזערע נדחים פון די זאמדיקע פלאַכעס אין דער פּאמפּא־קאָלאָניע בערנאַסקאָני, פון די זאַלץ־גריבער אין סאנטיאַגאָ דעל עסטערא, פון דער קאָלאָניע דאָרא, וועלן ארויסהעלפן אונדזערע פארוואָגלטע אין די זומ־פּיקע פעלדער פון סערעס, וועלן צוריקברענגען אונדזערע פארטריבענע פון די אור־וועלדער אין בראזיל און זיי וועלן אונדז געבן די מעגלעכקייט צו רעאָרגאַניזירן אויך אונדזער ליבע קאָלאָניע מאוריציע, וועלכע פארמאָגט נאָך דערוויל זיבעציק אלטע קאָלאָניסטן, אויסער די יונגע אין סאנטאַ טאָמאַס און די נייע אין לאַ עספעראנסאַ, און וועלן דערמיט צוריקשטעלן דעם נאָמען פון באראָן הירש און דעם נאָמען פונם אידישן פאָלק.

זאָלן מיר האָפן? זאָלן מיר גלויבן אין נסים?

אַ ציים פון נסים! אָט האָט איר דאָס פרייע רוסלאַנד! זאָל מיט אונדז אויך אַ נס געשעען?

זאָלן מיינע אויגן נאָך זעען דאָס רעאָרגאַניזירן פון די אלע אידישע קאָלאָניעס, אונטער דער הנהגה פון אַ פרייער געזונטער אידישער קאָלאָ־ניזאַציע־געזעלשאַפט.

מי יתן והיה!

ש ל ו ם פ ו ן ד ע ר ד ר י ט ע ר ט י י ל

קאָלאָניע מאוריציע—1917

אינהאַלט:

זייט

א לעגענדע במקום הקדמה — 3
חורבן מאָוריציאַ — 6
בילדונג — 14
די יק"א מאַנט און די קאָלאָניסטן צאָלן — 22
מיינער אַ באַריכט קיין פּאַריז — 30
לעאָן כאַזאַנאָוויטש — 33
טיטולאַס — 40
פּאָליטיק צי כאַבאַר — 47
דאָס זאַטע יאָר — 53
אַ נצחון פון דער יק"א — 56
דער מיליאָן — 64
דער אַרטיקל אַכט פונם קאָנטראַקט — 69
דער שוואַרצער שבת — 76
מאָוריציאַ אין קעשענע בא די שפּעקוליאַנטן — 80
די יק"א האָט באַשטימט חרוב צו מאַכן — 84
די שבועה — 89
די האָפענונג ווערט מקוים — 96
דער פרומער אונגרע — 103
שיינקייט פאַר אַ חורבן — 107
דער כוח פון די מיליאָנען — 114
א דעלעגאַציע קיין פּאַריז — 120
א בייזער שפּיל — 124
דער נייער דירעקטאָר און זיינע גזירות — 131
שמואל מוזשיק — 136
צלם שין — 139
דער קלאַנג אַז יק"א איז באַנקראָט — 145
שרייבער צוגאַסט אין מאָוריציאַ — 151
דער לעצטער אַדמיניסטראַטאָר — 160
אף די טרעפּ פון קאַזשאַ 216 — 169
מיין אוידיענץ באַם דירעקטאָר ש—מעט — 173
אף דער פּאַלמער באַנק — 179
דעם נייעם דירעקטאָרס הומאַניטעט — 184
דער יצר הרע פון געלט — 189
שכנא גוי — 194
די נקמה פון דער יק"א — 199
קוקט נאָר אריין אין אונדזערע דרייסיק יאָר! — 202
איין כוס פאַר אַלע קאָלאָניעס — 206

דרוקעריי און ליטאָטיפּיע פון קראַסילאָווסקי און פּערצאָווסקי,
וואַלענטין גאָמעז 2719—ב. איירעס.

פארלאג און בוכהאנדלונג
ג. קאפלאנסקי
קארריענטעס 2614
בוענאס איירעס

Talleres Gráficos
Krasilovsky y Pertzovsky
V. Gomez 2719, B. Aires